STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06515

ALT UN NAY IN YISROEL

Nissan Gordon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלט און ניי אין ישׂראל

אַ וואָרט פון פּאָבליקיישאָן קאָמיטעט

מיר האַלטן עס פאַר אַ גרויסע און נוצליכע אויפגאבע ארויסצוגעבן אין דרוק הרב ניסן גאָרדאָניס „אַלט און ניי אין ישראל" און ברענגען דעם אידישן לייענער אַ גרוס פון הייליגן לאַנד דורך אזא פאַראנטוואָרטליכן, הויך־באַזעלטן און תּורה־דיק־דורכגעדרונגענעם שליח.

די אָרטאָדאָקסישע וועלט אין אַמעריקא בכלל, און די רבנישע בפרט, האָט אין ר׳ ניסן גאָרדאָן אַ זעהר געטרייען און באַוואוסטזיניגען פריינד, אָדער ריכטיגער געזאָגט — אַן אייגענעם טריבון וועמענס פען איז שטענדיג אויף דער וואַך פאַר אַלע קדשי האומה.

ר׳ ניסן גאָרדאָניס „אַלט און ניי אין ישראל" איז אַ טיפער אַריינבליק אין דער תורה׳דיגער מחנה פון ארץ הקדושה, פון איר לערנען תורה און פון איר בויען דאָס לאַנד. ער נעמט אונז מיט אין פילע ווינקלען פון הייליגן לאַנד וועלכע זיינען לגמרי אומבאַקאַנט און ער שילדערט זיי פאר אונז מיט אַ פען וואָס איז איינגעטונקט אין תורה־ברונים און איז צו דער זעלבער צייט אַזוי קאָלירפול און סטיליסטיש.

מיר באַגריסן הרב ניסן גאָרדאָן צו דער דערשיינונג פון „אַלט און ניי אין ישראל" און מיר ווינשען אים ער זאָל אויף לאַנגע יאָרן פאָרזעצן זיין שעפערישע אַרבעט פון באַשיצן און אויסברייטערן די גרעניצן פון דער תורה און איר אויטאָריטעט אין אידישן לעבן.

הרב פנחס מ. טייץ	**הרב אברהם נ. אוורוטיק**	**הרב מאיר גרינבערג**
פרעזידיום־מעמבער פון	פרעזידענט פון	פרעזידענט פון
אגודת הרבנים	הסתדרות הרבנים	איגוד הרבנים

אלט און ניי ישראל

בילדער און איינדרוקן פון אַ רייזע אין הייליגן לאַנד

פון

ניסן גארדאן

אַרויסגעגעבן פון
ניסן גאָרדאָן פּאָבליקיישאן קאָמיטעט

ניו־יאָרק, תשכ״ד

Copyright 1964, *by*
NISSAN GORDON
635 Montgomery Street
Brooklyn, N. Y. 11225

Printed in the United States of America

מוקדש לזכר אמי מורתי

זישע בת ר' ניסן ע"ה

נפטרה כ"ה תמוז, תשי"ז

ומנוחתה כבוד

על הבית־החיים (הישן)

של מאנטעפיאָרע,

קרקע של אגודת חסידי חב"ד,

ספרינגפילד, לאָנג אײלאַנד, נ. י.

ת. נ. צ. ב. ה.

אינהאַלט

הרב ניסן גורדון — עתונאי
העושה שליחות חשובה 9
מה„טאג־בלאט" אל ה„טאג מארגען ז'ורנאל" . . 10
בשליחות יהדות התורה 11
מסכת פסחים בידי מדען אטומי 12
„תושלב"ע" בספר לימוד מדעי 13
ה ק ד מ ה 15
דער ערשטער איינדרוק 21
בערג און גרעניצן 28
ביים מאַנדעלבוים־טויער 34
דער נאָענטסטער פונקט צו קבר רחל 41
שבת און זונטיק אין ירושלים 48
אַ רעצעפּט פאַר מיזוג גלויות 55
אַ מיניסטערס בלאַט־גמרא 62
רבנות און פּאָליטיק 68
די אָרטאָדאָקסישע אָפּאזיציע אין ישראל . . . 74
אַ שפּאַציר איבער מאה שערים 81
די וועלט פון די עמרם בלוי 87
אין רעליגיעזע מוסטער־קיבוצים 93

בני ברק — די הויפט־שטאָט פון תורה
אין ישראל 100
אין צפת, די שטאָט פון בית יוסף און אר״י . 108
אויפן אַלטן בית עולם אין צפת 115
אַמעריקאַנער ישיבה־בחורים אין ישראל . . . 123
מיט פרעזידענט שזר אין כפר חב״ד 129

בילדער און באַגעגענישן

אין דער מחיצה פון הרב ר׳ שלמה יוסף זעווין 138
אַ שמועס מיט׳ן רב הראשי ר׳ יצחק ניסים . . 142
אין דער חב״דיער שול אין מאה שערים . . 146
אַ שלוס־וואָרט 150

„אינוועסטמענטס״ פון אַן אַמעריקאַנער איד
אין ישראל 153

הרב ניסן גורדון – עתונאי
העושה שליחות חשובה *

באחד מימי הקיץ של שנת תרצ"ז, נתקבל במערכת העתון היומי האגודאי בפולניה, ה„טאָג-בלאַט", מכתב מעבר כרם מארצות הברית. שם ומוען המכתב היו בלתי מוכרים לחלוטין ולא אמרו ולא כלום לאנשי המערכת. אך משנפתח המכתב, הוא עורר התענינות מיוחדת, שכן הוא הכיל רשימה גדולה, כתובה כאילו בעט סופרים מנוסה, ושכל כולה היתה קריאה נרגשת ולוהטת לקראת הכנסיה הגדולה השלישית, שעמדה להתכנס באלול הקרוב במארינבאד, זו הכנסיה הגדולה האחרונה שלפני השואה.

אף שזהותו של כותב הרשימה, לא היתה ידועה לאנשי המערכת, ראו הם בה ביטוי עז ורב רושם להתענינותה של היהדות החרדית, העולה ומתפתחת בארצות הברית, בחייה ובמעשיה של אגודת ישראל, והם הקציבו לרשימה מקום במזרח העתון, כשבעיני רוחם רואים הם את כותב הרשימה כדמות של יהודי חרדי הנמצא לפחות בשנות העמידה והמבקש ברשימתו להביע את כיסופיה של היהדות החרדית ביבשת רחוקה זו, לראות עצמה כחלק בלתי נפרד מכלל היהדות החרדית המאורגנת באגודת ישראל.

רק לאחר פרסום הרשימה שעוררה התענינות רבה גם בקרב קהל הקוראים נתברר להפתעם של אנשי מערכת

---

* דער דאָזיקער אַרטיקל איז דערשינען אין ירושלימ'ער „המודיע" פון מיטוואָך ג' מנחם־אב, תשכ"ג (יולי 24־טן, 1963).

ה„טאָג-בלאַט", כי אותו ניסן גורדון שחתם על המאמר, אינו אלא בחורצ'יק צעיר, בן 19 בסך הכל, הלומד בישיבת „תורה ודעת"... אלא שהיתה זו דוקא הפתעה משמחת, שכן מערכת העתון האגודאי ראתה בצעיר זה כלי מחזיק ברכה, היכול לשמש אמצעי יעיל ל„כיסוי" המתרחש בקרב יהדות ארצות הברית, מעל דפי העתון. מאז הפך הרב ניסן גורדון למשתתף קבוע בבטאונה היומי של אגודת ישראל בווארשה ומאמריו ורשימותיו התפרסמו מידי שבוע בשבוע בקביעות, ממש עד לגליון האחרון של העתון שהופיע עם פרוץ מלחמת העולם השניה וכניסת הגרמנים לפולניה, גליון שגם בו הופיעה רשימתו של הצעיר האמריקאי.

מה„טאג-בלאט" אל ה„טאג מארגען ז'ורנאל"

כך עשה הצעיר, יליד עיירה קטנה ברוסיה הלבנה, את ראשית דרכו העתונאית-הספרותית שהביאה אותו כעבור שמונה שנים, מיד לאחר מלחמת העולם השניה, אל מערכת העתון היהודי האידישאי בארה"ב ה„טאג", אליו הצטרף בשנת 1953 העתון היהודי השני ה„מארגן ז'ורנאל", ועליה הוא נמנה עד היום הזה, כאחד הכוחות העתונאיים המעולים שבעתון זה, שהינו כיום העתון היהודי הנפוץ ביותר בקרב יהדות ארצות הברית.

הרב ניסן גורדון נולד בשנת תרע"ח בעיירה ברוסיה הלבנה, ממנה עברה משפחתו לגור בעיירה דוקשיץ, שם גם למד ב„חדר" עד גיל 12. אביו שוחט העיירה, ר' יוחנן — המוכר כיום לכל יהודי הבא אל ביתו של האדמו"ר מליובאַ-וויטש בברוקלין — שיגר אותו בהיותו בגיל 12 שנה לישיבת „תומכי תמימים" בוילנה, שם קנה תורה וחסידות מספר שנים, ושם גם גילה קיומו של עתון יהודי חרדי — ה„טאג בלאט" הוורשאי, שעורר בו רגש גאווה ויצר כתיבה כאחד.

כאשר נאלץ לחזור לביתו בדוקשיץ, עקב יציאת אביו לארצות הברית, נפנף בגאווה בעתון האגודאי לנגד עיני חבריו, לאמור: ראו נא ראו! הנה יש עתון חרדי שאין להתבייש בו כלל לעומת העתונים החילוניים המציפים את בתי העיירה!...

על פי עצת האדמו"ר רבי יוסף יצחק זצ"ל מליובאוויטש, הביא ר' יוחנן גורדון, את הנער בן ה-16 לניו יורק, על מנת שימשיך שם את לימודיו.

בשליחות יהדות התורה

אך הצעיר הכשרוני לא שכח את אהבתו הראשונה, ואף שעברו כבר מספר שנים מאז נפנף את ה„טאג בלאט" לעיני חבריו, הוסיף לראות את עתידו בעתונות, בתפקיד אשר הוא ראה אותו כשליחה של יהדות התורה בארצות הברית לבטא את רעיונותיה והשקפותיה מעל במה ציבורית; כך עשה את נסיונו הראשון בשיגור הרשימה ל„טאג בלאט" הוורשאי, נסיון שעלה יפה ופילס את דרכו בעתונות אשר הופסקה זמנית על ידי מלחמת העולם השניה, אך חזרה ונתחדשה מיד לאחריה.

בשנת תש"ה הוזמן למערכת ה„טאָג" וחיש מהר נקלט בסגל אנשי המערכת, כשהוא מקבל לידו את התפקיד אליו שאף מאז ומתמיד — „כיסוי" החיים היהודיים הדתיים בארצות הברית, ובתפקיד זה הוא משמש עד היום הזה. אין לך כיום מאורע כל שהוא ביהדות הדתית בארצות הברית ומחוצה לה, שלא יקבל את ביטויו המלא מעל דפי העתון, כשהרב ניסן גורדון, הוא האיש המופקד על שטח זה.

גם רשימותיו השבועיות המתפרסמות מידי יום ה', עושות שירות חשוב ליהדות הדתית שבעיותיה ועניניה

מקבלים בהן ניתוח בהיר. הרב ניסן גורדון הוא גם מראיינם של האשים הדתיים הנכבדים הבאים לארצות הברית, ומספרם לא מועט, והוא עושה זאת בכשרון רב. מלבד זאת הוא משתתף ברשימות רבות־ענין מעל דפי „דאָס אידישע וואָרט", ירחונה של אגודת ישראל בארצות הברית.

מסכת פסחים בידי מדען אטומי

כאדם המלווה בהתמדה את חייה של היהדות הדתית זה שמונה עשרה שנה ברציפות, מצביע האורח על התפתחות חשובה ביותר בקרב היהדות החרדית בארצות הברית; מספר הישיבות ובתי המדרש גדל בהתמדה במיוחד בשנים האחרונות, ועמם מתרבה בשיעורים בלתי רגילים מספר התלמידים וחובשי בית המדרש. במיוחד מפליא הדבר לגבי צעירים ילדי ארצות הברית, אשר רבים מהם באים מבתים לא דתיים והם הגיעו אל בית המדרש מתוך חיפוש עצמי אחרי הנקודה היהודית והאמונה היהודית הטהורה.

התפתחות מפתיעה לא פחות רואה איש שיחנו בהיווצ־רותו של דור מדענים יהודיים דתיים, שיש להם יד וחלק לא מבוטלים בהתפתחותה המדעית של ארצות הברית. רשמים לא מעטים קלט הרב גורדון מועידותיהם השנתיות של המדענים הדתיים, שגם הן נכללות בתחום פעולתו.

מספר הרב גורדון על אחת החוויות העזות ביותר שנחרתו עמוק בלבו ובתודעתו. היה זה באחת הועידות שהתקיימה לפני מספר שנים. כנשיא הוועידה שימש המדען האטומי ד"ר אלוין רטקובסקי, תושב ושינגטון, שהינו יד ימינו של המדען האטומי היהודי, תת־אדמירל היימן ריקובר, ממציא הצוללת האטומית הראשונה. ד"ר רטקובסקי נמנה על טובי כוחות המדע בארצות הברית ולא פעם ייצג את

מדינתו בועידות מדעיות בינלאומיות או בפגישות בין מדענים אמריקאיים וסובייטיים. בשטח היהודי, יש לו יחד עם אשתו, החובשת לראשה פאה נכרית, עיסוקים בשטח העסקנות הדתית כחבר נאמן לתנועת אגודת ישראל ובשעתו אף שימש כנשיא בית הספר „בית יעקב" בוואשינגטון.

באותה ועידה נראה רטקובסקי כשהוא עוזב מידי כל פרק זמן את במת הנשיאות ומתייחד עם עצמו כשהוא קורא בספר קטן שבידו. בפעם הראשונה לא עורר הדבר כל תשומת לב, אך כשהמחזה חזר ונשנה מידי פעם, עורר הוא את סקרנותו העתונאית של הרב גורדון, אשר ניגש אליו וביקש לדעת פשר התבודדותו התכופה. בתמימות רבה השיב לו המדען האטומי כי הספר שבידו הוא מסכת פסחים, אשר בה הוא לומד מידי יום, במסגרת הדף היומי, ומאחר שהיום הוא עסוק מאד בועידה וטרם הספיק ללמוד את הדף, הרי ברגע שנראה לו זמן פנוי הוא יוצא ללמד קטע ועוד קטע, עד שישלים את הדף...

„תושלב"ע" בספר לימוד מדעי

מוסיף הרב גורדון ומציין כי אם נרצה להקהות את מדת ההתפעלות במקרה זה, בהתחשב עם כך שד"ר רט-קובסקי הוא חניך ישיבת ר' יצחק אלחנן, הרי יש בידו אפיזודה נוספת אשר תעיד כי קיים רגש דתי עמוק גם בקרב מדענים שלא קיבלו את חינוכם בישיבות, אלא הגיעו אל האמונה היהודית מתוך חיפוש עצמי, וככל שחדרו יותר לסודות המדע, כן מעמיקה אמונתם.

הנה ד"ר הרברט גולדשטיין, פרופסור למדע אטומי באוניברסיטת קולומביה. הוא הוציא לאחרונה ספר לימוד על האטום, שנקלט באוניברסיטאות רבות בארצות הברית

ומחוצה לה ותורגם לשפות רבות. כאשר עסקו סטודנטים באוניברסיטת קולומביה בספר זה, גילו להפתעתם בסוף הספר שש אותיות בשפה בלתי ידועה, והם סברו כי זוהי מין פורמולה מדעית הטעונה הסבר. את הסוד פענח הפרופסור עצמו שגילה שאין אלו אלא מלים עבריות האומרות: תם ונשלם שבח לא-ל בורא עולם...

הרב ניסן גורדון מבקר בארץ זו הפעם הראשונה. הוא בא לראות את הטוב הנמצא כאן, את החיים הדתיים, את מוסדות התורה, ולאחר שלשה ימים של שהות החליט כי יבקר כאן בארץ מידי שנה. הוא סבור שליהדות הדתית הן בארץ והן בארצות הברית, יש כח השפעה הרבה יותר גדול מכפי שהיא מציגה את עצמה, בתנאי שהיא תדע כיצד לנצל אותה לטובת פקיחת עיניהם של תועים וטועים.

כאיש שיחה נעים מתגלה הרב גורדון בכשרונו המקצועי המעולה, במהירות תפיסתו ובבהירות המחשבה — כך שכבר בימי שהותו הראשונים בארץ הספיק כמעט להכיר על בוריו את אופי החיים הפוליטיים והחברתיים במדינה, ומידי פעם הוא משמיע הברקות על נושא זה או אחר העומד על סדר יומה של המדינה.

א. ברוינר

הקדמה

„אלט און נײַ אין ישראל" איז ניט מער ווי אַ קורצער סך הכל פון אַ קורצן באַזוך פון קאַרגע דרײַ וואָכן אין הײליקן לאַנד, פון פרײַטיק כ"ז תמוז, תשכ"ג (יולי 19, 1963) ביז דינסטיק ט"ז אב (אויגוסט דעם 6-טן).

איך האָב באמת, פאַרנדיק אין ישראל, ניט געהאַט די מינדסטע מחשבה וועגן פאַרעפנטלעכן מײַנע אײַנדרוקן פון דער רײַזע אין בוכפאָרם. ווײַל וואָס אײגענטלעך קען מען שוין הײַנט מוסיף זײַן אויף דעם וואָס אַלע ווײסן וועגן ארץ ישראל און וועגן מדינת ישראל?...

אַ צאָל פרײַנט, צווישן זײ אויך וויכטיקע בעלי מחשבה און מענטשן פון פען, האָבן מיר אָבער גערעכט ניט צו איבערלאָזן מײַנע רײַזע-אַרטיקלען וואָס האָבן זיך געדרוקט במשך צוויי חדשים אין „טאָג מאָרגן זשורנאַל", אַז זײ זאָלן פאַרשווינדן צווישן די אַרכיוון פון אַלטע צײַטונגען. זײער עצה און דערמוטיקונג גיבן מיר, אַזוי צו זאָגן, די „העזה" אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך וועלכער איז אַ פאַר-צײכענונג, אַ מין קאַרדיאָגראַף פון אַ קלאַפּענד אידיש האַרץ בײַם באַטרעטן צום ערשטן מאָל די אדמת קודש נאָך וועלכער זי האָט אַ גאַנץ לעבן געבענקט.

ס'איז אפשר פּראָווינציעל, קלײנשטעטלדיק, צו רײדן אַזוי וועגן אַ באַזוך אין ארץ ישראל, אין דער הײַנטיקער מדינה און דזשעט-עפּאָכע.

אָבער טאַקע דערפאַר ווײַל אַ רײַזע קיין ישראל איז הײַנט געוואָרן אַ זאַך וואָס קען ערלײדיקט ווערן טעלעפאָניש אין צען מינוט און קען פאַרווירקלעכט ווערן אין צען-צוועלף

שעה, טאַקע דערפֿאַר איז נויטיק צו דערמאָנען זיך און אַנדערע אַז „דער אָרט אויף וועלכן דו שטייסט איז הייליק ערד".

אַ רייזע קיין ארץ ישראל איז ניט סתם טוריסטיק, פֿאַרן אַנקוקן די וועלט מיט אירע אַלטערטימלעכקייטן און קוריאָזי־טעטן. אַ קליינקייט, אַ קוק טאָן אויף ארץ ישראל!...

דעם לעצטן שבת אין ארץ ישראל, שבת פּרשה ואתחנן, האָב איך פֿאַרבראַכט אין צפֿת. צו מנחה האָט דער רב פֿון צפֿת גע׳דרש׳נט אויף דער פּרשת השבוע און זיך אונטער־גענומען מסביר צו זיין פֿאַרוואָס משה רבנו, דער ערשטער גואל און דער אדון כל הנביאים, האָט ניט זוכה געווען אַריינצוקומען אין לאַנד און פֿאַרוואָס אַלע זיינע בקשות און תחנונים זיינען ניט געענטפֿערט געוואָרן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן פּסוק „עלה ראש הפסגה ושא עיניך ימה וצפונה ותימנה ומזרחה וראה בעיניך כי לא תעבור את הירדן הזה".

דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן, הויב אויף דיינע אויגן און דו וועסט אַליין זען אַז דו דאַרפֿסט ניט אַריבערגיין דעם ירדן...

איך בין געזעסן אין שול אין אַ ווינקל, אין דער טונקל־קייט פֿון אַ צפֿת׳ער בין השמשות, און געטראַכט פֿון דער וואָכעדיקער לייכטקייט מיט וועלכער אַ איד הויבט זיך היינט אויף אויף די פֿליגלען פֿון אַ דזשעט און קומט קיין ארץ ישראל מיט אַ קאַמעראַ אויף די אַקסלען.

און ווי וואָכעדיק לייכט ער הויבט זיך ווידער אויף און פֿאָרט צוריק קיין אַמעריקע מיט אַלע פֿילמען וואָס ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט.

אויב אַ סך שורות פֿון „אַלט און ניי אין ישראל" וועלן אפֿשר קלינגען פּראָווינציעל און קליינשטעטלדיק, ווייל איך

זיך פאר דעם לגמרי ניט אנטשולדיקן. הלואי זאלן אויך מיינע ווייטערדיקע נסיעות קיין ארץ ישראל וואס איך פלאניר אי"ה, זיין באזעלט מיט דעם זעלבן נייגיר און מיטן זעלבן דארשט און מיט דער זעלבער קליינשטעטלדיקייט.

אויף ארץ ישראל ווערט מען נישט קיין עקספערט בחפזון, און אוודאי נישט אין צוויי און א האלב וואכן. בכלל איז א גרוס אדער א באריכט פון ארץ ישראל א זייער שווערע אונטערנעמונג, ווייל איין איבעריק מיספארשטאנען ווארט קען אמאל קאליע מאכן צענדליקער נויטיקע און פארשטענד־לעכע ווערטער.

מיין גרוס וועט דעריבער זיין באגרעניצט בלויז צו איבערגעבן בילדער, עפיזאדן און באגעגענישן פון פערזענ־לעכער דערפארונג, בעת צוויי און א האלבער וואך ארומפארן איבערן לאנד.

איך וואלט אויך וועלן בעטן אנטשולדיקונג ביי די פילע רבנים, ראשי ישיבות און רעליגיעזע עסקנים וועלכע איך האב ליידער נישט באוויזן צו באזוכן אין ישראל. די קורצקייט פונעם באזוך האט מיך געצוואונגען אוועקצוגעבן די מערסטע צייט אויף ארומפארן זען דאס לאנד און דעם לעבן, און איך האב ליידער געמוזט מוותר זיין אויף מיין גרויסן באגער צו זען זיך און דורכשמועסן זיך מיט אזויפיל טייערע און חשוב'ע פערזענלעכקייטן.

* * *

זאל מיר זיין דערלויבט א קליינער פערזענלעכער מאמענט.

בעת מיין באזוך אין ארץ ישראל האב איך זיך, נאך א הפסקה פון דרייסיק בלוטיקע יארן, געזען מיט דער איינציק־איבערגעבליבענער שארית הפליטה פון מיין משפחה אויף יענער זייט ים, צוויי קאזינס, ממש שנים ממשפחה.

נתן קאַצאָוויץ און זיין פרוי דאָבע אין פּתח תקוה, און משה קאַצאָוויץ און זיין פרוי גיטל אין כּפר סבא.

יעדע מינוט מיט זיי האָט אויפגעפרישט אַן אַ שיעור קינדערשע דערלאַנגען פון פריילעכע זומערס אין דער שטעטעלע בויד (אויף פּויליש בודסלאַוו), פון אַ הויז וואָס האָט געאָטעמט מיט אמת׳ער קרובה׳שאַפט און פריינטשאַפט; פון דעם זיסן אַראָמאַט פון פריש געבאַקן שוואַרץ ברויט וואָס איז געקומען פון דער „פּיקאַרניע" וואו ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן די אכילה פאַר אַ פאָלק פּוילישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געהאַט זייערע קאַזאַרמעס אין און אַרום שטעטל, האַרט ביים רוסישן גרעניץ; פון גרינע פעלדער וואָס האָבן זיך געצויגן פאַרביי דער אָזיערע, אויפן וועג צום באַן-וואָקזאַל; פון אַ שטעטל וואָס איז געלעגן אין שאָטן פון איינעם פון די גרעסטע פּוילישע קאַשטיאַלן און איז געווען אויסגעשטעלט צום חסד פון אַ בייזן פּריץ מיט ווילדע קאַפּריזן; און — טראָץ דעם אַלעמען — פון אַ הויז וואו עס האָט שטענדיק געקלונגען מיט פרייד און געלעכטער.

נאָך דער מלחמה, נאָך יאָרן אין טיפן רוסלאַנד און אַלס פּאַרטיזאַנען אין וואַלד, האָבן די צוויי איינציק-געבליבענע געפונען די גאַנצע משפחה אין איין ברודער-קבר, און זיי אַליין האָבן זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון זייער אייגן לאַנד.

אויך מיין פרוי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט איר פאָטערס אַ שוועסטער און אַ ברודער, רבקה בערגער אין בני ברק און מענדל בערגער אין עכו. אויך זיי זיינען פון דער שארית הפליטה אין אונגאַרן און רומעניע און על פּי נס זיינען זיי היינט פרייע מענטשן מיט האָפענונג און מיט אַ צוקונפט.

און גראַדע אַ זון פון דער דאָזיקער משפחה, וועלכער ראַנגלט זיך אַליין מיט חבלי-קליטה אין דער נייער היים,

גראַדע ער האָט מיר ניט אָפּגעלאָזט און געהאַלטן אין איין איינ׳טענה׳ן מיט מיר אַז איך מוז זיך ראַטעווען און קומען באַזעצן זיך אין ישראל.

טרערן און פרייד, טרערן אויפן חורבן, און פרייד אויפן געפינען זיך און באַגעגענען זיך — פאַרנעמען און פילן אוים אַ גרויסן טייל פון אַ באַזוך אין ישראל.

און די דאָזיקע טרערן און פרייד פאַרבלייבן איינגעקריצט אין די טיפענישן פון דער נשמה.

נ י ס ן   ג אָ ר ד אָ ן

י׳ שבט, תשכ״ד

פרעזידענט זלמן שזר (לינקס) אין אַ שמועס מיט ניסן גאָרדאָן, בעת זיין באַזוך אין ישראל.
(פאָטאָגראַפירט פון לוי יצחק פריידין)

דער ערשטער איינדרוק

אין אַן עראָפּלאַן מיט אידן אויפן וועג קיין ישראל — די ערשטע צוויי באַגעגענישן מיט „מלכות" — בילדער וואָס קריצן זיך איין אין זכרון.

די גמרא דערציילט, אַז ווען ר' זירא האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל האָט ער פריער געפאַסט הונדערט תעניתים, אַז ער זאָל פאַרגעסן דעם תלמוד בבלי וואָס ער האָט, פאַרשטייט זיך, גאַנץ גוט געקענט. די גמרא דערקלערט אויפן אָרט, אַז ער האָט געוואָלט פאַרגעסן די גמרא פון בבל „כי היכי דלא נטרדיה", אויס מורא, אַז דער דרך פון לערנען אין בבל מיט פלפול, קשיות און תירוצים, זאָל אים נישט שטערן אין אַקלימאַטיזירן זיך צום דרך פון לערנען אין ארץ ישראל, וואו „די אמוראים זיינען נישט געווען קיין בני מחלוקת און האָבן זיך באַצויגן גוט איינער צום צווייטן... און האָבן אַלץ דערקלערט אָן קשיות און תירוצים" (רש"י, בבא מציעא פ"ה).

אונזערס אַ איד, וואָס פאָרט היינט קיין ארץ ישראל דאַרף אַוודאי נישט אָנקומען צו אַזויפיל תעניתים ווי ר' זירא אויף צו פאַרגעסן דעם תלמוד בבלי. ער דאַרף אָבער יאָ האָבן עפּעס אַ סגולה, נישט מיטצונעמען אַהין די אַלע פלפולים, קשיות און תירוצים, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין חוץ לארץ. ער דאַרף האָבן אַ סייעתא דשמיא זוכה צו זיין צו זען אַלץ אָן דער אַריינמישונג פון בבל'דיקן טומל, צו זען סיי דאָס ליכט און סיי דעם שאָטן אין זייער ריכטיקן פערספעקטיוו.

פאַראַן אידן וואָס גלייך ביים אָנקומען אין לאַנד פעקלען זיי אויס דעם גאַנצן בבל'שן באַגאַזש זייערן און לויפן פון איין מיניסטער

צום צווייטן מיט עצות און תחבולות. איך האָב בעת מיין באַזוך אין ישראל געזען די דאָזיקע אידן האַווענדיק און שמייענדיק, און בעת מעשה נאָך מער דערשפּירט דעם זין פון ר׳ זירא׳ס תעניתים, אַז דער דרך פון בבל זאָל אים נישט שטערן אין זען דעם דרך פון ארץ ישראל.

דער גרעסטער פאַרגעניגן וואָס אַן עולה רגל פון אַמעריקע קען האָבן אין ישראל איז נישט פון הערן רעדעס מיט שבחים אויף זיין אַדרעס, נאָר צו שטיין פאַרטאָג ביים ראָג פון אַ גאַס און זען ווי אידן לויפן מיטן טלית און תפילין אין שול; ווי די באַסעס זיינען איבערגעפּאַקט מיט אידן וואָס לויפן צו דער אַרבעט; ווי אַ איד מיט אַ ווייס בערדל זיצט ביים רעדל פון אַ מאָטאָרציקל אויף דריי רעדלעך און פירט פאַנאַנדער גאַז צו זיינע קליענטן; ווי אַ מאַראָקאַנער בחור פירט אַן אַנגעלאָדענעם וואָגן מיט קאַווענעס צו פאַרקויפן אויפן כביש החוף צווישן תל אביב און חיפה; ווי קינדערלעך פּילן־אַן דעם הינטערשטן טייל פון אַ טראָק און איילן זיך זינגענדיקע און פריילעכע צו אַ טאָג אין „קייטנה״ (אַ זומער קעמפּ); ווי אַ איד פון מאה שערים לויפט פאַרטאָג פון מקוה מיט נאַסע פּיאות אויף וועלכע עס בליאַסקעט די אויפגייענדיקע זון; ווי די ציין פון ריזיקע בוי־מאַשינען בייסן זיך איין אין דער האַרטער, פעלזיקער ערד און מאַכן דאָרט צוגרייטונגען פאַר נאָך אַ אידיש הויז, וואָס וועט דאָרט אויפגיין.

נאָך גרעסער פון גרעסטן פאַרגעניגן איז ווען עס געלינגט אייך אויסצומישן זיך מיטן עולם אויף אַ געפּאַקטן באַס אין תל־אביב און אויפן מאָמענט זיך פאַרשטעלן ווי איינער פון דער מאַסע פריילעכע פּנימ׳ער, באַגאַסענע מיט שווייס.

דער שטאָטישער טומל אין אַזאַ כרך ווי תל אביב אָדער אַפילו ירושלים איז אַזוי גרויס אַז נישט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס פון מויל אַן אויסדרוק „דאָ אין אַמעריקע״... און איר זייט דאַנקבאַר אַזאַ אידן ווי ר׳ וועלוועלע בריסקער׳ס עלטסטן זון, הרב

ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, ווען ער גיט אויף איך אַ בייזן קוק און רופט אויס — פאַרגעסט נישט אַז איר זייט אין ירושלים עיר הקודש!...

אונזערס אַ איד, ווען ער קומט קיין ארץ ישׂראל, איבערהויפּט צום ערשטן מאָל, ווערט ער אַזוי פאַרכאַפּט פון אַ הונגער און דאָרשט צו זען וואָס מער און מער, אַז ס׳איז פאַר אים אוממעגלעך צו פּלאַנירן אַ פּראָגראַם וואו צו גיין און וואָס צו זען, פּונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך פאַר אַן אויסגעהונגערטן מענטשן צו עסן לויט אַ פאָראויס צוגעגרייטער מעניו. אַט כאַפּט איך אַן אַ באַגער צוצוכאַפּן זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צום פּונקט פונוואַנען מ׳קען זען דאָס אָרט וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען; און אַט ווערט איר נישט מיד צו שפּאַצירן ווידער און ווידער אויף די טראָטוארן פון רחוב אַלענבי אין תל־אביב, וואו די שיינע שויפענסטער דערמאָנען איך אין בראָדוויי, און וועמענס געדרענג פרישט ביי איך אָפּ דעראינערונגען פון די אַמאָליקע וואַרשעווער נאַלעווקעס. איר זייט אַזוי אויפגעברויזט פון באַטרעטן דעם באָדן פון הייליקן לאַנד און פון זען וואָס אידן האָבן דאָרט מיט ג־טס הילף אויפגעבויט, אַז ערשט צוריקקומענדיק פאַנגט איר זיך ביסלעכווייז אָן אויסצוטשוכען און צו באַגרייפן, אַז איר האָט אָנגעטאַפּט עבר, הווה און עתיד, ממש מיט די הענט.

ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך פרייטיק אינדערפרי אָנגעפאַנגען אַרונטערצולאָזן אין לוד, פאַרבייפליענדיק גרינע פעלדער אויסגעשפּרייט ווי טעפּיכער און גאַנצע רייען מיט הייזער אויסגעשטעלט ווי מושטירטע וועכטער, איז פון אַ ווינקל אין עראָפּלאַן געקומען אַ שטימע:

— אידן, מיר קומען אַהיים אויף שבת!...

גראַדע איז עס געווען אַ איד וואָס האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן מיט קיין שום אַנדערשקייט. מ׳האָט אים נישט געזען ביים ערשטן מנין וואָס האָט זיך געשטעלט דאַוונען ווי נאָר ס׳איז געוואָרן טאָג, טראָץ דעם וואָס די ניו יאָרקער זייגערס האָבן ערשט

געוויזן 12 ביינאַכט, און ער איז אויך ניט געווען צווישן די וואָס האָבן באַשטעלט פּאָראויס ספּעציעלע קעסטלעך מיט שטרענג כשר'ע עסנס. אַ אידיש האַרץ האָט דערפילט די גרויסקייט פון מאָמענט און ער האָט עס כלאחר יד, אָן קיינע באַזונדערע כוונות, אויס־געדריקט אין עטלעכע האַרציקע ווערטער.

דעם אידנ'ס האַרציקער אויסרוף וועגן קומען אַהיים אויף שבת האָט ווייך געמאַכט די הערצער פון אַלע מיטפּאַרגדיקע, אַפילו פון די וואָס זיינען געווען ברוגז אויף דעם וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעוואָלגערט אַ מעת־לעת אין אַ האָטעל אין לאָנג איילענד, ווייל אין דער לעצטער מינוט איז אַנטדעקט געוואָרן אין עראָפּלאַן עפּעס אַ קאַליעדיק שרייפעלע וואָס האָט געמוזט פאַרריכט ווערן. געווען אַזעלכע וואָס פאַר זיך אַליין האָט זיי נישט געאַרט אַזוי שטאַרק, ווי פאַר די עטלעכע צענדליק גלחים וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון אַ באַוואוסטן ראַביי אַנצוקוקן דאָס הייליקע לאַנד. פאַרוואָס, הייסט עס, זאָלן זיי אָנטרעפן אויף אַזאַ ברוך הבא גלייך ביים אָנפאַנג פון דער רייזע?...

דאַרפן האָט דער עראָפּלאַן געדאַרפט אָפּפליען מיטוואָך האַלב נאָך 10 אין אָוונט, און אָפּגעפלויגן איז ער דאָנערשטיק אַ פערטל צו זעקס פאַרנאַכט. אַ צאָל פרומע פאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגעפאַנגען בונטעווען מיט אַ טענה, אַז דער עראָפּלאַן קען נאָך אַריינ־פאָרן מיט די האַלאַבליעס אין שבת אַריין. דער לייטער פון „אל על" אין איידלוואַילד האָט אָבער אַלעמען באַרואיקט, אַנווייזנדיק, אַז דעם זעלבן אָוונט וועט אָפּפליען נאָך אָן עראָפּלאַן, וועלכער וועט אויך אָנקומען קיין לוד גענוג צייט פאַר שבת.

איינער פון די פאַסאַזשירן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איבעררייידן און איז נישט מיטגעפאָרן. דער עקשן איז געווען אַ סאַטמאַרער חסיד פון מאָנטרעאַל, אַן אויל ביזנעסמאַן. ער האָט פון לופט פעלד אָפּגערופן צום סאַטמאַרער רבי'ן און דער רבי האָט אים געענטפערט — „וואָס קענסטו נישט באַשטיין צו פאָרן נאָך שבת?...

דעם אמת זאָגנדיק האָט דעם סאַטמאַרער׳ס אָפּשטײַן פֿון דער רײַזע, דערצו נאָך אויף דער ספּעציעלער אָנווײַזונג פֿון סאַטמאַרער רבי׳ן אַרויסגערופֿן אַ שטיקל צעטומלעניש בײַ אַ צאָל מיטפֿאָרער. ווער ווייסט, אפשר איז טאַקע געזינטער צו פֿאָלגן דעם רבי׳נס עצה ? . . .

אַ שטיקל נחמה איז געווען דאָס וואָס דעם סאַטמאַרער חסיד׳ס באַגאַזש איז שוין פֿאַרבליבן אויפֿן עראָפּלאַן און איז מיטגעפֿאָרן מיט אונז. אַלענפֿאַלס, די נסיעה איז געווען אַ גלענצענדע און אַ שאָד וואָס דער איד האָט פֿאַרשאַפֿט אומזיסטן עגמת נפש צו זײַן טאַטן און ברודער אין ירושלים, מיט זײַן נישט אָנקומען אויף שבת קיין ירושלים, ווי זיי האָבן דערוואַרט.

ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען האָבן די מיטפֿאָרער זיך געכאַפּט צו זייערע פּאַטאַ־אַפּאַראַטן צו פֿאַראייביקן דעם נץ החמה איבער די וואָלקנס און דעם אויסזען פֿון די צוויי מאָטאָרן אויף דער רעכטער זײַט, וועלכע האָבן מיט זייער צונטער קאָליר דערמאָנט אין דער מאַמע׳ס קופּערנער פֿאַן בעת זי איז געשטאַנען אין אויוון פֿרײַטיק אינדערפֿרי מיט די שבת׳דיקע פֿיש. אידן האָבן זיך פֿונדאַסנײַ געגעבן שלום עליכם און אָנגעפֿאַנגען זיך דערציילן איינער דעם צווייטן וואוהין זיי וועלן פֿאַרפֿאָרן און ווער עס וועט זיי באַגעגענען אין לוד בײַם לאַנדען.

צווישן די מיטפֿאָרער איז געווען אַ טאָכטער פֿון אַן אַמעריקאַנער אידן, אַ שם דבר מיט יאָרן צוריק, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. דער נאָמען סעם טראַוויש איז גוט באַקאַנט צו „אָלדטאַימערס" אין ניו יאָרק און אויך אין אָקלאַהאָמאַ, וואו ער האָט געהאַט זײַנע אויל קוואַלן. דער פֿאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פֿון ישיבה אוניווערזיטעט הרב דר. דוב רעוול איז געווען זײַנער אַ שוואָגער און האָט צוזאַמען מיט אים אָנגעפֿירט די אויל ביזנעס. קיין אַמעריקע איז סעם טראַוויש געקומען מיט 73 יאָר צוריק אַלס אַן 8 יאָריק אינגל און איז דאָ אויפֿגעוואַקסן ווי אַ גיגאַנט אין די אויל פֿעלדער פֿון אָקלאַהאָמאַ. היינט וואוינט מר. טראַוויש אין

ירושלים און זיין מיזינקע, אַליין אַ מאַמע פון זיבן קינדערלעך קיין עין הרע און אַ לערערין אין אַ ברוקלין ישיבה, איז געפאָרן זען וואָס דער טאַטע מאַכט אין געזונט.

עס זיינען אויך געפאָרן טאַטעס און מאַמעס צו זען וואָס זייערע קינדער טוען אין ישראל. די קינדער זיינען געפאָרן לערנען אָדער שטודירן און ווילן ניט קומען אַהיים. פאָרן די עלטערן צו זיי, צו פּרובירן איבעררעדן זיי. איין פּאָרל עלטערן האָב איך באַגעגנט אויפן וועג צוריק און זיי האָבן האַלב־פאַרזאָרגט דערציילט ווי די טאָכטער איז געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט און וויל נישט צוריקפאָרן. איך זאָג האַלב־פאַרזאָרגט, ווייל זיי זיינען אויך געווען האַלב־צופרידן וואָס זייער קינד האָט געפונען אַ וואַרעמע, אייגענע נעסט אין ארץ ישראל.

במשך פון דער ערשטער שעה אין ישראל איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך צוויי מאָל מיט דעם „מלכות" פון דער אידישער מדינה, און איך מוז זאָגן, אַז די ערשטע צוויי איינדרוקן זיינען געווען גלענצענדע.

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען ביים אַדורכגיין די קאַסטאָם־באַאַמטע, וועלכע זיינען געווען זייער העפלעכע מענטשן און האָבן גלייך אָנגעפאַנגען צו ריידן אויף אידיש מיט די אָנקומענדיקע אַמעריקאַנער טוריסטן.

איך האָב אַפילו געהערט ווי אַ קאַסטאָם־באַאַמטער האָט געפרעגט ביי אַ טוריסטן־פּאָרל, צי זיי האָבן געבראַכט טראַנזיסטאָר־ראַדיאָס, און דער מאַן האָט געענטפערט יאָ, און די פרוי האָט געענטפערט ניין. דער באַאַמטער האָט אַ שמייכל געטאָן און זיי געהייסן גיין געזונטערהייט, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין געזונטן חוש הריח, אַז ער האָט דאָ נישט צו טאָן מיט קיין באַנדע שמוגלער.

די צווייטע באַגעגעניש איז געווען אין פּאָסט־אָפיס פון פּתח תקוה, וואו איך בין אַריינגעקומען אָפּצושיקן אַ טעלעגראַמע קיין ניו יאָרק.

פון די דרײַ באַאַמטע וואָס זײַנען געזעסן בײַם לאַנגן טיש צו באַדינען קליענטן, זײַנען צוויי געווען מיט יאַרמולקעס און „דרײַ וואָכן" בערדלעך. דורך אַן אָפּענער טיר האָט זיך געזען אַ בריוו־טרעגער מיט אַ בלאָנדער באָרד און פאַרשטויבטע שיך. די באַאַמטע בײַם לאַנגן טיש האָבן אַלעמען געגעבן אָנצוהערן צו דערליידיקן זייערע ענינים שנעל, ווייל זיי אײַלן זיך צו גיין אַהיים לכבוד שבת.

און אויך איך האָב זיך געאײַלט אָנצוקומען וואָס גיכער קיין ירושלים, ווייל, וואו דען זאָל אַ איד פאַרברענגען דעם ערשטן שבת אין ישראל, אויב נישט אין ירושלים?...

בערג און גרעניצן

די בערג און גרעניצן וואָס רינגלען אַרום ירושלים — מיטן וויצע־מעיאָר ר׳ משה פרוש ביים גרעניץ מיט ירדן — אַ קוק אויפן מקום המקדש.

ירושלים איז פון אַלעמאָל אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג.

ירושלים הרים סביב לה. פון באַלקאָן פון האָטעל זעען זיך די הויכע בערג וועלכע שטייען ווי געשוואוירענע עדות אויף די וועלט־אויפטרייסלענדע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דאָ אַרום אָפּגעשפּילט צווישן די ווענט פון דער שטאָט, וואָס דער באַשעפער אַליין האָט אויסגעקליבן צו מאַכן דאָרט רוען זיין נאָמען.

איר קוקט אויף די בערג, וועלכע זעען אויס פון דער ווייטנס געל און פעלזיג און פאַר אייערע האַלב־אָפענע און האַלב־פאַר׳חלומ׳טע אויגן פליען דורך בילדער וואָס זיינען אויסגעטרוימט געוואָרן זינט די פריסטע חדר־יאָרן, טויזנטער מיילען אַוועק פון ירושלים. אָט דאָ אויף די דאָזיקע בערג האָבן זיך געצויגן אידן עולי רגל דריי מאָל אַ יאָר קיין ירושלים. אָט דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט אָן אַ שיעור קאַמפן פון אידישע חיילות, וואָס האָבן געהיט דעם וועג צו דער הייליקער שטאָט. אין די דאָזיקע בערג איז דאָך ערגעץ וואו איינגעאָטעמט דער בת קול פון די אבות פון אונזער אומה און דער טראָט פון אונזערע מלכים און נביאים.

אָבער ירושלים איז היינט אַ שטאָט אַרומגערינגלט ניט נאָר מיט בערג, נאָר אויך מיט גרעניצן, און די גרעניצן פאַרשטעלן דעם וועג צו אָט יענע בערג וואוהין עס ציט ווי מיט טויזנטער מאַגנעטן.

אויב איר זייט אַ גרינער, וואָס לאָזט זיך אַרויס שפּאַצירן אין ירושלים און איינאָטעמען אין זיך די לופט פון דער אידישער קרוין־

שטאָט, פאַרגעסט זשע ניט צו האַלטן אָפן די אויגן און ניט פאַר־בײַצוגיין אַ שילד, וואָס רופט אויס:

עצור, גבול לפניך!... אין מעבר! (שטעלט זיך אָפּ, דאָ איז אַ גרעניץ, מען קען ניט דורכגיין).

אין וועלכער זײַט איר זאָלט זיך ניט לאָזן גיין אין ירושלים, מיטן אויסנאָם פון יפו־ראָוד אין דער ריכטונג פון תל אביב, וועט איר אָנקומען צו אַ גרעניץ, וואָס הייסט בלײַבן שטיין. אַפילו די באַן וואָס פאָרט פון ירושלים קיין תל אביב פאָרט האַרט בײַ דער אַראַבישער גרעניץ, און ווי אַ איד, וואָס איז געזעסן לעבן מיר אויף דער באַן האָט מיר דערציילט, זאָל טאַקע דער וועג זיך האָבן אַרײַנגעשניטן אין אַראַבישער טעריטאָריע, לויט אַן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט ירדן נאָך די בלוטיקע שלאַכטן פון דער מלחמת השחרור.

און די גרעניצן זײַנען אייגנטליך ניט נאָר אַרום ירושלים, נאָר אומעטום איבער׳ן גאַנצן לאַנד דאַרף מען זיך שטאַרק היטן ניט צו פאַרקריכן אויף יענער זײַט. ווען מיר לייענען דאָ אין די נײַעס, אַז אַ טוריסט פון אַמעריקע איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער ירדן־זײַט און דער טוריסט טענה׳ט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, מעגט איר אים גלייבן אויפן וואָרט. פאָרענדיק פון תל אביב קיין באר שבע האָט דער טרײַבער פון אונזער אויטאָמאָביל, אַ גאַנץ דער־פאַרענער יונגערמאַן אין די וועגן און שטעגן פון לאַנד, פאַרפעלט צו מאַכן אַ קער אויפן ריכטיקן אָרט און מיר זײַנען נאָך אַ האָר געווען אין דער עזה טעריטאָריע.

זיצנדיק אין דער כנסת איז בײַם טיש אין רעסטאָראַן אַרויפ־געקומען אַ שמועס וועגן די געשלענגלטע גרעניצן אַרום ירושלים און ווי שטאַרק מ׳דאַרף זיך היטן ניט צו פאַרגיין אויף דער אַנדער זײַט. האָט דער יונגער זשורנאַליסט א. ברוינער פון „המודיע״ באַמערקט אויף דעם, אַז דאָס האָט טאַקע דער נביא געמיינט ווען ער האָט געגעבן די הבטחה פון „ושבו בנים לגבולם״. אגב,

ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען ווי דער פרומער כנסת־רעפּאָרטער גייט אַרום מעשה באַלעבאָס מיט די ציצית אין דרויסן און ווי אויסגעבונדן ער איז מיט אַלעמען, אפילו מיט די וואָס פאַרגעסן אַמאָל אָנצוטאָן דעם טלית קטן.

די גרעניצן אַרום ירושלים זיינען אַ טייל פון ירושלים׳ער לעבן. פאַר׳ן טוריסט איז עס אַ וואונדער, ווי אין מיטן שטאָט ווערט מיטאַמאָל צעטיילט דער וועג אויף צוויי פיינטליכע לאַגערן. פאַר די ירושלים׳ער אידן איז עס אָבער שוין געוואָרן אַ געוואוינהייט. האַרט ביים גרעניץ, עטלעכע טריט פון מאַנדעלבוים־טויער, שפּילן זיך קינדערלעך אַזוי פריילעך און מונטער ווי קיין גרעניץ וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. אויף רחוב שבטי ישראל, וועלכע לויפט פאַראַלעל מיטן גרעניץ ביים שער מאַנדעלבוים זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן נייע הייזער פאַר עולים, און אויף רחוב שמואל הנביא, וועלכע גייט דירעקט אין גרעניץ אַריין, האָב איך געזען אַ פיינע הויז מיט אַ שילד „מעונות ילדים״, אַ קינדער־היים פון אגודת ישראל, ספּעציעל פאַר די קינדער פון די דאָזיקע עולים צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ גאַר גרויסע צאָל אַרבעטענדיקע מאַמעס און אויך ניט וויניק קינדער, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ היים.

עס קומען צו צום גרעניץ עטליכע אויטאָמאָבילן, שטעלן זיך אָפּ און ווייזן די דאָקומענטן און פאָרן ווייטער. מסתמא זיינען זיי דיפּלאָמאַטן אָדער אפשר גאָר סתם קריסטליכע טוריסטן פאַר וועמען דער גרעניץ איז ניט קיין אָפּהאַלט. אין דער הויך, איז איבער דער ברייט פון רחוב שבטי ישראל, אויסגעהאָנגען אַ ליזוועגטענער פּלאַקאַט, וואָס באַגריסט די דעלעגאַטן צו דער באַפּטיסטן־קאָנפערענץ, דאָס זיינען די זעלבע באַפּטיסטן וואָס צוליב זייער פאָרן אום שבת צום גרעניץ זיינען אויסגעבראָכן די אומרועז אין און אַרום מאה שערים.

פאַר אַ איד׳ן, אַפילו מיט אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, איז דער וועג פאַרצאַמט. ער דאַרף קריכן אויף בערג און דעכער אָנצוקוקן

פון דער ווייטנס דאָס אַלטע, אָריגינעלע ירושלים מיטן מקום המקדש, דער תל תלפּיות פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די טוריסטן ליטעראַטור, וואָס ווערט אויסגעטיילט אין די האָטעלן רעקאָמענדירט אָנצוקוקן די אַלט־שטאָט פון דעם הר ציון, וואו עס דאַרף זיך אויך געפינען דער קבר פון דוד המלך און וואו עס זיינען דורך דעם משרד הדתות איינגעאָרדענט געוואָרן אַ גאַנצע רייע אויסשטעלונגען צו פאַראייביקן דעם לעצטן חורבן. אַנדערע טוריסטן־ביכלעך גיבן אָן דעם טורם פון דער „וואַי. עם. סי. עי." (יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן) אויף רחוב דוד המלך.

מיר איז געווען באַשערט דער זכות צו זען אַלט־ירושלים צום ערשטן מאָל אין באַגלייטונג פון איינעם פון די קאָלירפולסטע פּערזענליכקייטן פון אַלטן און פון נייעם ישוב, דער 70־יאָריקער וויצע מעיאָר פון ירושלים, הרב ר׳ משה פרוש, אַליין אַ יליד ירושלים פון 6־טן דור, און אָן עלטער זיידע פון אור־אייניקלעך וועלכע זיינען שוין קיין עין הרע דער 9־טער דור ירושלים׳ער געבוירענע. אַלס אַ יליד ירושלים פון דור דורות אָטעמט ער פון זיך אַרויס אַ באַזונדער מין שטאָלץ. זיינע טריט פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע זיכערקייט און זיין פּנים איז באַשיינט מיט אַ פרייד, וואָס די גרעסטע מיליאָנערן אין דער וועלט פאַרמאָגן עס ניט.

איינע פון די אומפאַרגעסליכסטע בילדער וואָס איך האָב בייגעוואוינט אין ירושלים איז געווען ווען דער גרייז־גרויער ר׳ משה פרוש האָט פרייטאָג צו־נאַכט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן קאָפּ פון זיין זון, דער חבר הכנסת ר׳ מנחם פרוש, און אים געבענטשט, ווי דער מנהג איז ביי אידן, קומענדיק אַהיים פון קבלת שבת; און ווי גלייך דערנאָך האָט דער זון אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע צוויי איינגסטע קינדער, מאיר און נפתלי, און זיי געבענטשט מיט דער זעלבער ברכה.

די קייטלונג פון דורות, דאָס וואָס אונזערע וועלטליכע אידן רופן מיטן שיינעם נאָמען המשך, האָט זיך דאָ אויסגעדריקט ביים שבת׳־

דיקן טיש אין דער היילקער שטאָט, אין דער גלאָררייכער טראַדיציע פון ירושלים עיר הקודש.

וויפיל מאָל איז שוין ר׳ משה פּרוש געווען ביז דער מלחמה ביים כותל מערבי און וויפיל מאָל איז ער שוין געשטאַנען ביים בערגל פון „מצפה אבו־טור״ נאָכדעם ווי די גרעניץ האָט אָפּגעשניטן דעם וועג צום כותל? אָבער יעדעס מאָל איז עס אַ נייע איבער־לעבונג, אַ נייע דערפאַרונג.

דער „מצפה אבו־טור״ איז אַ פּונקט האַרט ביים גרעניץ, אויפן באַרג, פונוואַנען עס זעט זיך קלאָר דער גאָלדענער קופּאָל פון דעם אַראַבישן געבעט־הויז וואָס שטייט דאָרט וואו דער בית המקדש איז אַמאָל געשטאַנען און וואו ער וועט נאָך שטיין במהרה בימינו.

איר גיט אַ קוק און אייערע בלוטן ווערן ווי פאַרגליווערט.

אָט דאָס איז עס!...

אַלע תפילות, אַלע שמונה־עשרה׳ס, אַלע יהי רצונ׳ס אַלע בקשות און אַלע געבעטן — אַלץ איז געווענדעט מיטן פּנים אָט דאָ אַהער!

עס זעען זיך די דעכער פון דער אַלט־שטאָט, אָבער ס׳איז צו וויט צו זען מענטשן. מער ניט, אויפן דאַך פון אַ הויז אויף דער אַנדער זייט פון דראָטענעם גרעניץ־פאַרקאַן, ליגן אָנגעלייגטע זאַמד־זעק און איבער זיי שטעקט אַרויס דער קאָפּ פון אַן אַראַבישן וועכטער.

אָנגעפאַרענע טוריסטן כאַפּן זיך צו די קאַמעראַס און נעמען בילדער פון דער פּאַנאָראַמע, וואָס שפּרייט זיך אויס אַזוי היסטאָריש־מאַיעסטעטיש. אַ פּראָפעסיאָנעלער „גאַיד״ מיט אַ ביטניק־בערדל און קורצע הייזקעס דערקלערט פאַר זיינע טוריסטן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט אַ באַס, אַז דאָרט וואו דער קופּאָל שטייט, איז אַמאָל געשטאַנען קינג סאָלאָמאָנ׳ס טעמפּל. ווידער נעמען זיי בילדער און קייען די גומי און זיינען צופרידן, וואָס די זון שיינט אַזוי הערליך פאַר זייערע קאַמעראַס.

די וואַנט פון דער אַלט־שטאָט זעט זיך דאָ זעהר שוואַך, און אוודאי ניט דער כותל מערבי. דערפאַר אָבער זעט זיך קלאָר דער הר־הזיתים אַנטקעגן און אויך דער נייער „הילטאָן" האָטעל, וואָס די אַראַבער האָבן אויפגעשטעלט אויפן שפּיץ באַרג. עס זעט זיך אויך קלאָר דער הר הצופים וואו ס'איז ביז צו דער מלחמה געווען דער העברעאישער אוניווערזיטעט און דער הדסה שפּיטאָל. אונטען, אַלץ אויף דער אַראַבישער זייט, לויפט אַ שאָסיי וואָס קוקט אויס צו זיין גאַנץ ניי און עס זעען זיך אויך די דורכפאָרנדע אויטאָמאָבילן.

דאָס איז דער נייער שאָסיי וואָס די אַראַבער האָבן געמוזט מאַכן כדי צו קענען צוקומען צו בית לחם, נאָכדעם ווי די אידישע טעריטאָריע האָט אָפּגעהאַקט דעם אַלטן וועג.

אַ גרופּע טוריסטן האָבן זיך גענומען פאָטאָגראַפירן אַ שילד איבער אַ הויז פון די „סובאָטניקעס", וועלכע ווילן פאַרקויפן זייער סחורה דוקא דאָ ביים „מצפּה אבו־טור". וואָס גייט זיי אָן, אַז דער וועג צו דער מאַמע רחל'ס קבר איז פאַרשפּאַרט פאַר אירע קינדער צוליב וועמען זי איז געבליבן ליגן אויפן וועג און ניט אין דער מערת המכפּלה?

ר' משה פּרוש איז געשטאַנען און געקוקט אין דער ריכטונג פון אַלט־ירושלים וואו ער קען אַלע געסלעך און ווינקעלעך און וואו ער האָט אפילו געהאַט אַמאָל פריינד צווישן די אַראַבער.

קומט, האָט ער מיך אַ צי געטאָן ביים אַרבל, קומט צום גרעניץ ביים מאַנדלבוים־טויער און מיר'ן זען פון דאָרט וואָס עס טוט זיך אין אונזער ירושלים.

ביים מאַנדעלבוים־טויער

בעת אַ באַגעגעניש צווישן אַראַבער פון ביידע זייטן גרעניץ — פּרעזידענט שזר׳ס גרוס פון כותל מערבי — דער פוקס אויפ׳ן הר הבית.

ס׳איז געווען דינסטאָג, דעם 23־טן יולי, דעם צווייטן טאָג פון די נייַן טעג פון טרויער אויפן חורבן בית המקדש, ווען איך בין אָנגעקומען צוזאַמען מיט ר׳ משה פּרוש, איינער פון די דריי וויצע־מעיאָרס פון דער הייליקער שטאָט, צום גרעניץ־דורכגאַנג וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אינמיטן דער גאַס, לעבן אַ הויז וואָס איז היינט צעשאָסן און חרוב, און וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט אַ איד מיטן נאָמען מאַנדעלבוים, און טאַקע אויף זיין נאָמען הייסט דער דורכגאַנג — דער מאַנדעלבוים טויער.

דאַרף מען נאָך האָבן אַ בעסערן אָדער אַן ערגערן באַוויַיז, אַז מיר האַלטן נאָך נישט ביי דער גאולה?... אַ איד שטייט ביים אַריינגאַנג צו דער אַלטער, אָריגינעלער ירושלים און מען לאָזט אים נישט אַריין.

עצור!... גבול לפניך!... דאָ איז די גרעניץ!...

ר׳ משה פּרוש עפנט די טיר פון אַ נייעם אַפּאַרטמענט־הויז וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער שבטי ישראל גאַס. קינדערלעך און דערוואַקסענע אינדרויסן און אין קאָרידאָר פון הויז באַגריסן אים ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. פלינק ווי אַ יונגערמאַנטשיק, קיין עין הרע, לאָזט ער זיך אויף די טרעפּ פון שטאָק צו שטאָק, און איך גיי אים נאָך. ווער ווייסט וואָס פאַרא סודות דאָ ליגן ערגעץ באַהאַלטן?...

ער עפֿנט נאָך אַ טיר און מיר זענען אויפֿן דאַך פֿון דער נײַער געבײַדע. דאָ, אונטן, אויף דער אַנדערער זײַט פֿון דער געבײַדע איז שוין ירדן. ווידער זעט זיך דער גאָלדענער קופּאָל פֿון דעם אַראַבישן געבעט־הויז אויפֿן הר הבית און די ליפּן שעפּטשן פֿון זיך אַליין אַ פּסוק פֿון תהלים: אלקים באו גוים בנחלתך, טמאו את היכל קדשך (רבונו של עולם, פֿרעמדע פֿעלקער זענען געקומען אין דײַן נחלה און פֿאַראומרייניקט דײַן הייליקן פּאַלאַץ).

אַנטקעגן פּלאַטערן אין ווינט אויסגעהאָנגענע אַראַבישע וועש און אָפּגעלאָזענע קינדער פּאַטשקן זיך אין זאַמד.

— וואו זענען אונזערע סאָלדאַטן?... גיב איך אַ פֿרעג בײַם אַלטן 6־דורות׳דיקן ירושלים׳ער ר׳ משה פּרוש. אויף אַ גרעניץ איז מען געוויינלעך געוואוינט צו זען סאָלדאַטן, און דאָ זעט מען נישט קיין אידישן חייל אויף אַ רפואה. כ׳האָב יאָ געזען, קיין עין הרע, אַ היבשע צאָל סאָלדאַטישע יונגוואַרג אויפֿן וועג פֿון לופֿט־פֿעלד קיין פּתח תקוה און דערנאָך קיין ירושלים. ס׳איז געווען ערב שבת און די סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס מיט זייערע פּעקלעך זענען געשטאַנען אויף די וועגן און געבעטן אַ „טרעמפּ״, אָדער ווי ס׳הייסט בײַ אונז אַ „היטש״, אונטערפֿאָרן הייסט עס, נענטער צו דער היים אויף שבת. אָבער אויף דער גרעניץ בײַם שער מאַנדעלבוים האָט זיך קיין חייל פֿאַר די אויגן נישט געזען.

ר׳ משה פּרוש האָט אויף מײַן נאַאיווער פֿראַגע געגעבן אַ שמייכל און זיך פֿאַרעדט אויף אַן אַנדער טעמע. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו פֿרעגן די זעלבע שאלה בײַ אַ טעקסי־דראַיווער אין ירושלים און וואָס ער האָט מיר געענטפֿערט גייט מיר נישט אַרויס פֿון געדאַנק אויף איין רגע.

ער האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט די רעכטע האַנט פֿון רעדל און אָנגעוויזן אויף דער געפּאַקטער בן־יהודה גאַס און געזאָגט:

— כולנו חיילים!... מיר זענען אַלע סאָלדאַטן... אין פֿינף מינוט זענען מיר אַלע גרייט!...

די אַזוי כלאחר יד׳יק אַרויסגערעדטע ווערטער פון דעם ירו־שלים׳דיקער טעקסי־דראַיווער האָבן אין מיר אַריינגעגעבן אַן אומ־נאָרמאַלע מאַניע צו זוכן דעם סאָלדאַט אין יעדן פּנים וואָס איך האָב באַגעגנט אין לאַנד. געווען אפילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך געוואונדערט וואָס איך קוק עפּעס אויף זיי אַזוי שטאַרק ביים רעדן. גיי דערצייל זיי אַז איך זוך דעם סאָלדאַט אין זיי.

און דער אמת איז, אַז יעדער איד אין ישראל, אפילו דער זיידענער יונגערמאַנטשיק אין ווייסע זאָקן איז אַ סאָלדאַט, וואָס דאָס לאַנד איז אַ טייל פון אים און ער איז אַ טייל פון לאַנד. פאַרגעסט נישט, אַז די אַזוי שטאַרק באַרעדטע און פאַרלוימדטע מאה שערים, איז ניט ערגעץ־וואו אויף אַ באַרג אין די קעטסקילס אָדער אויף אַ אינזל אין פלאָרידע, נאָר האַרט ביי דער גרעניץ פון ירדן. די מאה שערים גאַס גיסט זיך אַריין גלייך אין רחוב שבטי ישראל, און פון ר׳ עמרם בלוי׳ס הויז אין די בתי אונגאַרן איז בלויז עטלעכע טריט, איבער אַ פּאָר זאַמדיקע שטעגעלעך, צום צאַם, וואָס הייסט זיך אָפּשטעלן.

געוויינליך, איז די באַוועגונג ביים מאַנדעלבוים־טויער נישט קיין צו־העפטיקע. עס פאָרן דורך אויטאָמאָבילן פון דיפּלאָמאַטן, באָסעס מיט קריסטליכע טוריסטן און אַמאָל זעט איר אויך אַ מאַן אָדער אַ פרוי שפּאַצירנדיק צופוס מיט אַ וואַליזקעלע אין האַנט, פון דעם אַראַבישן גרעניץ־בודקעלע צו דעם אידישן און אויך פאַרקערט.

אָבער יענעם דינסטאָג האָט דער מאַנדעלבוים־טויער אויסגעזען ווי אַ יאַריד, ווי אַן אַראַבישער מאַרק. צענדליקער אַראַבער, מענער און פרויען זענען געווען פאַרזאַמלט אויף דער גאַס, אָנגעטאָן אין זייערע אַראַבישע טראַכטן. די מענער אין זייערע ווייסע טיכער אויף די קעפּ, אַרומגערינגלט מיט אַ שוואַרצער לענטע, און אויפן אַקסל אַ צונויפגעקאָרטשעטע פּאַטשיילע, אין צוגאָב צום לאַנגן ישמעאל׳ישן כאַלאַט, וואָס וויקלט אַרום דעם גאַנצן קערפּער פון אויבן ביז אַרונטער. אויך די פרויען זייערע זענען געווען פאַרוויקלט

און איינגעדעקט, כּמעט אַ היבשע צאָל פֿון זיי האָבן געוויזן, אַז די מאָדע פֿון קאָסמעטיקס האָט שוין אויך אַרײַנגעדרונגען אין אַראַבישן מדבר.

פֿאַר ר' משה פּרוש'ן איז די שילד וואָס הייסט בלײַבן שטיין, נישט מאָסגעבנד געגוג. ער איז דאָ, ווײַזט אויס, נישט קיין פּנים חדשות, און ער גייט אַריבער דאָס שילדל ביז צו דער בודקע, וואו עס זיצט די אידישע גרעניץ־וואָך. די וועכטער באַגריסן אים מיט אַ שלום און אויך דער גאַסט פֿון אַמעריקע כאַפּט אַרײַן אַ האַנט־דריק פֿון אַ אידישן וועכטער, מיט אַ מילדן שמייכל אויף אַ פּנים וואָס דריקט אויס פֿעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט.

— מה הם עושים פה היום?... (וואָס טוען זיי דאָ הײַנט?...) האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם טאָבון מיט אַראַבער, וועלכע זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן מיט אַלע טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען, פֿון אַ מאָ־דערנעם טראָק אין אַ פֿײַנעם צושטאַנד ביז אַן אייזעלע וואָס די אויערן זײַנע פֿאַרנעמען באַלד אַ העלפֿט פֿון זײַן גאַנצער גרויס.

עס ווײַזט זיך אַרויס אַז יענעם טאָג איז געווען אַ יום פּגישה, אַ טאָג ווען קרובים פֿון ביידע זײַטן גרעניץ באַגעגענען זיך. אין צווישן ביידע גרעניץ־וואַכן איז דאָ אַ געביידע וואָס שטייט אויף נייטראַלן באָדן און דאָרט באַגעגענען זיך די קרובים און שמועסן זיך דורך, אונטער דעם וואַכזאַמען אויג פֿון שומרים פֿון ביידע צדדים.

ר' משה פּרוש האָט זיך מיט זיי דורכגערעדט אויף אַראַביש. מיט'ן טוריסט פֿון אַמעריקע האָבן זיי גערעדט העברעאיש, און אַ גאַנץ פֿײַנעם העברעאיש. יאָ, זיי זענען דאַנקבאַר דער רעגירונג פֿאַר דערלויבן זיי צו באַגעגענען זיך מיט זייערע קרובים וועלכע זענען אַנטלאָפֿן ביים אויסברוך פֿון דער באַפֿרייאונגס־מלחמה, מיט דער האָפֿענונג, אַז זיי וועלן באַלד קומען צוריק און זיך אָנזעטיקן מיט אָנגעראַבירט אידיש האָב און גוטס.

די פֿראַגע וואָס אַזאַ יום פּגישה רופֿט אַרויס, איז, פֿאַרוואָס קאָן ניש געפֿונען ווערן קיין וועג פֿאַר אַ פּגישה פֿון אידן

מיט זייערע הייליקע פלעצער אויף דער אַראַבישער טעריטאָריע?...
אויב פאַר אַראַבישע קרובים איז דאָ געניג גוטער ווילן און פאַרשטענ־
דעניס, פאַרוואָס זאָל עס אויסרינען אינגאַנצן ווען עס קומט צו
פאַרזיכערן אַ שטיקל צוטריט פאַר אַ אידן צום כותל מערבי,
וואָס איז בלויז עטליכע מינוט פון דער גרעניץ, אָדער צום קבר רחל,
וואָס איז פינף קילאָמעטער פון ירושלים?...

ווען איך האָב פאַרגעבראַכט די דאָזיקע פראַגע צו פרעזידענט
שזר, בעת אַ שמועס מיט אַ וואָך שפּעטער, און אים טאַקע דערציילט
פון דער אַראַבישער פּגישהביים מאַנדעלבוים־טויער וואָס איך האָב
בייגעוואוינט, האָב איך געזען, אַז אים פערזענליך אַרט די זאַך גאָר
שטאַרק. די מעגלעכקייט פאַר אַ אידן צו האָבן אַ צוטריט צו די
מקומות הקדושים וואָס געפינען זיך אין דער אַראַבישער טעריטאָריע,
איז ביים פרעזידענט אַ זעהר ערנסטער ענין. ס׳איז אָבער אויסער
זיין יוריסדיקציע צו זאָגן אַ דעה אין אויסערן מיניסטעריום, אַז די
דאָזיקע פראַגע זאָל איצט אָפיציעל אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר
היום אין דער יונייטעד נעישאַנס.

דער פרעזידענט האָט מיר אויך דאַן איבערגעגעבן אַז ער
ווייסט אויף זיכער אַז דער כותל מערבי ווערט פון די אַראַבער
געהאַלטן ריין און אָפּגעהיטן. ער האָט אויך באַשטעטיקט אַז דער
וועג צום נייעם האָטעל „הילטאָן" וואָס די אַראַבער האָבן אויפ־
געשטעלט אויפן הר הזיתים, גייט ניט דורך דעם אַלטן בית עולם,
נאָר אַרום אים און מיידט אויס די קברים אויפן באַרג. ס׳איז
אָבער מעגלעך אַז אַ צאָל מצבות זיינען צושטערט געוואָרן ביים
בויען דעם האָטעל.

איינע פון די ערשטע פראַגן וואָס ישראל וועט אויפנעמען
ביי דער ערשטער באַגעגעניש צווישן ישראל מיט די אַראַבישע
לענדער, האָט מיר פרעזידענט שזר געזאָגט, וועט זיין דאָס פּראָבלעם
פון אידישן צוטריט צו די הייליקע פלעצער אויף יענער זייט גרעניץ.

דורך אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אַן אַמעריקאַנער רב וואָס
האָט זיך באַזעצט אין ירושלים איז מיר אָבער דאָך געלונגען צו

כאַפּן פון דער נאָענט מער ווי אַ בליק אויף דער אַלט־שטאָט מיטן גאַנצן הר הבית. איך בין באמת דאַנקבאַר צו הרב עקיבא גאָטליב, פריער פון ברוקלין און היינט אין ירושלים, פאַר נעמען מיך צו יענעם ווינקל אין ירושלים, וואוהין די טוריסטן ווערן, ווייזט אויס, נישט געפירט, אפשר טאַקע, ווייל ס'איז צו־נאָענט.

נישטאָ קיין בעסערער קוק־ווינקל פונוואַנען צו זען די אַלט־שטאָט פון דער נאָענט, און דעם מקום המקדש ווי אויפן דאַך פון דער פראַנצויזישער בילדינג. אויף דעם דאַך גופא איז פאַראַן אַ הויכער צאַם, ווייל אַ טייל פון דער געבײַדע קוקט אויס צו זײַן אויף יענער זייט גרעניץ. פאַרן האַלבן פונט איינטריט־געלט וואָס איר צאָלט איין צו עפּעס אַ פאַרשוין וואָס רעדט אַ געמיש פון פאַרשיידענע שפּראַכן צוזאַמען, קריגט איר אפילו אויך אַ שפּאַקטיוו, אָבער אַ פּאָר גוטע אויגן קענען אַלץ זען קלאָר אפילו אָן אַ שפּאַקטיוו.

קודם כל זעט איר די הויפּט גאַס פון אַראַבישן טייל ירושלים וואָס איז נאָך אויסער דער וואַנט. איר זעט אַ צאָל נײַע געבײַדעס וואָס קוקן אויס גאַנץ מאָדערן, כאָטש זיי קענען זיך פאַר קיין פאַל נישט פאַרמעסטן מיט דער הויכער געבײַדע וואָס גייט אויף אויף דער אידישער זייט, טאַקע דאָ אַנטקעגן, ווער רעדט שוין פון די הערליכע סטרוקטורן וואָס שטייען ווי שטאָלצע ריזן אין אַלע טיילן פון לאַנד.

פון דאַנען זעט זיך שוין גוט, נישט בלויז דער קופּאָל, נאָר די גאַנצע געבײַדע פון דעם אַראַבישן געבעט־הויז און אויך דער חצר פון הר הבית, דער גאַנצער הויף וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען. עס זעען זיך אפילו מענשליכע פיגורן וואָס באַוועגן זיך אויפן הויף.

איך האָב מיך דערמאָנט וואָס דער ליובאַוויטשער רבי האָט מיר געזאָגט פאַרן אָפּפאָרן, אַז ליידער, איז ווי פאַרגעסן געוואָרן, אַז ס'איז פאַראַן אַ דין ווי אַזוי אַ איד דאַרף זיך פירן, וואָס ער דאַרף טאָן ביים זען „ערי ישראל בחורבנן", אידישע שטעט אין זייער פאַרוויסטונג. אין דער גאַנצער באַגייסטערונג וואָס דאָס נײַע

און בליענדע רופט אַרויס, טאָר, הייסט עס, אַ איד נישט מסיח דעת זיין פון דעם חורבן, און פאַרצייכענען עס ווי דער דין פאָדערט.

און וואו נאָך מער, ווי אָט דאָ, אויפן דאָך פון דער פראָנצוויזישער געביידע זעט זיך דער חורבן פון דער אַלטער עיר הקודש און ווי אויפן הר הבית לויפט נאָך אַרום יענער פוקס, וועלכן רבי עקיבא האָט געזען קורץ נאָכ׳ן חורבן, מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק ?...

שפּעטער האָב איך געהערט פון אַ צאָל אידן, אַז טאַקע דאָ, אויפן פראַנצויזישן דאַך האָבן זיי געריסן קריעה און געמאַכט די ברכה פון ברוך דיין האמת. איין איד האָט מיר דערציילט אַ זעהר טשיקאַווע געשיכטע אַרום דעם. גראַד האָט ער יענעם טאָג ווען ער איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל געטראָגן אַ נייעם אַנצוג, אין וועלכן עס האָט זיך אים נישט געוואָלט מאַכן קיין ריס, און ער האָט געריסן קריעה אויף אַ בגד וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן אויבערשטן נייעם רעקל. אַרונטערגייענדיק פון די טרעפּ האָט ער זיך פאַרטשעפּעט און געפאַלן, און דער נייער אַנצוג איז צעריסן געוואָרן אַ סך מער ווי איין קריעה...

ווען דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט געזען ווי אַ פוקס איז אַרומגעלאָפן אויפן הר הבית, דערציילט די גמרא, אַז ער האָט אָנשטאָט וויינען זיך גאָר פונאַנדערגעלאַכט. דאָס זען די פאַרווירק־ליכונג פון דער טרויעריקער נבואה, האָט רבי עקיבא דאַן געזאָגט צו זיינע וויינענדע חברים, גיט אים גלויבן, אַז אויך די גוטע נבואה וועט מקוים ווערן.

און די גוטע נבואה וואָס רבי עקיבא דערמאָנט, איז, פון דעם נביא זכריה, אַז „אַלטע און אַלטינקע וועלן נאָך זיצן אין די גאַסן פון ירושלים״.

וואָס וואָלט רבי עקיבא געזאָגט היינט וועגן דעם אַראַבישן פוקס אויפן הר הבית, ווען ער זעט ווי יונג און אַלט פּילן אָן די גאַסן פון דער דערבייאיקער אידישער ירושלים און די גאַסן פון אַלע אַנדערע אידישע שטעט און דערפער אין ארץ ישראל?...

דער נאָענטסטער פונקט צו קבר רחל

אויפן דאַך פון וואַסער־רעזערוואואַר אין קיבוץ „רמת רחל" — אַ באַזוך אויפן הר ציון — אַ סימבאָלישע וואָרנונג פון אַ דייטשן מאַגנאַט.

די מאַמע רחל איז שוין אין חדר באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טראַגישע פיגור און איר צער און ליידן האָבן ביי יעדן חדר־אינגל אַרויסגערופן גרויס מיטגעפיל און סימפּאַטיע.

איר שיינקייט, אויף וואָס די תורה אַליין זאָגט עדות, און איר גוט האַרץ, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק, ווען זי האָט איבערגעגעבן לאה'ן די סימנים צווישן איר און יעקב'ן, כדי די עלטערע שוועסטער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, טראָץ דעם וויטאָק אויפן באַטרוג פון איר אייגענעם טאַטע'ן — דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַרוואַנדלט רחל'ס צער און פּיין אין עפּעס נאָענטעס צום האַרצן פון יעדן חדר־אינגל מיט אַ האַרץ.

זי איז עפּעס איר גאַנצן לעבן ווי באַגלייט געוואָרן פון אַ פּאַדים פון טראַגיזם, וואָס האָט אין דער לעצטער מינוט פאַרשטעלט פאַר איר דעם וועג צום געגאַרטן גליק. נאָך אַ האָר און זי וואָלט שוין געהאַט דערגרייכט דעם ציל, אָבער דער וועג איז פאַר איר אַלעמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן אַזוי אומגעריכט.

נאָכדעם, ווי יעקב האָט צוליב איר אָפּגעשקלאַפּט ביי לבנ'ען זיבן יאָר, האָט איר דער אייגענער טאַטע פאַרראַטן און פאַרמידן פון איר דאָס גליק צו זיין יעקב'ס ערשטע פרוי, און אַ סברא, ווי עס זאָגן די מפרשים, אַז דאָס איז געווען די סיבה פון איר נישט קומען צו קבורה אין דער מערת המכפלה, ווייל נאָך מתן תורה איז דאָך

שוין געווען פאַרבאָטן צו זיין פאַרהייראַט צו צוויי שוועסטער מיטאַ־מאָל, און רחל איז דאָך געווען די צווייטע.

אָט איז זי שוין געבענטשט געוואָרן מיט אַ צווייטן זון פאַר וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק געבעטן, און זי איז אויסגעגאַנגען אין קימפעט.

אָט איז זי שוין געווען אין דער היים, נאָך אַזויפיל יאָרן מאַטערנישן אין דער פרעמד, אָבער אין וועג גייט זי אויס און דאָרט בלייבט זי ליגן אויפ׳ן וועג קיין בית לחם.

און אָט איז פאַר אונזערע אויגן געווען אַ בלוטיקע מלחמה, אין וועלכער אידישע קינדער האָבן פאַרגאָסן אַזויפיל בלוט, און טאַקע אויך דאָ נישט ווייט אַרום רחל׳ס קבר, אָבער ווען דער לעצטער סך־הכל איז געמאַכט געוואָרן, איז זי געבליבן אין דרויסן פון אידישן גבול. געטריי צו איר אייביקער ראָלע איז זי אין דער לעצטער מינוט נישט דערגאַנגען דעם לעצטן טראָט.

קומען אידן פון דער גאַנצער וועלט קיין „רמת רחל״, אַ קיבוץ פון מפא״י, וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער גרענעץ אין דרום פון ירושלים, אויפן וועג קיין בית לחם, אָנצוקוקן פון דאָרט רחל׳ס קבר.

אין רמת רחל זיינען לעצטנס געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען, וואָס האָבן דאָרט אַנטדעקט גאַנצע פעסטונגען פון אַמאָליקע צייטן. די צייט און דאָס זאַמד פון די אַרומיקע בערג, האָבן פאַרדעקט שטיינערנע פעסטונגען מיט געהיימע דורכגאַנגען, וואָס אידישע גבורים האָבן אַמאָל דאָ אויפגעשטעלט, ביים דורכגאַנג, וואָס פאַר־בינדט בית לחם און די בערג פון יהודה מיט ירושלים. איר זעט מיט די אייגענע אויגן די אַלע געשיכטע־איינגעהילטע פעלזן און היילן און עס דוכט זיך אייך, ווי איר כאַפּט דעם אָטעם פון די אַלע תקופות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט דאָ אין לאַנד, און וואָס זיינען אייך מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי לעבעדיק און נאָענט.

אַנטקעגן, אַ וואַסערע פינף קילאָמעטער מיטן אַלטן וועג, ליגט אויסגעשפרייט די אַלטע בית לחם, וואו דוד המלך האָט אינגל־וויז געפיטערט זיין טאַטנ׳ס שעפסן און פונוואַנען ער איז צוגע־נומען געוואָרן צו ווערן „דוד מלך ישראל חי וקיים״.

אויף דער אַראַבישער זייט גליטשן זיך זייערע אויטאָמאָבילן קיין בית לחם, קיין חברון, אַלץ ערטער, וואוהין אַ איד קען היינט נישט צוקומען. געגנוג אידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן איינצו־האַלטן „רמת רחל״ אין אידישע הענט. דער אַלטער טייל פון קיבוץ איז כמעט ווי רואינירט געוואָרן אין די קאַמפן, וואָס האָבן דאָ געפלאַקערט, און אַ נייער קיבוץ מיט נייע געביידעס איז אויפגעבויט געוואָרן.

דער הויכער טורעם, אויף וועלכן די טוריסטן שטייען און קוקן אויף גאַנץ ירושלים פון איין זייט, און בית לחם פון דער אַנדערער זייט, איז אייגענטלעך אַ וואַסער־רעזערוואואַר. אין די פאַרגעקומענע קאַמפן האָבן די אַראַבער פאַרניכטעט די וואַסער־רערן און דער קיבוץ איז געבליבן אָן אַ טראָפּן וואַסער. שטייט דער רעזערוואואַר אָנגעפילט מיט וואַסער און איז גרייט על כל צרה שלא תבוא. אויבן, אויפן דאַך, שטייען מענטשן און באַ־וואונדערן די תנ״כ׳ישע פּאַנאָראַמע, נישט פילנדיק, אַז דאָ, אין רמת רחל גופא, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאַפּיטל אידישע גבורה, וואָס איז אַ שטאָלצער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון אַלע ביז איצטיקע דורות, וואָס האָבן דאָ געבויט פעסטונגען קעגן שונא.

— אָט דאָרט, הינטער יענעם באַרג, געפינט זיך דער מוטער רחל׳ס קבר — ווערט דערקלערט אויפן קאָמפּאַס מיט אָנווייַ־זונגען, וואָס ווייזט וואָס אַזוינס עס געפינט זיך אויף יענער זייט פון דאָזיקן אַרויסקוק־פונקט.

דעם קבר אַליין קען מען נישט זען, נאָר דעם באַרג, וואָס פאַרשטעלט דעם קבר, און אידן קומען פון נאָענט און פון ווייט קיין רמת רחל, דער נאָענטסטער פונקט אין דער היינטיקער ישראל, צום קבר רחל.

עטלעכע טריט פון דראָטענעם פּאַרקאַן ביים גרענעץ שטייט אַ בודקע אָנגעלאָדן מיט קוישעלעך קאַרשן און עפּל פון קיבוץ, און די פרוי וואָס פּאַרקויפט עס, גיט צוזאַמען מיט דער סחורה, אַ ברייטן שמייכל און אַ „זייט־געזונט פונוואַנען איר קומט".

אויפן וועג צוריק פון רמת רחל, פּאַרנאַכט צו, באַגעגנט איר אַ וואָגן מיט קיבוצ'ניקעס, וואָס קומען צוריק נאָך אַ טאָג אין פעלד. זיי ברומען אונטער אַ פריילעך געזאַנג. אָבער אייערע אויערן כאַפּן גאָר אויף, אָנשטאָט געזאַנג, אַן אָפּקלאַנג פון רחל'ס געוויין אויף אירע קינדער.

דער געוויין אירער, וואָס זי האָט אויפגעהויבן בעת נבוזראדן האָט געטריבן אירע קינדער אין גלות אַריין, איז אין הימל געהערט געוואָרן. אירע קינדער האָבן אויסגעהאַלטן אַ גלות, וואָס שטייגט איבער באַין ערך אין צרות און ליידן יענעם גלות, וואוהין נבוזראדן האָט געפירט די אידן פון ירושלים. אָבער זי וויל זיך נישט טרייסטן, מאנה להנחם. אַט שטייען לעבן איר אירע קינדער, וואָס קומען צו איר פון דער גאַנצער וועלט, און זיי קאָנען ניט צוקומען צו איר קבר!...

דער וועג, וואָס פירט פונדאַנען אויף קיין חברון, איינע פון די פיר פּאַרהייליקטע שטעט אין ארץ ישראל (ירושלים, חברון, טבריה און צפת), איז פּאַרצאַמט. ווייטער ווי רמת רחל קען אַ איד נישט פּאָרן. קערט ער זיך אום צוריק קיין ירושלים און גייט צום באַרג ציון, דער באַרג, וואו דוד המלך האָט אויפגעשטעלט אַ פעסטונג ווי אַ וואַך אַרום ירושלים און וואו עס געפינט זיך, לויט אַ מסורה, דער קבר פון דוד המלך.

דער משרד הדתות האָט איינגעאָרדענט אויפן הר ציון אַ ריי אויסשטעלונגען, וואָס פּאַראייביקן דעם לעצטן חורבן אייראָפּע, מיט צעריסענע און צעבלוטיקטע יריעות פון ספרי־תורה, ווי אויך גלעזערנע סלאָיען מיט אַש פון די קדושים. דער „מרתף השואה" האָט אויך אַ גאַנצע ריי טאַבלעטן מיט נעמען פון חרוב'ע שטעט און די דאַטעס פון זייער אומקום.

ערשט נאָכן דורכגיין די אַלע בלוט־פאַרגליווערנדיקע קעלערן קומט איר אָן אין אַ ענג חדר׳ל פון שטיין און פעלז, וואו עס ליגט נאָך אַ גרויסער שטיין, אין דער ברייט פונעם חדר׳ל, פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, און דאָרט געפינט זיך עס דער קבר פון דוד המלך. אויבן, איבערן ברייטן שטיין, ליגן 15 קרוינען, אַרויסגעראַטעוועטע פון חרוב׳ע אייראָפּעאישע שולן, אַ קרוין פאַר יעדן יאָר, וואָס מדינת ישראל עקזיסטירט. איינער פון די שמשים הויבט אויף דאָס שוואַרצע טוך איבערן שטיין און ווייזט אייך אָן אויף אַ קליין שטיינדעלע אין צענטער, וואָס איז געבליבן גאַנץ פון אָריגינעלן שטיין פון דוד המלכ׳ס צייטן.

אויף אַ טישל ליגט אַ תהלימ׳ל, און וועלכער איד, וואָס קען נאָר עברי, וועט עס ניט זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, שטייענדיק ביים קבר פון דעם נעים זמירות ישׂראל, וועלכער האָט דאָ אויפן באַרג געטראַכט, געזונגען מזמורים און געקעמפט קעגן אידישע שונאים ?

דער שמש וואַרט אָבער ניט ביז איר וועט עפענען דאָס תהלימ׳ל און אַליין עפּעס זאָגן. ער הויבט אָן מאַכן מי שברכ׳ס און האָפט, אַז איר וועט אים עפּעס איבערלאָזן.

פאַראַן פרומע קרייזן אין ישראל, וואָס האָבן שטאַרקע אויס־זעצונגען קעגן דעם, וואָס זיי באַצייכענען אַלס טעאַטראַלישקייט און ניט־פּאַסענד פאַר׳ן הר ציון. אַפילו הרב ר׳ שלמה יוסף זעווין, איינער פון די גרויסע חכמי ישראל פון היינטיקן דור און אַ מאמין אין דער אתחלתא דגאולה׳דיקייט פון מדינת ישראל, האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט זייער שאַרף קעגן „דר. כהנא׳ס קונצן אויפן הר ציון״. דר. זאַנוול כהנא איז דער דירעקטאָר פון משרד הדתות, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער אַלע היסטאָריש־הייליקע פּלעצער.

איך האָב געזען אויפן הר ציון ווי אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד וויקלט איין אַ אינגעלע אין אַ טלית און זאָגט דעם פסוק

פון „המלאך הגואל", וואָס מ׳זאָגט שמחת תורה ביי דער עליה פון כל הנערים, ווען מען רופט אויף אַלע פאַר־בר־מצוה־אינגלעך. שפּעטער האָב איך געזען ווי דער זעלבער איד טוט אָן תפילין אויף דער האַנט פון אַ יונגענמאַן מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און מאַכט מיט אים די ברכה פון להניח תפילין.

נעבנטער ביי זיין טישל האָב איך געזען אַ סידור נוסח אר״י „תהילת ה׳", געדרוקט פון 770 איסטערן פּאַרקוויי אין ברוקלין. לעבן סידור איז געלעגן אַ מימיאָגראַפישער שמועס פון ליובאַ־וויטשער רבי׳ן אין אידיש, אויך אַרויסגעגעבן אין ברוקלין.

נאָך דעם ווי איך האָב אים געלאָזט מאַכן אַ מי שברך, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן ווי עס קומט צו אים אויפן הר ציון „ליובאַוויטשער ליטעראַטור". קיין צייט אַריינצוגיין מיט מיר אין אַ שמועס האָט ער ניט געהאַט, ווייל עס האָבן געוואַרט אַנדערע טוריסטן, אָבער ער האָט באַוויזן צו זאָגן אויף דער גיך:

— זאָגט דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, אַז אהרן ראַבינאָוויץ לייגט תפילין מיט אידישע קינדער אויפן הר ציון...

אויפן הר ציון געפינען זיך אויך — להבדיל אלפי הבדלות — אַ היבשע צאָל קלויסטערס, און אויב איר גייט מיט אַ פּראָ־פעסיאָנעלן „גאַיד", וועט ער אייך פרעגן, צי איר ווילט זען דעם צימער פון דער „לעצטער וועטשערע" (דהי לעסט סאַפּער רום).

עס דרייען זיך דאָרט אויך אַרום מאַנאַכן אין לאַנגע ברוין־טונקעלע רעקלעך, און צו מיין איבערראַשונג האָט איינער פון זיי מיך געוואָרנט אין דייטש ניט צו דערנענטערן זיך צום צאַם, אַרום וועלכן עס זיינען געלעגן פאַרברענטע האָלאָוועשקעס און דורכגעברענטע מעטאַלענע פעסלעך, אָנגעפילט מיט ערד, אַן איבער־בלייבעניש פון די טעג פון דער מלחמת השחרור.

די זעלבע שפּראַך, וואָס האָט געשריען „הייל היטלער" און באַפוילן אומצוברענגען מיליאָנען אידן, די זעלבע טמא׳דיקע

שפּראַך וואָרנט אַ אידן אויפן הר ציון ניט צוצוגיין נאָענט צום גרענעץ, ווייל עס איז געפערלעך...

פאַראַן אַ פּסוק אין עובדיה — און אידן זאָגן עס אַלע טאָג אין דאַוונען: „ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו". עס וועט קומען, זאָגט דער נביא, אַ טאָג, ווען די העלפער וועלן אַרויפגיין אויפן באַרג ציון און משפט'ן דאָרט דעם באַרג פון עשו.

דער דייטשער מאַנאַך אויפן הר ציון ווייזט, אַז דערווייל האָט נאָך דאָרט דער הר עשו אַן אָרט און אַז עס דאַרף נאָך ערשט קומען אַ טאָג, ווען דאָרט אויפן הר ציון וועט עשו קריגן זיין פאַרדינטן פּסק.

שבת און זונטיק אין ירושלים

אַ שבת׳דיקער שבת און אַ וואָכעדיקער זונטיק — ביי דער הפסקה פאַר קריאת התורה אין געדער בית מדרש — די פראַגע פון אַ וואָכעדיקן רו־טאָג כדי צו העלפן שמירת שבת.

דער ערשטער קוק אויפן ירושלים׳ער דרויסן שבת אין דער פרי דערמאָנט אייך אין דעם ווייסן שבת׳דיקן טישטוך, וואָס האָט ווי באַדעקט און איינגעוויקלט די אַמאָליקע קליינע שטעטלעך אויף יענער זייט ים.

עס איז געווען אַ קינדערשע פאַנטאַזיע, אָבער עס איז דערין אויך געווען אַ שטיק ווירקלעכקייט. שבת האָט דאָס שטעטל געהאַט גאָר אַן אַנדער פנים. די בלאָטיקע געסלעך האָבן גע־קראָגן אַ ציכטיקן אויסזען, און די פאַרכמורעטע פנים׳ער האָבן זיך אויסגעלייטערט און געשיינט מיט אַלע חנ׳ען. געווען אַפילו אין שטעטל אַ קרעמערקע, וואָס האָט פאַרקויפט אַ פונט צוקער אָדער אַ הערינג הינטער אַ האַלב־פאַרמאַכטער טיר. און אַ בחור אַ חברה׳מאַן האָט געוואונען אַ געוועט, אַז ער וועט וואָגן דורכ־צופאָרן אויף אַ בייסיקל שבת ביי־טאָג די גאַנצע ברייט פון שטאָ־טישן מאַרק. אָבער דאָס ווייסע שבת׳דיקע טישטוך איז דורך דעם ניט אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן פון טיש. דער שבת׳דיקער טאָג האָט אויסגעזען אַנדערש און די אידן האָבן אויסגעזען אַנדערש.

אָט די דאָזיקע שבת׳דיקע אַנדערשקייט, וועלכע איז דאָ אין אַמעריקע אַפילו אין די פיינסטע אידישע געגנטן פאַרשוואונדן, און אין די מערסטע פאַלן אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום פרעמדן זונטיק, זעט איר און פילט מיטן ערשטן קוק שבת אין דער פרי אויף

ירושלים. איר הערט ניט דאָס קרעכצן פון די מאָטאָרן פון די אָנגעלאָדענע באָסעס ווי זיי קריכן באַרג־אַרויף פאַרביי דעם האָטעל און וועקן אייך אויף אַ גאַנצע וואָך. די בוי־מאַשינען, וואָס שוויצן דאָ ביים אָפּראַמען אַ שטיק שטיינערנעם באָדן, רוען זיך אָפּ פון זייער שווערער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך. דער איד, וואָס פירט פאַנאַנדער אַ גאַנצע וואָך אויף אַ וועגעלע פּז־געזאַלין אָדער בענזין צו זיינע קונדן, איז היינט אין דער פרי אין שול ביים ערשטן מנין. און דער תימנ׳ער בחור׳ל, וואָס העלפט אים אַרויס, שלאָפט היינט אַביסל שפּעטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בן־מלך אין טאָג ווען די שבת־מלכתא קיניגט.

עס זיינען פאַראַן פלעקן אויף דעם שבת׳דיקן טישטוך אין ירושלים. עס פאָרן פּריוואַטע אויטאָמאָבילן — און עס זיינען דאָ, קיין עין הרע, אַ סך אידן אין ישראל, וואָס האָבן אייגענע קאַרס — און עס פאָרן פאַרביי קליינע טראָקס מיט אַ שילד „נוסעים״, אַ וואָרענונג, אַז אינעווייניק פאָרן פּאַסאַזשירן, און עס פאָרן טעקסיס. אָבער עס איז בפירוש דאָ אַ געוואַלדיקער אונטערשייד אין דער באַוועגונג פון טראַפיק אויף יפו־ראָוד און קינג דזשאָרדזש צווישן אַ גאַנצע וואָך און שבת.

און זאָל טאַקע אויך ניט פאַרקוקט ווערן דער חילול זונטיק אין ישראל, וועלכער גיט דעם גאַסט פון אַמעריקע נאָך אַ געפּור־נענעם טאָג אין דער וואָך און מאַכט אים אָפּט פאַרבייטן דעם מאָנטיק אויף דינסטיק, ביז ער געוואוינט זיך צו, אַז נעכטן, דער ערשטער אַרבעטס־טאָג פון דער וואָך, איז געווען זונטיק. כ׳האָב אַמאָל געהערט פון אַ גרויסן ראש ישיבה, אַז דער זונטיק אין אַמעריקע ווייזט וואָס די חכמים האָבן געמיינט ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז אידן פון חוץ לאָרץ זיינען עובדי עבודה זרה בטהרה. זונטיק מאַכט מען אַלע שמחות און פאַרטיס, אַפילו דינערס פון די פרימסטע וויליאַמסבורגער ישיבות. אַוודאי איז ביי די דאָזיקע אידן זונטיק אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער טאָג, אָבער עס איז פאָרט אין דער בחינה פון עבודה זרה בטהרה. אין ארץ ישראל איז

די דאָזיקע זונטיק־עבודה זרה בטל געוואָרן. ניטאָ דאָרטן דער אַמעריקאַנער „שבת שני של גלויות".

פון דער אַנדערער זייט האָבן אַפילו אַ צאָל רעליגיעזע אידן צוגעגעבן, אַז שמירת שבת אין ארץ ישראל וואָלט אַ סך געוואונען אויב עס וואָלט צוגעגעבן געוואָרן אַ וואָכעדיקער רו־טאָג, ווען מען איז פריי פון דער אַרבעט און מען מעג פאָרן און גיין צו קרובים און פריינט און טאָן אַלע אַנדערע וואָכעדיקע מלאכות, וואָס שבת טאָר מען ניט און אַ גאַנצע וואָך האָט מען ניט קיין צייט דערויף.

דאָס פּראָבלעם איז אָבער, וואָס דעם זונטיק ווילט זיך ניט געבן קיין באַזונדערן סטאַטוס צוליב זיין קריסטלעכקייט, איבער־הויפּט נאָך אין אַנבליק פון דעם קאַמף פון אידן אין אַמעריקע אָפּצושאַפן אָדער צו פאַרלייכטערן די שטרענגע זונטיק־געזעצן, פון וועלכע אידן שומרי שבת ליידן. אויב אין ארץ ישראל וואָלט זונטיק געוועזן אַ רו־טאָג, וואָלט עס דאַן אַוועקגענומען אַלע אידישע טענות צום אַמעריקאַנער זונטיק מיט איין קלאַפּ. ווידער, פרייטיק, איז אַ קורצער טאָג, ווייל אין אָוונט איז דאָך שבת, און מענטשן וואָלטן ווייטער געווען באַגרענעצט אין זייער קומען און גיין, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס פרייטיק איז דאָך דער מאָכמע־דאַנישער רו־טאָג. בלייבט איבער אויסצוקלייבן אַ מיטן־וואָכיקן טאָג און אָפּשטעלן אין אים אַלע קאָמערציעלע רעדער. אפשר וועט נאָך קומען ווען אַ צייט אויך פאַר דעם, דערווייל נויטיקט זיך דאָס לאַנד אין זעקס אַרבעטס־טעג אַ וואָך.

ניט אַלע אידן אין ישראל גייען שבת אין שול, און די יוגנט לאָזט זיך אַרויס איבער די גאַסן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט אַן אַ ציל, ווי זיי וואָלטן געווען געיאָגט פון אַ געהיימער טרייב־קראַפט. עס איז אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן די פריילעכע, זאָרגלאָזע פּנימ'ער פון אידישע קינדער, וואָס ווייסן ניט דעם טעם פון גלות, פון אַן אַנטיסעמיטישער באַליידיקונג, און צו דער זעלבער

צייט פאַרדריסט איך פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי ניט־שבת׳דיק, פאַר־וואָס זיי ווייסן ניט פון דער קדושה פון שבת, פאַרוואָס זיי ווערן דערצויגן אַזוי ווייט און פרעמד פון דער קדושה פון שבת און פון דער קדושה פון ירושלים.

אין לעצטן נומער פון „בית יעקב זשורנאַל״, וואָס איז דער־שינען בעת מיין זיין אין ישראל, שרייבט הרב צבי מאַרקאָוויץ, דער רב פון רמת גן, אַז דאָס דאַזיקע מאַסן־יאַגעניש פון דער יוגנט איבער די גאַסן שבת און יום־טוב איז אַן אויסדרוק פון אַן אינערלעכער אומרו, ווייל דאַן, זאָגט ער, „ווײנט זייער באַהאַל־טענע אידישע נקודה, וועלכע זוכט און בענקט נאָך אַן אינהאַלט און קען ניט געפינען קיין רו״. אָבער אויף דעם דאַרף מען זיין אָדער אַ גריסער מליץ יושר, אָדער אַ נאָך גרעסערער פסיכאָלאָג. ביים פשוט׳ן באַאָבאַכטער רופט די דאָזיקע פוסטע יוגנטלעכע יאָגעניש אַרויס זאָרג וועגן די פרוכטן פון אַ דערציאונג, וואָס האָט פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם יאָך פון מלכות שמים.

דערפאַר זיינען אָבער פאַראַן גאַסן אין ירושלים, וואו די טליתים פלאַטערן אין גאַס און די שבת׳דיקע אַטמאָספערע איז ממש אָנצוטאָפן מיט די הענט. מיר איז אויסגעקומען צו זען אַ שבת אינדערפרי אויף דער מלכי ישראל־גאַס, וועלכע איז, אייגענטלעך, אַ פאַרזעצונג פון דער מאה שערים־גאַס, אָדער פאַר־קערט, איבערגעהאַקט מיט רחוב שטראַוס, וועלכע איז, ווידער, אַ פאַרזעצונג פון רחוב קינג דזשאָרדזש און איז ווי אַן אומאָפיציעלע גרענעץ צווישן מאה שערים און איר איינשטעלונג, און דעם גרעסטן טייל פרומע אידן פון ירושלים און זייער איינשטעלונג און קוק אויף דער מדינה.

די גאַסן, וואָס שיילן זיך אויס פון רחוב מלכי ישראל, טראָגן נעמען פון נביאים, רחוב עמוס, רחוב יונה, רחוב צפניה און אַזוי ווייטער. מלכים און נביאים גייען דאָ האַנט אין האַנט, און דער שבת׳דיקער אויסקוק פון גאַנצן אַרום האַרמאָנירט מיט די שילד־לעך אויף יעדן ראָג.

עס גייען אידן אין זיידנס און שטריימלעך און עס גייען אידן אין ווייסע כאַלאַטן, וועלכע זיינען דער חותם פון ירושלים׳ער דורות׳דיקייט. עס גייט אַן אינגעלע, אָנגעטאָן אין אַן אַמאָליק וואַרשעווער היטעלע מיט׳ן קורצן דאַשיקל, און עס גייען עלטערע ישיבה־בחורים אין איראָפּעאישן לבוש. דאָ, אין דער גאולה־געגנט, גייט מען שבת אינמיטן גאַס. דאָ איז די גאַס שבת׳דיק.

אויף דער דאָזיקער מלכי ישראל גאַס איז איבערגעפּלאַנצט געוואָרן דער גערער הויף אין זיין גאַנצער פּראַכט, מיט אַ הערלעך־אויסקוקענדיקער געביידע, וואו עס געפינט זיך אַ ריזיקער בית מדרש, וואָס איז אָנגעפילט, קיין עין הרע, מיט יונג און אַלט, און וואו אַלץ איז קאָנצענטרירט אַרום דער געשטאַלט פון גערער רבי׳ן.

שבת אַזייגער האַלב נאָך אַכט אין דער פרי, האָט דער גערער בית מדרש אויסגעקוקט ניט ווי אַ שול, וואו מען דאַוונט, נאָר ווי אַ ישיבה, וואו מען לערנט, און די לערנער זיינען געווען אַן עדה פון הונדערטער אידן, טאַטעס, זין און אייניקלעך, וועלכע זיינען געזעסן ביי די אָפענע גמרות. אין גער ווערט געמאַכט פאַר קריאת התורה אַ הפסקה אויף אַ שעה צייט, ווען דער גאַנצער עולם זעצט זיך לערנען.

ביי דער רעכטער זייט פון אָרון קודש איז אַ שטיק פּלאַץ ווי אָפּגעליידיקט. דאָרט שטייט דער רבי און דאָרט באַוועגט ער זיך אָפּט אין אַ קורצן שפּאַציר, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער ריכטונג. און ווען ער שטעלט אַ טראָט און גיט אַ קוק אויף אַ ווינקל פון דער מאַסע חסידים, וואָס רינגלט אים אַרום, ווערט דאָס ווינקל ווי איינגעדאַרט און דער עולם רוקט זיך פונאַנדער אויףביידע זייטן, ווי צו מאַכן אַן אָרט פאַר׳ן רבי׳נס בליק, וועלכער זוכט אַוודאי אימיצן.

ווי נאָר דעם רבי׳נס בליק קערט זיך אָפּ, ווערט דער פּלאַץ ווידער אויסגעפילט, און גאַנץ אָפּט ווערט אַ שטילער געראַנגל

ביים צוריקקריגן די פאַרלוירענע פּאָזיציעס, און אַ צווייט ווינקל פאַנגט זיך אָן אויסצולייזדיקן פון רבי׳נס בליק.

רעכטס פון רבי׳ן, אַביסל נענטער צו דרום, זיצט אויף אַ שטול דעם רבי׳נס שוואָגער, ר׳ איטשע מאיר לעווין, וועלכער פאַרנעמט היינט אין ישראל די זעלבע פּאָזיציע פון פירערשאַפט, וואָס ער האָט פאַרנומען אין פּוילן, ביים לעבן פון זיין שווער, דער פריערדיקער גערער רבי זצ״ל. ער זיצט מיטן טלית אויפן קאָפּ און קוקט אַריין אין חומש, און בין גברא לגברא גיט ער אַ בליק אויפן עולם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר די שארית הפליטה פון אַמאָליקן גער, צוזאַמען מיטן נייעם גערער דור, וואָס האָדעוועט זיך אויף אין הייליקן לאַנד.

דער געוועזענער מיניסטער אין דער ערשטער ישראל־רעגירונג האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט אַ זיצונג פון אַלוועלטלעכן ועד הפּועל פון דער אגודת ישראל, פון וועלכן ער איז פאָרזיצער, און מסתמא איז דאָרט אויך גערעדט געוואָרן וועגן דער מעגלעכקייט און אונטער וועלכע באַדינגונגען די אגודה וואָלט געווען גרייט צוריק אַריינצוגיין אין דער רעגירונג. דאָ ביים חומש׳ל זיצט אָבער ר׳ איטשע מאיר דער גערער חסיד, דער איידעם פון פריער־דיקן רבי׳ן און דער שוואָגער פון היינטיקן רבי׳ן, ניט ר׳ איטשע מאיר דער פּאָליטישער טאָן־געבער פון אַ פּאַרטיי און איינער, וואָס אַפילו היינט אַנטלויפט ער ניט פון קיין קאַמף פאַר די פּרינציפּן פון דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין פּוילן, און פאַר די באַדייטנדיקע פּאָזיציעס, וואָס די זעלבע פּאַרטיי האָט דעראָבערט אין ישראל.

אין צענטער פון בית מדרש, אַנטקעגן אָרון קודש, לינקס פון רבי׳ן, שטייט אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער שטייט גלייך ווי אַ סטרונע, גיט זיך ניט קיין ריר פון אָרט און נעמט די אויגן ניט אַרויס פון חומש. דאָס איז ר׳ פּנחס מנחם, דעם גערער רבי׳נס אינגסטער ברודער און דער הויפּט־ראש ישיבה פון

דער גערער ישיבה „שפת אמת". ער איז דער בן־זקונים פון פריערדיקן רבי'ן און איז מיט אַ 25 יאָר אינגער פון זיין עלטערן ברודער, וועלכער איז היינט רבי.

און ביי אַ טיש, וואָס שטייט לעבן דער דרום־וואַנט, גענטער צו מערב, זיצט זיך באַשיידן אַ פּרינץ פון דער אַמאָליקער אידישער מלכות פּוילן, וועלכער פאַרכאַפּט איך מיט זיין אַדעליקן קוק און מיט זיינע צוויי פריינטליכע אויגן. ווען ער גיט איך די האַנט מיט אַ גוט־שבת פילט איר ווי איר האָט דאָ פאַר זיך אַ איד, וואָס איז כולו אומר כבוד, אַ טיפע, וואָס רופט ביי איך אַרויס דעם טיפסטן געפיל פון רעספּעקט אַלס איינער פון די שענסטע זין פון אַמאָליקן אידישן פּוילן און פון היינטיקן רעליגיעזן לעבן אין ישראל.

נאָכ'ן דאַוונען, ווען דער גאַנצער עולם מתפללים גייט פאַרביי דעם גערער רבי'ן מיט אַ גוט־שבת, זעט איר ווי דער דאָזיקער איד שטייט און קוקט אויף דער לאַנגער שורה חסידים, וועלכע שטופּן זיך, ניט צו פאַרלירן די ריי, אָבער זיינע רעיונות זיינען בעת מעשה ווייט־ווייט, ערגעץ־וואו אין בענדין, וואו זיין פאָטער, ר' חנוך העניך לעווין, אַן איידעם פון „שפת אמת" זצ"ל, איז געווען מרא דאתרא און האָט פאַרנומען אַן אויבן־אָן צווישן פּוילישן ראַבינאַט, סיי אַלס גאון און מחבר (זיין ספר שאלות־ותשובות האָט געהייסן „יכהן פאר") און סיי אַלס וואָרט־זאָגער פון גאַנצן פּוילישן אָרטאָ־דאָקסישן אידנטום.

דער זון, ר' פּיניע לעווין, איז ניט מפורסם אַלס פּאַרטיי פירער. ער איז אפשר בכלל ניט קיין מפורסם, ווייל ער איז פון דער נאַטור אַ מענש, וואָס האַלט זיך אין הינטערגרונט. דערפאַר איז ער אָבער אַן אויסגעוויינליך־אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט, און אַ באַגעגעניש מיט אים איז אַ דערפאַרונג, וואָס אילוסטרירט אין לעבעדיקע פאַרבן ווי אַזוי די פּליטת בית סופריהם פון אַמאָליקן פּוילן ווירקט, שאַפט און בויט אין היילקן לאַנד.

אַ רעצעפּט פאַר מיזוג גלויות

רעליגיעזער חנוך אַלס פאַקטאָר אין פאַרשנעלערן פּראָצעס פון צונויפ־שמעלצן די עדות פון מזרח און מערב — מיט ר׳ פּיניע לעווין פון וואַרשע און בענדין, אין בית יעקב סעמינאַר אין ירושלים — אַ שטיק אידיש פּוילן וואָס איז היינט אַ שטיק ארץ ישראל.

קאַטאַמאָן איז אַ געגענט אין האַרץ פון ירושלים, וואו עס האָבן, ביז דער באַפרייאונגס־מלחמה, געוואוינט מערסטנס אַראַבער — קריסטליכע אַראַבער — וועלכע זענען פּונקט די זעלבע „אוהבי ישראל״, ווי די מאַכמעדאַנישע אַראַבער. ס׳איז אויך געווען אַ געגענט, וואו עס האָבן זיך געפונען די אויסלענדישע קאָנסולאַטן, און צווישן די אַלטע געביידעס, וואָס שטייען נאָך גאַנץ, אָדער האַלב־חרוב, זענען דאָ אַזעלכע, וואָס טראָגן נאָך אויף זיך צייכנס פון זייער אַלטער גדולה.

היינט איז קאַטאַמאָן אַ געגנט פון מיזוג גלויות מיט אידן פון דער גאַנצער וועלט. איר זעט דאָרט אידן מיט אַ הילוך, וואָס איז עכט־אָריענטאַליש, ווי זיי טענה׳ן זיך אויס מיט אונזערס אַ סאָרט אידן, פון אָנפאַנג אַביסל בייזלעך און צום סוף גיט מען זיך די הענט ווי גוטע פריינט.

די אַלטע געביידעס פון קאַטאַמאָן טרעטן־אָפּ פאַר די נייע, וואָס ווערן דאָרט געבויט. קאַטאַמאָן האָט קיין עין הרע, געבוירן אַ סך „קינדערלעך״ — קאַטאַמאָן א׳, ב׳ און ג׳, און עס האַלט שוין ביי קאַטאַמאָן ט׳. נאָך אַ שפּאַציר איבער די געסלעך פון קאַטאַמאָן, זייט איר היפּשלעך פאַרשטויבט מיט זאַמד, אָבער ס׳איז אַ זאַמד, וואָס וועט ווערן אַ טייל פון די נייע אויפגייענדע אידישע היימן, און עס ווילט זיך אייך פּשוט ניט אָפּרייניקן פון זיך דעם שטויב,

נאָר מיטנעמען עטלעכע שטיבעלעך מיט זיך. דערציילט דאָך די גמרא, אַז ר׳ אבא האָט געקושט די שטיינער פון עכו. כאָטש אָרום עכו גייט־אָן אין דער גמרא און מפרשים אַ גרויסע שקלא וטריא, וואו זי באַלאַנגט.

אָט אין דער דאָזיקער קאָטאָמאַן־געגענט פון קיבוץ גלויות איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן וועגן דעם פּראָבלעם פון מיזוג גלויות, זייער צונויפשמעלצונג און צונויפגיסונג, באַזונדערס צווישן רעלי־גיעזע אידן, מיט אַ אידן, וואָס איז אַליין פון אַ שטיק אידיש פּוילן געוואָרן אַ שטיק ארץ־ישראל. דער שמועס מיט ר׳ פּיניע לעווינ׳ען, דער פינפטער זון פון בענדינער רב ר׳ העניך לעווין, זצ״ל, איז טאָקע פאָרגעקומען אויפן דאַך פון דעם ירושלים׳ער בית יעקב סעמינאַר, וועלכן ר׳ פּיניע האָלט פאַר אַ מוסטער, ווי גייך דער פּראָצעס פון מיזוג גלויות גייט־אָן צווישן רעליגיעזע אידן.

פאַר פּוילישע אידן דאַרף מען ניט דערציילן, אַז ר׳ פּיניע לעווין טראָגט אויף זיך — און מיט שטאָלץ — דעם חותם פון גרויס־חסיד׳ישן יחוס, זייענדיק אַן אייניקל פון „שפת אמת״, וועמענ׳ס אײדעם זיין פאָטער, דער בענדינער רב, איז געווען. דעם בענדינער רב׳ס קינדער זענען געווען אין פּוילן לעבעדיקע סימבאָלן פון תורה וגדולה, לומדים, מנהיגים, סוחרים און באַנקירן, אָנפאַנגענדיק פון דעם בכור, ר׳ איטשע מאיר לעווין, ביז דעם מיזיניק, ר׳ אהרן דוד. פון דעם בענדינער רב׳ס קינדער — ניין זין און איין טאָכטער — זענען היינט דאָ בלויז צוויי, עד מאה ועשרים שנה, ר׳ איטשע מאיר און ר׳ פּיניע, צוויי נעמען, וואָס דערמאָנען אָזויפיל פון דער פאַרגאַנגענהייט אין פּוילן, און וועלכע זענען אויך צווישן די בויער און באַפעסטיקער פון דער צוקונפט פון אידן און אידישקייט אין ארץ־ישראל.

ר׳ פּיניע איז געווען אַ ליבלינג ביים פריערדיקן גערער רבי׳ן, ר׳ אברהם מרדכי זצ״ל, וועלכער האָט אים מיטגענומען אויף זיינע

ערשטע רייזעס קיין ארץ־ישראל און אים אָנפּאַרטרויט דאָרט אַ צאָל וויכטיקע מיסיעס. אין פּוילן איז ער געווען בראש פון דער אגודה׳ס ארץ־ישראל אָפּטיילונג און האָט אויך רעדאַקטירט אַ זשורנאַל מיט׳ן נאָמען „ארץ ישראל״. אין 1940 איז ער געווען צווישן דער גרופּע מקורבים, וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם רעטונגס־וועג פון גערער רבי׳ן קיין ארץ־ישראל, און זינט דאַן איז ער בראש פון אַ דערציאונגס־ווערק, וואָס שמ׳ט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

שמועסנדיק אויפן דאַך פון דער בית יעקב סעמינאַר געביידע אין קאַטאַמאָן, פון וואַנען די אַראַבער האָבן באַשאָסן דעם גאַנצן אידישן אַרום, איז ר׳ פּיניע לעווין גרייט אויפצואווייזן, פאַרוואָס דער פּראָצעס פון מיזוג גלויות וועט דורכגעפירט ווערן צווישן רעליגיעזע אידן פיל שנעלער, ווי צווישן ניט־רעליגיעזע. דאָס געפיל פון איין תורה און איין אמונה, איז פיל מעכטיקער ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע צעמענטן — טענה׳ט ער, באַגרינדענדיק זיין טעזע מיט פאַקטן גענומען פון דער רעליגיעזער סקול־באַנק און פון די ישיבות, וואו קינדער פון אַלע עדות — פון מזרח און פון מערב — לערנען פון איין חומש און פון איין גמרא, וואָס פאַראייניקט זיי אַלעמען.

פון די העכער 1,300 תלמידות פון בית יעקב סעמינאַר און זיינע אָפּטיילונגען, זיינען מער ווי דרייסיק פּראָצענט פון די מזרח־עדות, און מען פילט גאָרניט אינגאַנצן דעם חילוק — ווייזט ר׳ פּיניע אויף אַ גרופּע לערער־קאַנדידאַטקעס, וואָס זיינען געקומען נעמען אַ ספּעציעלן עקזאַמען פון בילדונגס־מיניסטעריום, אײדער זיי באַקומען די פולע דערלויבעניש צו ווערן לערערינס אין סקולס.

פון דאַך זעט איר אויף רעכטס, ווייט אויף די בערג, וואָס געפינען זיך אין שונא׳ס גבול, אַ בערגל, וואו עס רוט דער „נאַבי סאַמועל״, ווי די אַראַבער רופן אונזער שמואל הנביא. ביי ר׳ פּיניע לעווינ׳ען אין הויז הענגט אויפן וואַנט אַ בילד, וואָס ער האָט אַליין געמאָלן פון שמואל הנביא׳ס קבר מיט זיין קינסטלערישן פּינזל, בעת

אידן האָבן נאָך געהאַט אַ צוטריט צום קבר. די גאַנצע דירה זיינע איז באַהאַנגען מיט זיין קונסט־אַרבעט, וועלכע איז אַ אידישע פּאַראייבי־גונג פון אַ אידישן וואַנדערער, וועלכער האָט אומעטום געזוכט, און געפונען, דאָס פּינטעלע איד און עס געמאָלן מיט אַזויפיל עכטקייט און האַרציגקייט. דער גערער הויף איז נעבן אַ בילד פון אידן אויף אַ שפּאַציר אויף ריווערסאַיד דראַייוו אין ניו יאָרק — אַ בילד, וואָס ר׳ פּיניע האָט געמאָלן בעת איינעם פון זיינע זעלטענע באַזוכן אין אַמעריקע. וואָלט ר׳ פּיניע זיך אָפּגעגעבן מיט זיין קונסט און פאַרקערט אין קרייזן, וואו מען שאַצט מער אָפּ קונסט, וואָלט ער זיכער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אַלס קינסטלער. ביי אים איז אָבער דאָס מאָלן אַ ביי־זאַך, אַן אויסדרוק פון זיין צאַרטער פערזענליכקייט און געלייטערטן גייסט, וועלכע זוכן אַ מער־קאָנקרעטן אַנהאַלט, ווי אַ שפּיל פון פאַרבן.

וויפיל איך זאָלט אים ניט פאַרקירעווען אויף דער טעמע פון קונסט און זיינע בילדער, קומט ר׳ פּיניע צוריק צו דער מער רעאַלער זייט פון לעבן, צו דער ראָלע פון די רעליגיעזע חנוך־מוסדות אין פראַצעס פון צונויפשמידן אַלע געמיינדעס, מיט אַלע זייערע באַזונדערע הינטערגרונטן, אין איין צעמענטירט פאָלק.

ער גלויבט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן אפילו די פרייע קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער רעליגיעזער מאָמענט איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין צונויפברענגען מזרח און מערב צווישן די נייע עולים. דערווייל, אָבער, איז עס בלויז די אויפגאַבע פון רעליגיעזן חנוך און זיינע פירער אויסצונוצן דעם פייער פון דער תורה אויף צו צעשמעלצן די מחיצות צווישן איד און איד, און צו דערנענטערן דעם טאָג, ווען איין איד וועט אויפהערן קוקן אויפן צווייטן ווי אויף אַ פרעמדן.

— פון וואַנען קומען די תלמידות אויף רעליגיעזע לערערינס ? און דערצו נאָך אָנערקענטע פון דער רעגירונג ?

ר׳ פּיניע לעווין האָט מיר געגעבן דעם ענטפער, דורך ווייזן די

צענטראַלע בית יעקב סקול־געבײדע, וואָס די ירושלים׳ער עיריה האָט אויסגעבויט, און וואו עס לערנען איבער 800 מיידלעך, אויסער נאָך צוויי טויזנט תלמידות, וואָס לערנען אין די אַנדערע קלענערע בית יעקב סקולס אין שטאָט.

איך מוז זאָגן, אַז די געבײדע האָט זיך ניט וואָס צו שעמען קעגן די נייע פּאָבליק־סקול געבײדעס, וואָס גייען־אויף דאָ, ביי אונז, אין ניו יאָרק. אַזאַ רחבות און אַזאַ ליכטיגקייט אויף אַלע בית יעקב׳ס דאָ אין אַמעריקע געזאָגט געוואָרן! בכלל, וואָלט איך וועלן באַמערקן, אַז אונזערע היגע אַמעריקאַנער ישיבות האָבן נאָך אַ סך אָנצוזאָגן די ארץ־ישראל׳דיקע ישיבות, וואָס איז נוגע נייע, מאָדערנע געבײדעס, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקאַנער נדבנים. דאָ, אין אַמעריקע, אַרט עס ניט אונזערע נדבנים, אויב אַ ישיבה האָט ניט קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ, בעת אין ישראל שיינען אַרונטער די נעמען פון אַמעריקאַנער נדיבים אויף די נייע, מאַרמאָרנע ווענט פון די געבײדעס, וואָס זיי האָבן געהאָלפן אויסבויען, און פאַר וועלכע עס קומט זיי, בלי ספק, גרויס אָנערקענונג.

אין דער הערלעכער בית יעקב געבײדע, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ און וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער ירושלים׳ער שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָב איך באַגעגנט איינעם פון די פּיאָנערן פון רעליגיעזן חנוך אין ישראל, הרב הלל ליבערמאַן, וועלכער איז שוין פערציק יאָר אין לאַנד, און איז זיך אויסגעשטאַנען אָן אַ שיעור פון די פרומע אידן, וואָס זיינען געווען אַמאָל קעגן אַריינברענגען בית יעקב דער־ציאונג פאַר מיידלעך אין ירושלים. ר׳ הלל ליבערמאַן האָט הנאה אָנצוקוקן און צו ווייזן די שיינע, ציכטיקע קלאַס־צימערן, און ער שטעלט אַליין אָפּ זיין בליק איבער אַ שילד, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ גאַנצער וואַנט און לייענט זיך: „אין הגמר אלא סימן להתחלה״ — די ענדע איז ניט מער ווי אַ רוף צו אַ ווייטערן אָנפאַנג...

זומער גייען ניט די קינדערלעך אין סקול, אָבער אַ גרויסע צאָל קומט אין דער „קייטנה”, אין אַ „דעי־קעמפּ”, וואָס געפינט זיך דאָ פאַר קינדער, וואָס ביידע עלטערן זייערע אַרבעטן. האָבן די קינדער פון „קעמפּ” זיך פאַרנומען די לעצטע עטליכע טעג מיט אַ פּראָיעקט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די אַרבעט פון דער יו־ען. זיי האָבן געשריבן קאָמפּאָזיציעס, געמאָלן בילדער און רעציטירט לידער וועגן דער יונייטעד נעישאָנס. די קינדער אין ישראל, און די דערוואַקסענע אוודאי, האָפן נאָך און גלויבן, אַז די יו־ען וועט זיך ניט לאָזן פאַנגען אויף דער אַראַבישער וועגנטקע.

— אָט פון די מיידעלעך און זייערע חבר׳טעס אין גאַנצן לאַנד קומען אונזערע תלמידות, די צוקונפטיקע לערערינס פון די צוקונפ־טיקע תלמידות — וויזט ר׳ פּיניע לעווין אויפן געפּאַקטן זאַל מיט לאַכענדיקע און פריילעכע קינדערלעך, ניט אַרונטערנעמענדיק דערביי זיין בליק פון דער שילד, וואָס וואַרנט, אַז דער סוף איז נאָר אַ סימן אויף ווידער אָנפאַנגען.

און ער האָט טאַקע אויך אָנגעפאַנגען.

אין „תל ארזה” געגענט פון ירושלים איז שוין געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ נייעם בית יעקב סעמינאַר; און אין תלפּיות־געגענט בויט זיך אַ בית הבראה, אַ דערהאָלונגס־צענטער, וואו די לערערינס וועלן קאָנען קומען זומער־צייט אויף עטליכע וואָכן אָפּרו.

ריזיגע מאַשינען רייניקן אָפּ דעם באָדן און צענדליקער אַרבעטער לייגן ציגל צו ציגל. אַ חסיד׳ישער יונגערמאַן, מיט די הויזן אין די זאָקן, שטייט אין סאַמע צענטער און פאַסט־אויף דער אַרבעט.

— מיין נאָמען איז זכריה פעלער — שטעלט ער זיך פאָר מיט אַ שלום עליכם און אַ האַנט, וואָס גיט אייך בלויז עטליכע חסיד׳ישע פינגער. ער האָט אין ניו יאָרק פריינט, אויך אַ שוועסטער און אַ שוואָגער, אָבער ער האָט ניט קיין צייט; די אַרבעט יאָגט.

אויך ר׳ פּיניע אײַלט זיך, ווייל היינט דאַרף מען גיין צום דרוק

מיט אַ נײַעם נומער פון „בית יעקב זשורנאַל״, וואָס ער רעדאַקטירט, צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער און מחבר, ר׳ משה פּראַגער (מאַרק).

אַמאָל איז ר׳ פּיניע געווען אין שטענדיקן געאײַל צווישן לאָדזש, וואַרשע, בענדין און גער, וואו עס זענען געווען אויסגעשפּרייט די געצעלטן פון זײַן מיוחס׳דיקער משפּחה פון תורה און גדולה און די ברייטע קאַנווע פון זײַנע געזעלשאַפטליכע אַקטיוויטעטן.

אויך הײַנט איז ער אין שטענדיקן געאײַל צווישן די אַלע באַזונדערע שטעט; נאָר הײַנט זענען זיי אַלע אין ירושלים.

אַ מיניסטער׳ס בלאַט-גמרא

ביים שיעור פון שר הדתות ר׳ זרח וואַרהאַפטיג אין „היכל שלמה" — די ראַליע פון מיניסטעריום פון רעליגיעס — די שאלה פון אידישע שטיצע צו עבודה זרה.

די „ישורון" שוהל, אויף קינג דזשאָרדזש גאַס, איז די שטאָט־שוהל, וואו עס דאַוונען די חשובי און פני העיר פון דער מאָדערן־רעליגיעזער ירושלים.

דאָ דאַוונען אויך טוריסטן, דאָס הייסט, די טוריסטן, וואָס ווילן דאַוונען און פאַר דער זעלבער טרחה אויך זאָגן גוט־שבת צו אַ מיניסטער, אָדער צו אַן אַנדער הויך־געשטעלטער פערזענליכקייט.

פונקט ווי ביי אונז אין אַמעריקע איז דאָס רעדן ענגליש פון דער בימה אַ טייל פון אַמעריקאַנער מאָדערניזם, אַזוי איז אין ישראל מיט העברעאיש. וואָס מער פרימער אַ הויז, אָדער אַ געגענט איז, אַלץ ווייניקער הערט איר דאָרט העברעאיש און אַלץ מער רעדט מען דאָרט אידיש. אין די ישיבה־מנינים און אין די חסידישע שטיבלעך רעדט מען נאָך היינט אידיש, און אויך די הברה ביים דאַוונען איז אַן אשכנזישע. אין דער „ישורון"־שוהל איז העברעאיש די אָפיציעלע שפּראַך און דער חזן דאַוונט ביים עמוד מיט דער מאָדערנער הברה הספרדית.

נאָך מנחה, שבת פאַרנאַכט, האָבן זיך אין דער ישורון־שוהל, ביי אַ טיש, אַוועקגעזעצט אַ גרופּע בעלי־בתים, און אַנשטאָט וואַשן זיך צו שלש סעודות און זינגען בני היכלא, האָט אַ יונגערמאַן מיט אַ פיין שוואַרץ בערדל — זיין נאָמען האָב איך שפּעטער אויסגעפונען איז הרב כץ — פאַרגעלערנט אַ סימן משנה ברורה וועגן די דינים פון הבדלה, אַלץ פאַרטייטשט אויף אַ מאָדערנעם העברעאיש.

דער מאָדערניזם פון דער „ישורון" שוהל באַשטייט אויך אין דעם, וואָס אירע טירן זענען נישט אָפן שטענדיק, אַזוי ווי אַנדערע קלויזן און שטיבלעך אין ירושלים. אַזייגער אַכט אינדערפרי קומט צו אייך צו אַ איד מיט קמץ־בערדל און מיט אַ דייטשען אַקצענט; און נאָכדעם, ווי ער שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז דער אונטער־שמש, בעט ער אייך נישט מאריך צו זיין, ווייל ער דאַרף פאַרשליסן די שוהל.

בכלל דאַרפן געסט פון אַמעריקע וויסן, אַז אין ארץ ישראל הייבט זיך אָן דער טאָג זעהר פרי, און זיבן אַזייגער איז שוין אַ נאָרמאַלע צייט צו קלינגען צו פריינט און זיי זאָגן אַ גוט־מאָרגן. אין אַ שוהל, וואו עס דאַוונען פאַרנומענע מענשן, איז אַכט אַזייגער שוין לאַנג נאָכ'ן דאַוונען.

אין דער ישורון־שוהל קומען פאַר אַלע אָפיציעלע פייערונגען און עס דאַוונען דאָרט אַלע אָפיציעלע מענשן, וואָס ווילן דאַוונען. יום העצמאות איז אין דער ישורון־שוהל אַ גרויסער פייערליכער יום־טוב מיט געהויבענע געסט; און תשעה באב, צו קינות, ווערן אין שוהל אויסגעלאָשן אַלע ליכטער און דער פאָרזיצער פון שוהל גיט אַ קלאַפּ אויפן באַלעמער און רופט אויס מיט אַ געבראָכענער שטימע וויפיל יאָר ס'איז געוואָרן זינט דעם חורבן בית המקדש.

אַ פּאָר טריט פון דער ישורון־שוהל שטייט די מאַיעסטעטישע געביידע פון „היכל שלמה", וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן פון דעם לאָנדאָנער מיליאָנער אייזיק וואָלפסאָן און וואָס האָט בשעתה אַרויסגערופן די שאַרפסטע קעגנערשאַפט מצד די ראשי הישיבה פון ירושלים, מיט ר' וועלוועלע בריסקער בראש, אויס מורא, אַז דער „מרכז רוחני", וואָס איז דאָרט געפּלאַנט געוואָרן, וועט מיט דער צייט פירן צו דער עטאַבלירונג פון אַ סנהדרין. היינט ווערט דער היכל שלמה אַרויסגעשטעלט פאַר די טוריסטן, ווי דאָס זיץ־אָרט פון דער רבנות הראשית און ווי אַ גרויסער צענטער פאַר אַ ריי אַנדערע רעליגיעזע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

טראָץ דעם אַלעמען, האָט זיך די באַציאונג פון רעכטן רעליגיעזן לאַגער צום „היכל שלמה" נישט געענדערט; און גייענדיק אַמאָל מיט אַ אינגעלע, וואָס לערנט אין אַ ישיבה לעבן מאה שערים, האָט ער מיר אָנגעוויזן, אַז „דאָ דאַוונען נישט פרומע אידן". מיר איז ניט געווען קלאָר, צי ער האָט געמיינט, אַז דאָ דאַוונען נישט־פרומע אידן, אָדער, אַז פרומע אידן דאַוונען דאָ נישט; און לויט זיינע רייד, האָב איך אים געפרעגט: „קומט דאָך אויס, אַז אין ישראל דאַוונען אפילו נישט־פרומע אויך". דאָס אינגעלע האָט אויף מיר געגעבן אַ בייזן בליק פון אַ זקן ורגיל, ווי איינער זאָגט: צוליב וואָס די פלפולים, ווען אַלץ איז אַזוי קלאָר?...

אָבער גראָד דאָ, אין דער קליינער, אָבער זעהר פיין־צוגעקליבע־נער שוהל פון היכל שלמה, איז מיר אומגעריכטערהייט אויסגעקומען צו הערן אַ בלאַט גמרא פון אַ מיניסטער.

נאָך מנחה אין דער ישורון שוהל בין איך אַריינגעקומען אין היכל שלמה, זען ווי אַזוי מען באַגלייט דאָ אַרויס דעם שבת, און געטראָפן דעם מיניסטער פון רעליגיעס, דעם שר הדתות, ר' זרח װאַרהאַפטיג, ווי ער שטייט ביי אַ שטענדער און איז מסביר פאַר אַ פיינעם עולם לערנער אַ בלאַט גמרא אין מסכת מכות וועגן דעם שווערן ענין פון „לוקה ואינו משלם". איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אַ בלאַט גמרא אינגאַנצן אין העברעאיש; און דעם מיניסטער'ס שיעור האָט מיך איבערצייגט, אַז מ'קען זיך אויס'טענה'ן און אויסאַמפּערן, און אפילו דרייען מיט'ן גראָבן פינגער, אויף העברעאיש פונקט אַזוי ווי אין אידיש. די לערנער ביים טיש זענען נישט געווען קיין חדר־אינגלעך. געווען צווישן זיי עטליכע געוועזענע רבנים פון אַמעריקע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ישראל. עס זענען געפלויגן קשיות און סתם באַמערקונגען פון אַלע זייטן, און דער מיניסטער האָט זיך מיט זיי איספראַוועט מעשה בריה, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ ראש־ישיבה, וואָס טאָר נישט לאָזן ביי די תלמידים דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן די אויבערהאַנט.

דער דאָזיקער בלאָט גמרא האָט מיך שפּעטער צונויפגעפירט אויף אַ שמועס מיט׳ן מיניסטער אין זיין קאַבינעט אויפן מגרש הרוסים, און אויך אין פּריוואַטן שמועס איז ער פלינק מיט אַן ענטפער, פונקט ווי ביי דער גמרא. ער לאָזט אייך ענדיקן די פראַגע, כאָטש ער וויס שוין וואוהין איר צילט, אָבער ער דערוואַרט פון אייך דעם זעלבן געדולד ביים אויסהערן זיין ענטפער.

פון די דריי רעליגיעזע מיניסטאַרן אין איצטיקן קאַבינעט, איז ר׳ זרח וואַרהאַפטיק דער אַמשפּעטסטן געקומענער קיין ישׂראל. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ער, אַ יונגער אָרטאָדאָקסישער אַדוואָקאַט אין פּוילן, געלאָפן קיין ווילנע, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט די ישיבה־פּליטים, די ראשי־ישיבה און זייערע תלמידים. דורך יאַפּאַן איז ער שפּעטער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און דערנאָך קיין ישׂראל, וואו ער איז אין אַ גאָר קורצער צייט דערהויבן געוואָרן צו די סאַמע פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דער פירערשאַפט פון מזרחי.

דאָס מיניסטעריום פון רעליגיעס, אָדער ווי עס ווערט אָנגערופן אין העברעאיש — דער משרד הדתות, — קאָנטראָלירט אַן אויסגע־וויינליכע שליסל־פּאָזיציע, סיי כלפּי־חוץ און סיי כלפּי פּנים.

כלפּי חוץ, איז דער משרד הדתות אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די רעליגיעזע פאַרשטייער פון די נישט־אידישע מינדערהייטן אין לאַנד, די אַראַבישע, קריסטליכע און אַנדערע; און ער קאָן דעריבער נוצן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט אין דער ריכטונג פון איינשטעלן בעסערע באַציאונגען צווישן דער רעגירונג מיט די מינדערהייטן.

כלפּי פּנים, איז דער משרד הדתות די קאַסע, וואָס האַלט אויס אַ גרויסן טייל פון די כלי קודש אין לאַנד און האָט אַ גרויסע דעה ביים אויפנעמען רבנים און דיינים, און אין אַלע אַנדערע רעליגיעזע פראַגן בכלל. נישט אומזיסט האָט בן־גוריון, אין דער צייט פון זיין ברוגז מיט דעם מזרחי, זיך פאַרמאָסטן אַרויסצונעמען דאָס דאָזיקע מיניסטעריום פון מזרחי׳שע הענט און זיך דאַן אויך

אונטערגענומען, מיט דער הילף פון אַ מער לאָיאַלן משרד הדתות, אַריינצושטעלן בײדע פיס אין בית דין שטוב פון דער רבנות הראשית.

פרומע אידן פון רעכטן לאַגער, האָבן גרויסע טענות צו מיניסטער וואַרהאַפּטיג, און מ׳מוז צוגעבן, אַז די טענות זענען נישט אָוועקצו־מאַכן מיט דער האַנט. די פראַגע פון די מיסיאָנערן איז אַ זעהר ערנסטע, און נישט נאָר, ווייל לויט די בעלי־טענה געפינען זיך ביי די מיסיאָנערן אין די הענט פינף טויזנט אידישע קינדער, נאָר דאָ גייט, אייגנטליך, אין דעם עצם פרינציפּ, צי אַ פריי אידיש היימלאַנד מעג אפילו פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט דערלויבן נשמה־כאַפּערס צו פאַנגען אידישע קינדער און פאַרטשאַדען זיי מיט קריסטלעכן ווייררויך.

אָבער אַנשטאָט דעם שווערן פּראָבלעם פון די מיסיאָנערן, האָבן מיר אָנגעהויבן מיט דער פראַגע פון אידישער שטיצע צו עבודה זרה, צו דער אויסהאַלטונג פון אַלערליי קירכעס. אין אַ סך ערנסטע רעליגיעזע קרייזן, און גראָד נישט קיין שטענדיקע בעלי־טענה, איז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אויסגעדריקט געוואָרן גרויס זאָרג איבער דער מלוכה׳שער שטיצע, וואָס אַ אידישע רעגירונג גיט, מיט אידיש געלט, צו גוי׳אישע קירכעס.

— איז אין דעם טאַקע נישטאָ קיין ערנסטע סירכא פון העלפן עבודה זרה?... — האָב איך געפרעגט ביים שר הדתות.

ר׳ זרח וואַרהאַפּטיג איז, ווי געזאָגט, אַ איד, וואָס לערנט פיין אַ בלאַט גמרא, און אין דער גמרא געפינען מיר אָפט צוויי תירוצים אויף איין קשיא. טאָמער איז איין תירוץ שוואַך, זאָל אים דער צווייטער אַרויסהעלפן.

ערשטנס, זאָגט דער מיניסטער, איז דאָ אַזאַ זאַך ווי דרכי שלום. כדי צו העלפן די אינערליכע פאַרהעלטענישן אין לאַנד מוז מען די גוים, די אַראַבער, די קריסטן און אַנדערע, העלפן אין זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן.

און צווייטנס — גיט ער צו מיט אַ גמרא־ניגון — דאַרף מען געדענקן, אַז די נישט־אידן צאָלן אויך מיסים, טעקסטס הייסט עס, און פאַר זייער געלט, וואָס זיי צאָלן איין אין דער רעגירונגס־קאַסע מעג מען זיי אויסהאַלטן זייערע קירכעס.

צי די תירוצים וועלן אַרונטערנעמען, אָדער, לכל הפחות, לייכ־טער מאַכן די קשיא, ווייס איך נישט. דער מיניסטער אַליין מאַכט די קשיא נישט אַוועק מיט דער האַנט. ער ווייסט, אַז ס׳איז אַ שווערע שאלה, איינע פון די שווערסטע הלכה׳שע שאלות, וואָס די ווירק־לעכקייט פון אַ אידישער מדינה אין דער היינטיקער וועלט האָט אַרויפגעשטעלט אויפן סדר היום.

דער מיניסטער פון רעליגיעס האָט אָבער אויף זיין סדר־היום נאָך אַ שווער פעקל, דאָס פּראָבלעם, וואָס ער דערוואַרט צו לייזן גאָר אינגיכן, טאָקע היינטיקן ווינטער: דאָס פּראָבלעם הייסט: רבנות הראשית, די לעגאַל־קאָנסטיטוציאָנעלע דערוויילונג פון צוויי הויפּט־רבנים, אַן אשכנזי׳ישן און אַ ספרדי׳ישן.

אויב אַ מחלוקת איבער רבנים אַמאָל, איז מעגליך געווען אַלס אַ צייט־פאַרטרייב, וואָס אידן האָבן דערמיט אַביסל אויפגעלעבט די מאָנאָטאָנע, פאַרזאָרגטע און פאַרכמורעטע קליינע שטעטלעך אין גלות, האָט עס על פי שכל נישט געדאַרפט האָבן קיין אָרט אין אַ פרייער מדינה, וואו דאָס לעבן איז קיין עין הרע ברויזנדיק און קאָלירפול.

אָבער פאַר די פאַרגאַנגענע פיר יאָר, זינט דער פטירה פון הרב הראשי, ר׳ יצחק הלוי הערצאָג זצ״ל, האָט זיך ארץ ישראל נישט געקענט איינינקן אויף קיין רב הראשי אויף זיין אָרט. דערצו נאָך איז לעצטנס אויך דער ספרדי׳ישער רב הראשי, הרב יצחק ניסים, געוואָרן אַ קאָנטראָווערסיאַלע פיגור ביי פריינט און פיינט, און אין די ספרדי׳שע קרייזן גופא גייט אָן אַ היפשע רעוואָלוציע קעגן אים.

ווי אַזוי מיניסטער וואַרהאַפטיג האָפט צו לייזן דעם קריזיס אַרום דער רבנות הראשית — אין נעקסטן קאַפּיטל.

רבנות און פאָליטיק

פאַרוואָס ס׳איז אַזוי שווער דורכצופירן וואַלן פאַר אַ רב הראשי — בן־גוריונ׳ס פּרואוו איבערצונעמען דעם קאָנטראָל איבערן ראַבינאַט — די ענדערונגען אין דער וואַל־פּראָצעדור פאַר אַ רב הראשי.

שוין פיר יאָר, ווי ארץ ישראל האָט נישט קיין אשכנזישן הויפּט־רב, און די דערוויילונג פון אַ נייעם רב הראשי אויפן אָרט פון הרב ר׳ יצחק הלוי הערצאָג, זצ״ל, איז דורך דער צייט, ליידער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישער אישו, וואָס האָט צייטנווייז אויפגערייצט די געמיטער ביי אַ סך פּאַרטיי־פירער, איינגעשלאָסן בן־גוריונ׳ען אַליין אויך.

געווען אַ צייט, ווען בן־גוריון איז באַשטאַנען דורכצופירן וואַלן פאַר אַ רב הראשי אָן קיינע אָפּלייגונגען, און דאָך איז עס אים נישט געלונגען, ווייל די מזרחי־באַוועגונג, וועלכע איז די הויפּט־שטיצערין פון דער אינסטיטוציע פון דער רבנות הראשית איז געווען קעגן דעם און האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלן פריער דורכגעפירט ווערן ענדערונגען אין דעם אופן, ווי אַ רב הראשי ווערט דערוויילט. בן גוריונ׳ס איילעניש אויסצוקלייבן אַ רב הראשי איז געווען בשעת זיין ברוגז מיט׳ן מזרחי צוליב דער „ווער איז אַ איד״ פראַגע, ווען דער מזרחי איז אַרויס פון דער קאָאַליציע און דער ספרד׳ישער רב פון תל אביב, הרב ר׳ יעקב משה טאָלעדאַנאָ, ז״ל, איז דאַן באַשטימט געוואָרן אַלס שר הדתות.

ס׳איז שוין מער ווי דריי יאָר זינט הרב טאָלעדאַנאָ, וועלכער האָט געטראָגן אַ האַרץ אויפן מזרחי, איז נפטר געוואָרן. דער מזרחי איז שוין ווידער אין דער קאָאַליציע, בן־גוריון איז אויס

פּרעמיער, און דער מזרחי־פירער, ר׳ זרח וואַרהאַפטיג, וועלכער איז היינט רעליגיע־מיניסטער איז זיכער, אַז היינטיקן ווינטער תשכ״ד וועלן פאַרקומען וואַלן פאַר צוויי הויפּט רבנים, אַן אשכנזי׳ישן און אַ ספרדי׳ישן.

די פראַגע פון וואַלן פאַר דער רבנות הראשית האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק אינטערעס אויך דאָ אין אַמעריקע, וואו עס געפינט זיך דער איינציקער קאַנדידאַט אויף וועלכן אַלע צדדים האָבן אויסגעדריקט זייער הסכמה, אויב ער וואָלט נאָר איינגעשטימט אַנצונעמען דעם אַמט. דער קאַנדידאַט איז, ווי עס איז אַלעמען גוט באַקאַנט, הרב ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, מיט וועמען פּרעמיער בן־גוריון האָט זיך פּערזענליך באַגעגנט, בעת זיין לעצטן באַזוך דאָ אין אַמעריקע.

אַ פּראָמינענטע פּערזענליכקייט אין ישראל האָט מיר דערמאָנט נאָך עטליכע נעמען פון אַמעריקאַנער רבנים, וועלכע וואָלטן געווען בעלנים אויפן אַמט. פון דעם טאָן אין זיין רייד אין איז אָבער געווען צו זען, אַז זיי קומען נישט אין אַנבאַטראַכט.

— ווי אַזוי דערוואַרט איר צו באַזייטיקן ענדליך, די אַלע שטרויכלונגען אין וועג פון וואַלן פאַר די צוויי הויפּט רבנים?... האָב איך געפרעגט ביים מיניסטער פון רעליגיעס, בעת אונזער באַגעגעניש אין זיין קאַבינעט אין ירושלים.

זיין ענטפער איז געווען, אַז די ניי־איינגעפירטע ענדערונגען אין דער וואַל־פּראָצעדור האָבן ענדליך, באַזייטיקט אַלע חששות, צוליב וועלכע די וואַלן זיינען ביז היינט נישט פאָרגעקומען.

בכלל, איז דער אופן פון די וואַלן פאַר אַ רב הראשי אין ישראל, אַ ירושה פון דער צייט פון בריטישן מאַנדאַט, וועלכער האָט עס, וואַרשיינליך, גע׳ירש׳נט פון דער טערקישער מאַכט. די ראַליע פון פריערדיקן ועד לאומי איז איבערגענומען געוואָרן פון דער רעגירונג, וועלכע באַשטימט פיר מיטגלידער אין אַן ענגן וואַל־קאָמיטעט פון

אַכט פּערזאָן. די אַנדערע פיר דאַרפן זיין רבנים, וואָס באַלאַנגען צום ראַט פון דער רבנות הראשית.

אַט דער דאָזיקער קאָמיטעט פון אַכט, פיר רבנים און פיר פון דער רעגירונג, דאַרף אויסקלייבן דאָס, וואָס מען רופט אין ישראל א „גוף הבוחר", אַ וואַל־קערפּערשאַפט פון 70 פּערזאָן, וועלכע דאַרפן זיין איינגעטיילט אויף זעכציק פּראָצענט רבנים און 40 פּראָצענט בעלי בתים.

דער פאַקט, וואָס אונטער הרב טאָלעדאַנאָ׳ס פאַרוואַלטונג פונ׳ם משרד הדתות וואָלט די מפא״י, אייגענטלעך, געהאַט די הויפּט־דעה ביים אויסקלייבן אַ רב הראשי, האָט דערוועקט ביי די פּאַטריאָטן פון דער רבנות הראשית אַ מורא פאַר דער צו־שטאַרקער דעה פון דער רעגירונג אין דעם צוזאַמענשטעל פון די וויילער. דער טאָלעדאַנאָ־קאַפּיטל האָט קלאָר באַוויזן, אַז עס איז מעגליך צו האָבן אַלס שר הדתות אַ פּערזאָן, וואָס איז געגנעריש צום מזרחי און פריינטליך צום פּרעמיער, און אַזוי אַרום איז אויך מעגליך צו דערוויילן אַ רב הראשי, וואָס זאָל אויך זיין וויט פון מזרחי און נענטער צום רעגירונגס־טיש.

אַזוי איז געווען די וואַל פּראָצעדור ביז היינט, ביז עס זיינען איינגעפירט געוואָרן ענדערונגען, וועלכע האָבן אַרויסגענומען די ציין פון דעם אָריגינעלן קאָמיטעט פון אַכט.

לויט דער נייער וואַל־סיסטעם וועט דער „גוף הבוחר", וואָס וועט קלייבן אַ רב הראשי באַשטיין פון 125 פּערזאָן, 75 פון זיי — רבנים, און 50 בעלי בתים. די 75 רבנים וועלן אויסגעקליבן ווערן פון די רבנים איבערן לאַנד, און די 50 בעלי בתים וועלן אויסגעקליבן ווערן פון בעלי בתים, אַנפירער פון די לאָקאַלע מועצות דתיות, די רעליגיעזע־ראַטן, וואָס פונקציאָנירן אין יעדער שטאָט אין ישראל.

ביים אָריגינעלן קאָמיטעט פון אַכט איז נאָך געבליבן גענוג כח אויף צו באַשטימען פינף פון די פינף און זיבעציק רבנים, אָבער מער נישט. די רבנים וואָס דאַרפן שטימען ווער עס זאָל זיין רב

הראשי, וועלן אויסגעקליבן ווערן פון די רבנים אַליין, אָן קיין אַריינמישונג פון דער רעגירונג.

די דאָזיקע ענדערונג, גלויבט מיניסטער וואַרהאַפטיג, האָט ענדליך אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר דער דורכפירונג פון וואַלן פאַר אַ רב הראשי.

פאַר אַ איד'ן, וואָס ווייסט אָבער, ווי שווער עס איז אַמאָל פאַר רבנים דורכצוקומען צווישן זיך, איז גאַנץ לייכט פאָרצושטעלן זיך אַ לאַגע, ווען די רבנים פון לאַנד וועלן זיך נישט קענען אייניקן ביים אויסקלייבן די 75 רבנים, וואָס דאַרפן קלייבן דעם רב הראשי.

— אויך דאָס האָט דער נייער וואַל־געזעץ פאָראויסגעזען און אויב די רבנים וועלן זיך נישט קענען אייניקן צווישן זיך, וועט די רעגירונג, וואָס אין אונזער פאַל הייסט ער דער משרד הדתות, באַשטימען ווער די רבנים זאָלן זיין — ענטפערט דער שר הדתות.

די פראַגע, וואָס קומט אָבער איצט אַרויף, איז די אַלטע „הדרה קשיא לדוכתא". הייסט עס דאָך ווידער, אַז די רעגירונג, נישט די רבנים, האָבן די לעצטע דעה, און ווער ווייסט ווער עס וועט זיין מאָרגן דער שר הדתות?...

וואָס נוגע קאַנדידאַטן, וועלכע האָבן די בעסטע אויסזיכטן דערוויילט צו ווערן אַלס רבנים ראשיים, איז עס כמעט די איינ־שטימיקע מיינונג פון אַלעמען, אַז הרב ר' יצחק ניסים וועט ווידער דערוויילט ווערן אַלס ספרד'ישער רב הראשי, און אַז הרב ר' איסר יהודה אונטערמאַן, דער איצטיקער הויפּט רב פון תל אביב, וועט דערוויילט ווערן אַלס דער אשכנז'ישער רב הראשי.

עס ווערט אויך שטאַרק דערמאָנט דער נאָמען פון הרב ר' שלמה גורן, דער הויפּט רב פון דער אַרמיי, וועלכער איז אויך גוט באַקאַנט דאָ אין אַמעריקע פון זיינע אָפטע באַזוכן אין אָפיציעלע שליחות'ן. ער שמ'ט אַלס אַ גרויסער למדן און שטעלט מיט זיך פאָר אין זיין פאַראַשוטיסטן־יוניפאָרם דעם נייעם טיפּ רב פון דער יונגער מדינה.

זיין קאַנדידאַטור האָט, אָבער, נישט קיין צו־גוטע אויסזיכטן, ווייל ער איז פון דער נאַטור אַ מער זעלבסטשטענדיקער מענש און קען נישט גיין אין קיין אויסגעטראָטענעם שליאַך. הרב גורנ׳ס נאָמען איז שטאַרק דערמאָנט געוואָרן אַלס דער יעניקער, וועמען בן־גוריון זאָל האָבן געשטיצט אין דער צייט פון הרב טאָלעדאַנאָ׳ס רעזשים אין משרד הדתות.

הרב ניסים׳ס ווידער־דערוויילונג ווערט פאָראויסגעזאָגט נישט ווייל ער איז אַזוי שטאַרק באַליבט אין אַלע קרייזן, נאָר הויפט־זעכליך, ווייל עס וואָלט געשאַפן אַ שלעכטן פרעצעדענט אַרונטער־צוּוואַרפן אַ רב פון זיין כסא הרבנות. הרב ניסים האָט אַ סך געגענער צווישן די, וואָס האָבן אים מיט אַכט יאָר צוריק געקרוינט אַלס ספרד׳ישער רב הראשי, און אויך צווישן די ספרדים איז אויפגעקומען אַ טענה, אַז ער איז גאָר אַן איראַקער, אַ בבלי, נישט קיין ספרדי, ווי די פריערדיקע ספרד׳ישע הויפּט רבנים, וועמענס יחוס האָט זיך געצויגן דירעקט פון די גולי ספרד, פון די אידן, וואָס זיינען אַוועק פון שפּאַניע, בעת דער אינקוויזיציע.

פאַראַן אַ יש אומרים, אַז די קעגנערשאַפט צו הרב ניסים׳ען נעמט זיך אויך דערפון, וואָס ער אַנטזאָגט זיך צו גיין אין שפּאַן און האַנדלט מער זעלבסטשטענדיק. אַלענפאַלס, מיין איינדרוק פון אַן אָוונט מיט הרב ניסים׳ען איז, אַז ער איז אַ זעהר איינדרוקספולע פערזענלעכקייט, וועמען עס רירט אָן טיף יעדעס פּראָבלעם פון אי־דישקייט אין לאַנד. ער האָט מיך אויך באַאיינדרוקט אַלס אַן איינזאַמע פערזאָן, וואָס איז צופרידן אויפצונעמען אַ גאַסט, וואָס וויל הערן זיינס אַ מיינונג.

אָבער אויב איר מיינט, אַז נאָך די וואַלן, ווען זיי וועלן פאָרקומען אין אַ מזל׳דיקער שעה, וועט די רבנות הראשית זיין דער אָנערקענטער ראַבינאַט פון אַלע פרומע אידן אין ישראל, איז עס אַ טעות. דער שר הדתות ר׳ זרח וואַרהאַפטיג אַליין גיט צו, אַז כאָטש די אגודת ישראל איז היינט נישט אַזוי קעגנעריש ווי אַמאָל, אָנערקענט זי נאָך אַלץ נישט די אויטאָריטעט פון דער רבנות הראשית.

פאַר די אידן פון דער אגודת ישראל איז זיך שווער צוצובינדן צו אַ צענטראַליזירטער רבנ'ישער קערפּערשאַפט, וואָס קיינער קען נישט גאַראַנטירן ווער עס וועט שטיין מאָרגן אין איר שפּיץ.

דער פאַרשטאָרבענער רב הראשי הערצאָג זצ"ל, האָט געגאָסן דעם גרעסטן כבוד און רעספּעקט פון דער אגודת ישראל, אַלס דער גאון און צדיק, וואָס ער איז געווען, אָבער נישט אַלס הויפּט פון אַן אינסטיטוציע, וואָס הייסט רבנות הראשית, וואָס די אגודת ישראל האָט נאָך נישט אָנערקענט. הרב הערצאָג איז זאָגאָר געווען דער פּרעזידענט פון „ועד הישיבות", אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן אַלע גרויסע ישיבות, בראש פון וועלכע עס שטייען די גדולי התורה פון דער מועצת גדולי התורה.

ווען איר רעדט וועגן דעם מיט אַ איד'ן פון דער אגודת ישראל איז ער אייך מסביר, אַז אַ תורה־אויטאָריטעט ווערט נישט אויסגעקליבן ביים שטים־קאַסטן, נאָר וואַקסט אַרויס ווי פון זיך אַליין צווישן פאָלק. דעם חפץ חיים האָט מען נישט אויסגעקליבן ביי אַ שטים־קאַסטן, און ר' וועלוועלע בריסקער, דער לעצטער פון די גדולי ליטע, האָט געשעפּט זיין כוח נישט פון אַ מאַיאָריטעט שטימען, וואָס האָט אים געקרוינט אַלס גדול. ביידע זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס גדולי ישראל, ווייל דאָס פאָלק האָט אין זיי, אינסטינקטיוו, דערזען גדלות.

ר' זרח וואַרהאַפטיג, דער שר הדתות, איז נישט געגאַרט אין חשבון. ער ווייסט, אַז די וואַלן פאַר אַ רב הראשי וועלן נישט לייזן איבערנאַכט דאָס פּראָבלעם פון תורה־דיסציפּלין און אויטאָריטעט צווישן רעליגיעזע אידן אין ישראל.

אָבער אַ מדינה מוז זיך פירן מיט אַ סיסטעם און זי מוז האָבן אַ רעפּרעזענטאַטיווע רבנ'ישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער דורכפירונג פון די רעליגיעזע פונקציעס, וואָס די מדינה האָט אָנפאַרטרויט דעם ראַבינאַט.

און דאָס דאַזיקע האָפט ער צו דערגרייכן ביי די וואַלן היי־יאָר.

די אָרטאָדאָקסישע אָפּאָזיציע אין ישראל

פּאַרוואָס „אגודת ישראל" זאָגט זיך אָפּ אַריינצוגיין אין דער קאָאַליציע — חבר הכנסת ר' מנחם פּרוש און זיין דראַנג אַנצוזאָגן דאָס פּאַר־שפּעטיקטע — דער איינפלוס פון די גדולי התורה אין פּאָליטישע פראַגן.

דאס ערגסטע, וואָס דאָס מזל קען צוטיילן צו אַ פּאָליטישן פירער פון אַ פּאַרטיי, איז אַריינצושטויסן אים אין ווינקל פון דער אָפּאָזיציע, ווייט פון דעם פּרעסטיזש, וואָס דאָס זיצן ביים רעגירונגס־טיש גיט, און אויך ווייט פון די פאַרשידענע געלעגנהייטן, וואָס זיינען צו דער דיספּאָזיציע פון אַ פּאַרטיי, וואָס זיצט ביים רודער אָדער, לכל הפחות, נאָענט צום רודער.

באַזונדערס איז עס אמת בנוגע אַ קליינער פּאַרטיי, פאַר וועמען דאָס אָנהאַלטן זיך אין די הערנער פון דער קאָאַליציע, וואָס זיצט ביים רודער, איז אָפט ממש אַ לעבענס־פראַגע.

און נאָך מער איז עס אמת, ווען די פּאַרטיי קלייבט זיך אַליין אויס דעם גורל פון זיין אין דער אָפּאָזיציע און איז מוותר אויף די אַלע מעגליכקייטן, וואָס וואָלטן געקומען צוזאַמען מיט דער שותפות און מיטפאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס זיין אין אַ רעגירונג ברענגט.

פון די דריי רעליגיעזע פּאַרטייען אין ישראל, מזרחי, אגודת ישראל און פּועלי אגודת ישראל, איז די אגודת ישראל די איינציקע, וואָס איז אין דרויסן פון דער איצטיקער קאָאַליציע, און זי איז אין דרויסן, ניט ווייל די מפא"י וויל זי ניט האָבן ביים רעגירונגס־טיש. אדרבה, פריער בן־גוריון און היינט אשכול האָבן מערערע מאָל אויסגעשטרעקט זייער האַנט צו דער אגודה מיט אַן איינלאַדונג אַריינצוגיין אין דער רעגירונג. נאָר די אגודה איז פּרינציפּיעל געגן

זיין פאַרטראַטן אין דער רעגירונג כל־זמן אירע הויפט פאָדערונגען פאַר דער פאַרבעסערונג פון מצב פון דת אין לאַנד ווערן ניט נאָכגעגעבן. עס קען אפילו זיין, אַז די פּאָליטישע פירער פון דער אגודה וואָלטן אפשר ווי עס איז דורכגעקומען מיט דער מפא״י, נאָר די פּאָליטישע פירער האָבן איבער זיך די מועצת גדולי התורה, וועלכע איז אויסדריקליך געגן אַריינגיין אין דער רעגירונג אונטער די איצטיקע אומשטענדן.

פאַרוואָס די גדולי התורה, די רבּיים און ראשי ישיבה, זיינען געגן אַריינגיין אין דער רעגירונג, איז אַ קאַפּיטעל פאַר זיך. אפשר האַלטן זיי, אַז דאָס זיין אין דער רעגירונג בינדט אַמאָל הענט און פיס און לאָזט ניט אַרויסקומען מיט דער געהעריקער קעגנערשאַפט וואָס פאָדערט זיך אָפט אין אַ רעגירונג, וואָס איר מאַיאָריטעט איז אַ פרייע. און אפשר האָט אין דעם אויך אַ חלק דאָס, וואָס אין דער תורה־וועלט פון די רבּיים און די ראשי ישיבה איז מען נאָך אַלץ ניט געקומען צו קיין קלאָרער מסקנא וואָס מדינת ישראל איז, וואָס פאַר אַן אָרט די מדינה פאַרנעמט אין דער תורה׳דיקער השקפה.

איין זאַך איז אָלענפאַלס זיכער: די פאַרטיי־פירער פון דער אגודה קען מען ניט באַשולדיקן, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעאיבט אַ דרוק אויף די גדולי התורה צו פּסק׳ענען קעגן אַריינטרעטן אין דער רעגירונג. איינער קען האַלטן מיט אָדער זיין קעגן דער אַנטשיידונג פון די גדולי התורה, אָבער ווי ער זאָל ניט האַלטן, מוז אָנערקענט ווערן, אַז די אגודה איז די איינציקע רעליגיעזע פאַרטיי, וואָס איז מקריב אירע טאָג־טעגליכע פאַרטייאישע אינטערעסן צוליב אַ פּרינציפּ, וואָס זי האַלט פאַר הייליק און טייער, דער פּרינציפּ פון פאָלגן אַ רבּי׳ן און אַ ראש ישיבה אפילו אין אַזאַ וואָכנדיקער שאלה ווי יאָ אָדער ניט אָנשליסן זיך אין דער רעגירונג, און פאָלגן זיי אפילו ווען זייער פּסק איז ניט פאַר׳ן „וואויל און בעסטן״ פון דער פאַרטיי.

וואָלט די אגודה געווען אין דער רעגירונג, וואָלט איר מיניסטער נומער איינס אוודאי געווען ר׳ איטשע מאיר לעווין, וועלכער איז

שוין געווען אַ מיניסטער אין דער ערשטער רעגירונג, וואָס בן־גוריון האָט צונויפגעשטעלט גלייך ביי דער עטאַבלירונג פון דער מדינה. איר מיניסטער נומער צוויי וואָלט מסתמא געווען דער מיטליאָריקער חבר הכנסת ר׳ מנחם פּרוש, וועלכער איז אַן אָפטער גאַסט ביי אונז אין אַמעריקע און וועלכער איז, אַזוי צו זאָגן, דער „נושא בעול״ פון דער באַוועגונג אין לאַנד.

אָפיציעל איז ר׳ מנחם פּרוש דער פּאָליטישער סעקרעטאַר פון דער אגודה אין ישראל און זיין אָפיס איז אויף רחוב ישעיהו פּרס נומער 2 אין ירושלים. איך האָב אָבער געקראָגן דעם איינדרוק, אַז ער איז מער ווי פּאָליטישער סעקרעטאַר און אַז זיין אָפיס איז פיל גרעסער ווי דאָס צימער, וואו עס שטייט זיין שרייב־טיש.

ר׳ מנחם פּרוש האָט מיך באַאיינדרוקט ווי אַ מענש, וואָס וויל אָנקוקן דאָס פּערשפּעקטיקטע און געפינען דאָס פאַרלוירענע. ער איז אַ גרויסער מעורב עם הבריות און ער רעדט חבר׳יש אין דער כנסת מיט די זעלבע מענשן, מיט וועמען ער האָט ערשט אַזוי שאַרף פּאָלעמיזירט פון דער פּלאַטפאָרמע. ער ווייסט און פילט די שוועריג־קייטן פון זיין אַ פּערשפּעקטיקטער, און דערצו נאָך אין ווינקל פון דער אָפּאָזיציע, און דעריבער יאָגט ער זיך און איילט זיך און פליט אפילו אין מרחקים.

די מזרחי באַוועגונג, וועלכע איז היינט בעסער באַקאַנט אין ישראל אַלס די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האָט, קיין עין הרע, אַ גרויסן רכוש פון קיבוצים און ישובים, מענשן און מוסדות, באַנקן און שיכונים, אַלץ — דער רעזולטאַט פון יאָרן־לאַנגער חלוצ׳ישער אַרבעט, וועלכע איז אַזוי אַלט ווי דער מאָדערנער ציוניזם, און איז היינט פאַרטראָטן דורך דריי מיניסטאָרן אין דער רעגירונג (משה שאַפּירא, ד״ר יוסף בורג און ר׳ זרח וואַרהאַפטיג) און צוועלף מיטגלידער אין דער כנסת.

די אגודת ישראל, שוין אפילו אַריינגערעכנט אין חשבון דעם גאָר פיינעם רכוש פון די מוסטערהאַפטע קיבוצים און ישובים פון

פּועלי אגודת ישׂראל, וואָס זענען היינט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער אגודת ישׂראל, האָט אָבער פּאַרשפּעטיקט מיט אַ היפּש ביסל יאָרן. פאַרוואָס די אגודה האָט פאַרשפּעטיקט, איז, ווידער, אַ קאַפּיטעל פאַר זיך און באַלאַנגט צו יענע פּראָגעס, איבער וועלכע אַ סך גיבן אַ סך תּירוצים, אָבער איז אין תּוך אַ טייל פון דער מיסטעריע פון אידישן גורל, אויף וועלכן עס גילט די וואָרנונג פון „בהדי כבשי דרחמנא למה לך״ (צוליב וואָס גריבלען זיך אין די פאַרבאָרגענישן פון דעם רבונו של עולם)).

און דאָך, טראָץ דער פאַרשפּעטיקונג, איז די אגודה היינט אַ גאַנץ־אָנזעעוודיקער כּוח; און גראָד אין ארץ ישׂראל, וואו זי האָט פאַרשפּעטיקט, געפינט זיך היינט איר הויפּט־צענטער פאַר אַלע אירע אַלוועלטליכע אַקטיוויטעטן און עס ווערן שוין איצט געמאַכט פּלענער פאַר אַ כּנסיה גדולה קומענדיקן זומער אין ירושלים. די אגודה האָט היינט פיר מיטגלידער אין דער כּנסת, די פּועלי אגודת ישׂראל האָבן צוויי מיטגלידער, און וואָלטן די רעליגיעזע געגאַנגען צו די וואַלן צוזאַמען, וואָלטן זיי געצויגן נאָך מער שטימען. אפילו היינט פאַרמאָגן אַלע רעליגיעזע צוזאַמען 18 מיטגלידער אין דער כּנסת און זענען בכּוח פאַרצושטעלן מיט זיך דעם צווייט־גרעסטן כּוח אין לאַנד, נאָך דער מפּא״י.

ר׳ מנחם פּרוש קוקט אויס צו זיין דער דינאַמישער כּוח פון דעם אגודה פאַרמעסט צו קאָנסאָלידירן אירע רייען, נאָך דעם גרויסן חורבן־אייראָפּע, וואו אירע הויפּט־כּוחות, אירע פירער און אירע סאָלדאַטן צוגלייך, זענען געווען קאָנצענטרירט. ער טראָגט, אין אַ גרויסער מאָס, די אחריות פאַר׳ן אויפהאַלט פון „חינוך עצמאי״, דער זעלבסטשטענדיקער חינוך־סיסטעם פון דער אגודת ישׂראל, און ער האָט אין זינען, אַז אַ חבר פון דער באַוועגונג און סתּם אַ איד אַ בן־תּורה, זאָל זיך קענען באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן פאַר׳משכּנ׳ען זיך פריער אויף מער ווי איבערן קאָפּ.

גלייך ביים אַרויספאָר פון ירושלים קיין תּל־אביב, אויף דער לינקער זייט פון באַרג, האָט די אגודה אויפגעשטעלט אַ וואוינ־

קוואַרטאַל פון 120 דירות, מיט דער הילף פון מענשן אין אויסלאַנד, ווען ר׳ מנחם פרוש האָט פאַראינטערעסירט אין אינוועסטירן קאַפּיטאַל אין ישראל, נאָר אָנשטאָט האַנדלען און שפּעקולירן, זאָלן אין די דירות וואוינען פאַר מעסיגען רענט יונגע רעליגיעזע פּאָרלעך, וואָס פאַנגן ערשט אָן צו בויען אַ היים און קאָנען נישט איינצאָלן די קאָלאָסאַלע סומעס שליסל־געלט, וואָס מען פאָדערט אין ישראל ביים דינגען, אָדער קויפן אַ דירה.

ס׳איז געווען ממש אַ דערקוויקונג צו זען די דירה פון אַזאַ יונג פּאָרל, ווי דער שענסטער אויבנאָן פון דער נייער דירה איז אויסגעפּוצט מיט אַ ספרים־אַלמער, פון וועלכן עס שטראַלן אַרויס די רוקנס פון אַ נייעם ש״ס און אַנדערע ניי־איינגעהאַנדלטע ספרים.

פרוש איז באַקאַנט מיט׳ן אידישן לעבן און מיט׳ן אויסזען פון אידישע היימען אין אַמעריקע. איז ער געשטאַנען און געקוקט אויפ׳ן אַנגעלאָדענעם ספרים־אַלמער אין דער נייער היים פון דעם יונג פּאָרל אין ירושלים און פון זיין בליק האָט אַרויסגעקוקט די פרייד פון דער ירושלים׳ער אַנדערשקייט, וואָס ער אַליין איז איר׳ס אַ קינד פון זיבעטן דור.

אויב אַ באַוועגונג אין ישראל וויל איינהאַלטן אירע חברים און נאָך צוקריגן נייע, מוז זי זיי עפּעס געבן אויך אויסער עולם־הבא. נאָכדעם ווי אַ איד האָט שוין אַ דירה, דאַרף ער אוודאי האָבן אַן אָרט, וואו צו קריגן אויף גיך אַ גמילת־חסד. האָט פרוש אויף זיינע רייזעס אין אויסלאַנד פאַראינטערעסירט אַ צאָל יחידים צו גרינדן אַ גמילת־חסד אויף זייער נאָמען, און 84 אַזעלכע גמילת־חסדים קאַסעס, מיט באַזונדערע קאָנטעס אין די בענק, אויף די נעמען פון די גרינדער, טיילן אויס וועכנטליך הלוואות אין די שווערע טויזנטער פונטן.

און מיט נישט ווייניג שטאָלץ וויזט ער אייך אַ „מעונות ילדים״, איינע פון דרייצן אַזעלכע קינדער־היימען אין ירושלים, וואו עס האָדעווען זיך עלענדע און היימלאָזע קינדערלעך פון צוויי ביז זעקס יאָר.

ארנונה איז אַ געגנט אין ירושלים, נאָך תלפיות צו דרום־צו. שטייט דאָרט אַ געביידע מיט אַ שילד „בית דבורה" און אינווייניק און אין דרויסן לויפן אַרום און שפּילן זיך קלייניקע קינדערלעך, אין עלטער פון פיר־פינף יאָר. זיי שפּילן זיך אַלע אויף העברעאיש, אָבער דאָס אויסזען פון זייערע פּנים׳לעך ווייזט, אַז זיי קומען פון פאַרשיידענע היימען, אָדער ריכטיקער געזאָגט — פאַרשיידענע צעבראָכענע היימען. דאָ, אין „בית דבורה" איז זייער היים אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, ווייל קיין אַנדער היים האָבן זיי נישט.

עטליכע אויפזעערינס פּאַסן אויף אויף די קינדערלעך מיט מוטערליכער טריישאַפט, ווייל אין ישראל איז אויפפּאַסן אויף היים־לאָזע קינדערלעך מער ווי אַ דזשאָב. ס׳איז עפּעס אַן אויסערגעוויינליכער זכות, וואָס קומט, ליידער, אַלס רעזולטאַט פון צעבראָכענע פאַמיליעס, וואָס קענען זיך ניט אַריינפּאַסן אין די נייע אומשטענדן פון אַ נייער היים, אָדער ענליכע טראַגישע סיבות.

אינעווייניק ליגט אַ יונג אינגעלע אויף אַ ריין בעטעלע. יש לי חום היום (איך האָב היינט וואַרימקייט), פאַרענטפערט ער זיך פאַרוואָס ער איז ניט מיט אַלע קינדער אין דרויסן.

די דאָזיקע „בית דבורה" קינדער־היים אין ארנונה און נאָך אַן ענליכע היים אין זכרון יוסף געגענט פון ירושלים, זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן פון אַ אידן פון לאס וועיגאס, נעוואַדאַ, דזשעק ענטראַטאר, אין אָנדענק פון זיין מוטער דבורה. הרב פרוש דערציילט מיר, אַז אַ גרויסן חלק אין אויפשטעלן די דאָזיקע היימען האָט הרב משה שערער פון דער אַמעריקאַנער אגודת ישראל.

אין יעדער איינער פון די „מעונות ילדים", וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן, האָב איך געזען נעמען פון ברייטהאַרציקע אידן פון אַמעריקע, דרום אפריקע, מעקסיקאָ און אַנדערע לענדער, וואוהין ר׳ מנחם פרוש שפּאַרט אָן מיט זיין אומדערמידליכער עקשנות און ענערגיע.

איך וואָלט בכלל וועלן אָפּגעבן אַמעריקאַנער אידן אַ גרוס, אַז זיי מעגן שטאָלצירן מיט דער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין ישראל מיט זייער הילף, אָנפאַנגענדיק פון „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" ביז דער קלענסטער באַשיידענער אינסטיטוציע. ביים שייד־וועג צו יעדן נייעם ישוב שטייט אַ שילד מיט׳ן נאָמען פון אַמעריקאַנער „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" און קרן היסוד, און נעמען פון אַמעריקאַנער אידן שיינען אַרונטער פון די ווענט פון די הערליכע געביידעס פון פילע ישיבות, אינסטיטוציעס און שפּיטאָלן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען דורך מיין קורצן באַזוך.

ר׳ מנחם פּרוש טרעט אַרויס אויף אָפטע מאַסן־פאַרזאַמלונגען איבער׳ן לאַנד, מיט אָפּהאַנדלונגען איבער דער אידעאָלאָגיע פון אגודת ישראל. וואָס מיר האָט אָבער אַממערסטן אימפּאָנירט, איז מנחם פּרוש דער בעל מעשה, דער מענש פון טאָט. ס׳איז היינט ניט קיין צייט פון רעדעס אין ישראל, נאָר פון מעשים, פון ממשות׳דיקער אַרבעט, און פּרוש האַלט, אַז אויב די אגודה וויל האָבן אַ שייכות מיט דעם מאַרגן אין ישראל מוז זי אַריינלייגן אַ סך אַרבעט היינט דורך אויסברייטערן דעם חנוך עצמאי, בויען נאָך און נאָך שיכונים און אַנדערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און דורך זיין וואָס מער אַ מיטבאַטייליקטער פאַקטאָר אין אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לאַנד.

די אגודה זיצט טאָקע ביים אָפּאָזיציע־טיש, אָבער זי מאַכט ניט קיין שבת פאַר זיך. זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון גרויסן אויפבוי־ווערק און זי אַרבעט און שטרעבט מיט אַלע כוחות, אַז דער גייסט פון דער נייער מדינת ישראל זאָל בלייבן טריי צו דער אַלטער ארץ ישראל.

אַ שפּאַציר איבער מאה שערים

ווי „מאה שערים" זעט אויס פון דער נאָענט — אַ בר־מצוה אינגעלע „ראַנגלט" זיך מיט די רצועות פון די תפילין — דער „אַלטער זייגער" פון מאה שערים.

מאה שערים פון דער נאָענט איז זעהר ווייט פון דער מאה שערים וואָס אידן שטעלן זיך פאָר אין אַמעריקע.

ביי אונז הערט מען וועגן מאה שערים ווען ס'ברעכט אויס אַ טומל אָדער אַ דעמאָנסטראַציע און ר' עמרם בלוי, דער פירער פון די נטורי קרתא, ווערט אַוועקגעפירט אין טורמע. ביי אונז איז דער איינדרוק, אַז ביי די טויערן פון מאה שערים שטייען ווילדע באַרבאַרן מיט פולע הויפנס שטיינער וועלכע זיי וואַרפן אין קאָפּ פון יעדן איינעם וואָס קוקט אויס אַנדערש ווי אַ נטורי קרתא'ניק.

מאה שערים פון דער נאָענט איז אין דער אמת'ען דער רואיקסטער ווינקל אין גאַנץ ירושלים. עס פליען נישט קיין אויטאָמאָבילן און אויך די מענשן יאָגן זיך נישט. אפילו דער מאַרק פון מאה שערים איז אַ רואיקער. מען שלעפּט איך נישט ביי די פּאָלעס און מען גיט אייך נישט דעם ספּעציעלן קוק וואָס איז באַשטימט פאַר אַן אַמעריקאַנער וואָס איילט זיך ניט צו צאָלן דעם ערשטן פרייז וואָס דער קרעמער בעט.

דער אמת איז, אַז ווייט נישט אַלע איינוואוינער פון מאה שערים זיינען פון די נטורי קרתא. מאה שערים איז היינט נישט פון איין שניט, כאָטש אַלע איינוואוינער זיינען דאָרט שטרענג אָפּגעהיטן אין אידישקייט. פון די נטורי קרתא הערט מען מער ווי וועגן אַנדערע

ווייל זיי זיינען מער אַגרעסיוו און מער קנאות'דיק, און דערצו נאָך איז געוואָרן אַ געוואוינהייט צוצושרייבן יעדן עפנטליכן אַרויסטריט פון פרומע אידן בכלל געגן אַ פירצה אין דת, אויפן אַדרעס פון די נטורי קרתא, מיט דער כוונה אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, ווייל וואָס איז זיך דען פאַראַן צו רעכענען מיט די קנאים פון ר' עמרם בלוי'ס חדר?...

ווען איר גייט אַריין אין אַ הויף פון מאה שערים הערט איר אַנשטאָט דעם קלאַנג פון דזשעז־מוזיק, וואָס איז דאָ לרוב אויף דער ראַדיאָ, דעם קול פון תינוקות של בית רבן ווי זיי לערנען הויך אויפן קול און אַלץ פאַרטייטשט אויף אידיש.

קליינוואַרג שפּילט זיך אויפן הויף און ריידן צווישן זיך אידיש.

אויב אונזערע היגע אידישיסטן מיינען טאַקע מיט אַן אמת אַלץ וואָס זיי זאָגן וועגן אידיש אין ישראל, דאַרפן זיי זיין פון די ערשטע און גרעסטע שטיצער און פאַרערער פון מאה שערים, פונקט ווי זיי דאַרפן אויך זיין די פאַרקאַכטסטע פּאַטריאָטן פון די היגע אַמעריקאַנער ישיבות, וואו מען לערנט אויף אידיש. אין מאה שערים איז נישטאָ קיין אַנדער שפּראַך אַחוץ אידיש, ביי יונג און אַלט צוגלייך. דער איינציקער חסרון איז נאָר, וואָס די אידן אין מאה שערים זיינען צום אידיש אויך פרום, דאַוונען און לערנען און היטן אַלע מצוות, און זיי האַלטן נישט, אַז דאָס וואָס מען רופט אידישע ליטעראַטור איז אַ טייל פון אידישן גייסט־אוצר, אָבער אידיש אַלס שפּראַך לעבט נאָר און בלויז אין מאה שערים. אַפילו דער מאָ־ראָקאַנער גרינס־פאַרקויפער אין מאה שערים האָט זיך געמוזט אויסלערנען אידיש.

מאה שערים'ס אידישקייט איז אָבער מער ווי אַ שפּראַכליכע. זי איז אַ תוכנ'דיקע און אַן אָריגינעלע, אַן „מעיק־אַפּ". אָט אַזוי איז עס געווען מיט קאַרגע נייַנציק יאָר צוריק ווען אַ גרופּע פרומע אידן פון אַלט ירושלים זיינען אַרויס און אויפגעשטעלט דעם ערשטן ישוב פון דער היינט־נייער ירושלים, און אַזוי איז עס היינט ווען

פון דעם דאָזיקן ערשטן ישוב איז אויסגעוואַקסן „מאה שערים", הונדערט מאָל אַזוי פיל, ווי דאָס לשון פון פסוק (בראשית כ"ו, פסוק י"ב). זאָגט אויף יצחק'ן „ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים" (און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד און געפונען אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פיל). אַ סברא, אַז דעריבער הייסט טאָקע די שכונה „מאה שערים", ווייל דער אָנפאַנג פון דער נייער ירושלים איז געמאַכט געוואָרן אין דער וואָך פון פרשה תולדות ווען מען לייענט דעם אויבנדערמאָנטן פסוק. אַנדערע זאָגן, אַז דער נאָמען שטאַמט פון דער צאָל פון הונדערט נפשות, וועלכע זיינען געווען די ערשטע צו באַזעצן זיך אין דער נייער שכונה. דער געוויינלעכער אָפּטייטש פון מאה שערים אַלס הונ־דערט טויערן האָט נישט קיין אויפקלערונג.

אין מאה שערים זיינען עפּעס די קינדערלעך מאָגער און בלאַס, גאָר נישט ענלעך אויף דער יונגוואַרג, וואָס איר זעט אומעטום, אַזוי הויך און ברייט־פּלייציק קיין עין הרע. שוין עטלעכע חדשים זינט איך בין געווען אין מאה שערים און פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך אַלץ דאָס בילד פון קליינינקן בר־מצוה אינגעלע, וועלכער האָט נעבעך נישט געהאַט גענוג אָרט אויף דער האַנט פאַר די רצועות פון זיינע תפילין...

יענעם טאָג, מאָנטיק ראש חודש אָב, איז ער געקומען אין דער חב"ד'ער שול אויף רחוב בעל התניא אין מאה שערים, אויפגערופן ווערן צו דער תורה צום ערשטן מאָל. געקומען איז ער מיט אַן עלטערן ברודער, וועלכער האָט מיטגעבראַכט אַ שטיקל מאה שערים'דיק לעקעך און אַביסעלע בראָנפן אין אַ קליין פלעשעלע. דעם בר מצוה'ס תפילין זיינען געווען די שענסטע מהודרים, מיט רצועות וואָס האָבן געפינקלט פון שוואַרצ־קייט. אָבער דאָס הענטעלע זיינס איז געווען צו מאָגער און צו קליין פאַר די זיבן כריכות. ווי נאָענט ער האָט זיי נישט אַרומ־געוויקלט איינס לעבן אַנדערן, האָט נאָך אַלץ אויסגעפעלט האַנט. דער עלטערער ברודערל איז ענדלעך צוגעקומען און אים אַרויס־

געהאָלפן, אָבער איבערן גאַנצן דאַוונען האָט דאָס בר מצוה בחורל ניט געקענט אַ ריר טאָן די האַנט, ווי זי וואָלט געווען רחמנא לצלן אין אַ גיפסענער „קעסט“.

צוקוקענדיק זיך צו דער דאָזיקער סצענע, וועלכע איז אַזוי אַנדערש פון אונזער אידישקייט דאָ וואו דער מאַנגל איז אין רצועות, ניט אין הענט, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער „טעראָר“ פון מאה שערים און די שטיינער וואָס זיי וואַרפן אויף אויטאָמאָבילן וואָס זייגען מחלל שבת. איך האָב מיר פּרובירט פאָרשטעלן ווי אַזוי אַזאַ קליין, דין הענטעלע וואָס האָט אַפילו נישט קיין אָרט פאַר אַ רצועה, קען אויפהויבן און וואַרפן אַ שטיין אויף אַ באַס.

און נאָך אַ בילד פון מאה שערים טוט זיך נישט אָפּ פון מיינע אויגן.

אַן עלטערער איד מיט אַ דין, שיטער בערדל איז געקומען איינהאַנדלען פיש אויפן מאַרק פון מאה שערים, טאַקע נישט ווייט פון דער קראָם וואו מען פאַרקויפט אייז און וואו דאָס קרעמל פון ד׳ על ד׳ האָט צוויי „דעפּאַרטמענטס“, איינע פאַר פרויען און אַ צווייטע פאַר מענער. דער איד וואָס איז געקומען איינקויפן די פיש איז געשטאַנען און באַקוקט די סחורה, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ געקומען אָפּקויפן די גאַנצע קראָם, און צום סוף האָט ער איינגעהאַנדלט צוויי דיבינקע פישעלעך, וואָס גרעסערע פון זיי וואַרפט מען אַרויס אין אַמעריקע און אַפילו אין באַלעבאַטישע הימען אין ישראל. דער איד איז אַוועק אַ פריילעכער אַהיים וואו עס האָבן מסתמא געוואַרט אויף די צוויי פישעלעך אַ טוץ מיילער.

אָט דאָס איז די לוקסוס אין וועלכער די כולל און חלוקה אידן באָדן זיך אין מאה שערים.

דערפאַר אָבער איז מאה שערים רייך מיט גאַסטפריינטלעכ־קייט. אַז איר קומט אַריין אין אַ הויז, מוזט איר צוליב טאָן דעם באַלעבאָס און פאַרזוכן פון דעם כיבוד וואָס ווערט אַוועקגע־שטעלט אויפן טיש.

איינע אַזאַ הויז האָט מען מיר אָנגעוויזן אַלס דעם ריכטיקן אַדרעס וואו צו באַקומען אַביסל מער אינפאָרמאַציע וועגן דעם „אַראַבישן זייגער" וואָס גייט נאָך אין מאה שערים.

אין מער ווי איין שול אין מאה שערים הענגען אויפן וואַנט צוויי זייגערס, איינער לויטן אייראָפּעאישן סיסטעם און אַ צווייטער וואָס גייט לויטן אַראַבישן סיסטעם, וואָס איז איינגעשטעלט אַזוי, אַז ווען די זון גייט אונטער איז אַלעמאָל צוועלף אַזייגער. ווינטער און זומער, אָן אונטערשייד, ווען די זון גייט אונטער פאַרנאַכט, קלינגט דער אַראַבישער זייגער די צוועלפטע שעה.

אַי, די זון פאַרגייט דאָך נישט אַלעמאָל אין דער זעלבער צייט ?... זומער זיינען די טעג לענגער און ווינטער זיינען די טעג קלענער ?... אויף דעם איז דאָ אַ פּשוט'ע עצה: מען רוקט דעם זייגער. מ'רעכנט אויס אין פאָראויס די ענדערונג יעדן טאָג אין דעם סדר פון דער שקיעה און מען רוקט דעם זייגער אָדער צוריק אָדער פאָראויס, ווי די שקיעה פאָדערט.

פאַראַן אין מאה שערים אַ ישיבה, וואָס נעמט טוריסטן אויפן דאַך אָנצוקוקן דעם אַלטן זון־זייגער וועלכער רוקט זיך אַליין פון די זון־שטראַלן.

— אָבער וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו פירן זיך לויט אַ זייגער וואָס מען דאַרף אים יעדן טאָג שטופּן פאָראויס אָדער צוריק? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי אַ אידן אויפן שוק מאה שערים.

— גייט אַריין צו ר' מנחם קליין... אָט דאָ אין הויף, ער וועט אייך אַלץ אויפקלערן — האָט ער מיר געענטפערט.

ר' מנחם וואוינט, דוכט מיר, אין די בתי אונגאַרן. ער וואוינט שוין אין מאה שערים זינט 1907 און ער האָט בכלל נישט קיין אַנדער זייגער ווי דעם אַראַבישן, אָדער ווי אַנדערע רופן עס „דער היגער זייגער". תוך כדי דיבור איז שוין געשטאַנען כיבוד

אויפן טיש אין דער פיין אויפגערוימטער דירה, און אַ זון אָדער אַן איידעם ר׳ מנחמ׳ס, איז באַשטאַנען דווקא, אַז דער אומגעבעטענער גאַסט זאָל ניט פאַרשעמען די ארץ ישראל פרוכטן.

אייער זייגער איז דאָך קיין זייגער נישט — דאָס איז געווען ר׳ מנחמ׳ס ערשטע הנחה אין זיין אויפקלערונג.

— וואָס פאַר אַ זייגער איז עס, אַז יעדן טאָג דאַוונט מען מנחה אין אַן אַנדער זמן ?... אַ איד וואָס איז פאַרנומען קען דאָך אינגאַנצן צעטומלט ווערן פון דעם זמן אייערן וואָס האַלט זיך אין איין ענדערן !... ביי אונז ווייס איך, אַז עלף אַזייגער, דאָס הייסט אַ שעה פאַר דער שקיעה, דאַרף מען זיך נעמען גרייטן צו מנחה, ווינטער און זומער גלייך, אָן קיינע חשבונות !...

ר׳ מנחם קליין האָט אַרויסגענומען זיין זייגער פון דער וועסטל קעשענע און געזאָגט מיט אַ שטאָלצן טאָן :

— ביי מיר איז לגמרי נישטאָ קיין שום אַנדער זייגער ווי דער זייגער...

איך האָב מיך פרובירט אַמפּערן, אַז דער אַראַבישער זייגער איז אייגענטלעך אַ שפּילצייג וואָס קינדער טראָגן און שפּילן זיך אַרום מיט די וויזערס, אָבער ביי ר׳ מנחמ׳ען איז פונקט פאַרקערט. אונזער אייראָפּעאישער זייגער צעדרייט די צייט, און דער זמן תפילה האַלט זיך אין איין בייטן בעת דעם אַראַבישן זייגער דאַרף מען נאָר געבן אַ רוק און דער זמן בלייבט דער זעלבער.

שפּעטער האָב איך אין אַ סך אַנדערע שולן, אויך אויסער מאה שערים, געזען וואַנט־לוחות וואָס גיבן אָן דעם זמן קריאת שמע, לויט די צוויי באַזונדערע זייגערס. איין קאָלום איז אויסגעשטעלט לויט „שעות אייראָפּע״, און אַ צווייטער לויט שעות ארץ ישראל.

אין מאה שערים האָט אָבער דער אַלטער זייגער די אויבערהאַנט.

דאָ געפינען זיך נאָך ברוך השם אידן וואָס האָבן ניט אָנערקענט די מאָדערנע צייט.

די וועלט פון ר׳ עמרם בלוי

אין און אַרום ר׳ עמרם בלוי׳ס דירה אין די „בתי אונגאַרן" — אַ ניט־פאַרגעקומענער אינטערוויו מיטן פירער פון די נטורי קרתא — אַ בחור׳ל פון שיקאַגאָ קומט לערנען „רעליגיע" אין מאה שערים.

— **וואו** וואוינט דאָ ר׳ עמרם בלוי? ... — האָב איך אַ פרעג געטאָן אַ יונג בחור׳ל מיט געקרייזלטע פאות, וועלכער האָט זיך געאיילט איבערן הויף פון די אונגאַרישע הייזער אין מאה שערים, לויפנדיק אין ישיבה אַריין לערנען. די „בתי אונגאַרן" זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון הײנטיקן יאָרהונדערט דורך די כוללים פון אונגאַרן, און איבער די טירן פון אַ סך פון די הייזער זיינען נאָך אויסגעקריצט די נעמען פון די אַמאָליקע מנדבים, וואָס האָבן בייגעשטייערט דע־מאָלט פאַר דעם, וואָס הײנט וואָלט מען עס אָנגערופן אַ שיכון, אָדער אפשר גאָר „קרית אונגאַרן". דעמאָלט האָט מען אָבער נאָך נישט געוואוסט פון די אַלע פיין־קלינגענדע נעמען און עס איז געבליבן דער פשוט׳ער נאָמען „בתי אונגאַרן", די אונגאַרישע הייזער, אַזוי ווי עס זיינען דאָ אין ירושלים „בתי ברוידא", וואָס אַ איד פון ליטע מיטן נאָמען ברוידע האָט געבויט נאָר פאַר מתנגד׳ישע אידן, און „בתי ראַנד", וואָס אַ איד פון פוילן מיטן נאָמען ראַנד האָט דערנאָך אויפגעבויט נאָר פאַר חסידישע אידן.

— ר׳ עמרם וואוינט אין די דריי ציילן... דאָרט אויף רעכטס — האָט דער ישיבה־בחור פריינטלעך אָבער געשווינט געענטפערט.

די „דריי ציילן" זיינען דריי רייען מיט דירות, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין דער ברייט פון הויף, אַנשטאָט, ווי אַלע אַנדערע

הייזער, ביי די זייטן פון גרויסן, אָפענעם הויף, וואו קינדער שפּילן זיך, באַלעבאָסטעס זיינען אויפן וועג איינצוקויפן און די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט דעם קלאַנג פון תורה, וואָס קומט פון די אַרומיקע חדרים, ישיבות און כוללים.

אין דער ערשטער רייע הייזער פון די „דריי ציילן" געפינט זיך ר' עמרם בלוי'ס דירה. דאָ וואוינט, הייסט עס, דער גלאַווגער „טעראָריסט" פון די נטורי קרתא, וועלכער וויל דווקא, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ אידיש לאַנד דורך משיח'ן. אַנדערש וויל ער ניט קיין מדינה, אפילו אַז מען זאָל עס אים געבן אויף אַ גאָלדן טעלערל.

שוין דער דרויסן פון דער דירה גיט אייך אַ באַגריף פון דעם לוקסוס, אין וועלכן ר' עמרם בלוי לעבט. ביי דער טיר שטייט אַ גרויסער קאַסטן, אויף וועלכן אַ גאַסט פון אויסלאַנד קען זיך צוזעצן וואַרטן, אויב ר' עמרם איז ניטאָ אין הויז. רעכטס זיצט אַן עלטערע אידענע מיט אַן עלטערן מאַן און ברעקלן שטיקלעך ברויט, וויקן עס אין וואַסער און דערנאָך פּאַקן זיי עס אין זעק. דורך דער אָפענער טיר פון ר' עמרם בלוי'ס דירה זעען זיך עטליכע צעבראָכענע בענקלעך מיט אַ טיש, און אין אַ צווייטן צימער זיצט אַ יונג מיידל און נייט עפּעס.

אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַן עופּ'על אויף די הענט קומט אַרויס און ענטפערט זעהר העפליך, אַז דער טאַטע איז ניטאָ אין הויז. זי געפינט זיך דאָ, וויל די מאַמע איז קראַנק און איז אין שפּיטאָל אין תל אביב, איז זי געקומען אויפפּאַסן אויפן טאַטן. „גיי צו, גיב אַ קוק וואו דער זיידע איז" האָט זי געבעטן איר טאָכטער, וואָס איז געזעסן אינעווייניק און געניית. (זינט מיין באַזוך אין מאה שערים איז געקומען די טרויעריקע נייעס אַז ר' עמרמ'ס פרוי איז שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע).

די עלטערע פרוי, וואָס איז געזעסן און געברעקלט דאָס ברויט, האָט זיך דערווייל פאַנאַנדערגערעדט מיט די אַמעריקאַנער און פאַר זיי דערציילט איר יחוס און איר לעבנס-געשיכטע. ר' עמרם בלוי, איר

שכן, איז אַ גרויסער צדיק זאָגט זי, אָבער זי האַלט ניט פון אַלץ וואָס ער פּרעדיקט.

— 10 עופות האָב איך דאָ בײַ זיך און נאָך 50 האָב איך אין אַ מושב פון הפּועל המזרחי... זיץ איך גאַנצע טעג און ברעקל ברויט און וויך עס אין וואַסער, אַז מײַנע עופות זאָלן האָבן וואָס צו עסן!

— פאַנגט די שכנה אָן איר מאָנאָלאָג, און ר׳ עמרם בלוי׳ס טאָכטער און אייניקלעך שטייען און קוועלן אָן פון זייער שכנה׳ס חכמות, כאָטש זיי האָבן עס שוין געהערט צום וויפילטן מאָל.

זי איז געקומען קיין ארץ ישׂראל נאָך דער מלחמה און פון אַלע זיבן זין איז איר געבליבן נאָר איינער.

— איר זעט מײַן אַלטן?... ער איז מײַן פערטער מאַן. דער ערשטער איז ניט צוריקגעקומען פון דער ערשטער מלחמה; דעם צווייטן האָב איך גע׳גט, ווײַל ער איז ניט געווען פרום גענוג; דעם דריטן האָבן די נאַציס געשאָכטן פאַר מײַנע אויגן אין קאָשיצע... און איצט דאַרף איך אַרבעטן מפרנס צו זײַן מײַן 84־יאָריקן מאַן, וואָס איך האָב גענומען נאָך דער לעצטער מלחמה...

עס איז געווען אַ הייסער טאָג און די זון האָט היפּש געבאַקן אין מאה שערים. פאַר אַ זייטיק פאַרדינסטל האָט ר׳ עמרם בלוי׳ס שכנה אַרײַנגענומען אין הויז קאַלטע געטראַנקען, וואָס זי האַלט אין אַ פײַנעם רעפריזשערייטאָר, וואָס אַרבעט אויף עלעקטריק, ניט ווי דער אַלטער אײַז־באָקס אין ר׳ עמרמ׳ס דירה.

דאָס מיידל איז צוריקגעקומען און דערציילט, אַז דער זיידע איז ניטאָ דאָרט, וואו זי איז אים געגאַנגען זוכן, אָבער באַלד וועט ער מסתמא קומען עסן מיטאָג. האַלב נאָך איינס קומט ער אַלע מאָל עסן.

ר׳ עמרם איז ניט געקומען אַזוי שנעל, אָבער זיינס אַן אייניקל, אַ 17־יאָריק בחור׳ל, איז יאָ געקומען. דאָס איז טאַקע זײַן מאַמע, וועלכע וואוינט איצט בײַם זיידן כל זמן די באָבע איז ניט געזונט. זײַן נאָמען איז שלמה גרוימאַן און ער לערנט אין דער ישיבה

„תולדות אהרן”, וואָס ווערט אָנגעפירט פון ר׳ אַרעלע׳ס חסידים, טאַקע דאָ באַלד, הינטער די בתי אונגאַרן.

ר׳ אַרעלע ראָטה זצ״ל, וועלכער איז געוואָרן אַ רבי אין ארץ ישראל, האָט נאָך זיין פטירה איבערגעלאָזט אַ זון מיט אַן אידיש און עס ווייזט אויס, אַז דער רוב מנין פון ר׳ אַרעלע׳ס חסידים זיינען מיטגעגאַנגען מיטן אידיש, ר׳ אברהם יצחק כהן, אָנשטאָט מיטן זון, ר׳ אברהם חיים ראָטה, וואָס די „קרית שומרי אמונים”, וואָס ער בויט, זעט זיך גלייך ווי איר קומט אַריין אין רחוב מאה שערים.

— אויב איר ווילט זען אַן אמת׳דיק דאַוונען מיט כל עצמותי, מוזט איר אַריינקומען צו אונז אין ישיבה... איר האָט נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געזען — האָט מיך ר׳ עמרמ׳ס אייניקל איינגעלאַדן צו באַזוכן די נייע געביידע פון דער ישיבה, וועלכע שטייט האַרט ביי דער גרעניץ מיט ירדן. איך האָב פּרובירט איינ׳טענה׳ן מיט אים, אַז דער אמת׳ער כל עצמותי דאַרף זיין אינעווייניק, אין מוח און אין האַרץ, און אַז איינער קען זיך וואַרפן ביים דאַוונען אין אַלע זייטן און דאָך זיין ווייט פון אמת׳ער כוונת התפילה אַזוי ווייט ווי זיין זיידע איז פון בן־גוריונ׳ען. אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט איבערריידן. אַן אמת׳דיק דאַוונען איז צו געפינען נאָר ביי ר׳ אַרעלע׳ס חסידים.

— אפשר איז דער זיידע געפאָרן אין שפּיטאָל אַריין מבקר חולה צו זיין די באָבע?... — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים אייניקל.

— וואָס רעדט איר?... האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ביסטרע אויגן — דער זיידע גייט ניט אַרויס פון ירושלים און ער איז נאָך קיין איין מאָל ניט געפאָרן צו דער באָבען אין שפּיטאָל אַריין... דאָס ווייטסטע, וואָס ער דערלויבט זיך, איז אַ שפּאַציר יעדן פסח קיין תלפיות, פון וואַנען ער זעט דעם מקום המקדש... אויפן הר ציון גייט ער ניט, ווייל עס איז אַ כיבוש ציוני...

— זאָג מיר נאָר, שלמה׳לע, וועלכע אידן, וואָלסטו געזאָגט, זיינען היינט די גרעסטע אויף דער וועלט?...

אויפן ערשטן אָרט איז ביי אים זיין אייגענער רבי, ר׳ אַרעלע ראַטה׳ס אײדים. די אַנדערע צוויי זיינען דער סאַטמאַרער רבי און דער ליובאַוויטשער רבי.

— און מער קיין גרויסע אידן זיינען היינט ניטאָ ?...

— איר האָט דאָך געזאָגט די גרעסטע — האָט ער גלייך צוריקגעענטפערט מיט אַ שמייכל און זיך אָנגעבאָטן צוצוגיין צום גמילות חסד, אפשר איז דער זיידע דאָרט.

פון ר׳ עמרם בלוי׳ס שכנה׳ס הויז איז דערווייל אַרויס אַ יונגער בחור, אָנגעטאָן, ווי אַן אַמעריקאַנער קאָלעדזש־סטודענט, אין אַ פּאָר שמאָלע הויזן און אַן אָפן העמד. דאָס איז מיין אַמעריקאַנער קעסט־קינד, האָט אים די שכנה פאָרגעשטעלט. אויב מען דאַרף, האָט זי אין איר דירה אויך אַ צימער צו פאַרדינגען, און דער בחור האָט ערשט נעכטן געדונגען די קוואַרטיר, ווייל ער וויל זיין נאָענט צו ר׳ עמרמ׳ען.

יאָ, דער חברה־מאַן איז אַ בחור פון שיקאַגאָ, האָט שוין געדינט אין דער אַרמיי און עס האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אידישקייט. קיין אַנדערע שפּראַך אויסער ענגליש קען ער ניט דערווייל, און ווי אַזוי זיי ריידן זיך דאָרט צונויף מיט אים אין די בתי אונגאַרן ווייס איך ניט.

— איך בין געקומען לערנען רעליגיע ביי ראַבאַי בלוי — זאָגט ער. ערגעץ אַנדערש האָט ער ניט געפונען דאָס, וואָס ער האָפט צו געפינען דאָ. זיין משפחה פאַרנעמט זיך מיט ביזנעס אין שיקאַגאָ און ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט און איז געקומען קיין מאה שערים. ווי לאַנג ער וועט דאָרט פאַרבלייבן איז שווער פאָראויסצוזאָגן. לויט מיין איינדרוק — און ר׳ עמרמ׳ס אייניקל האָט מיט מיר מסכים געווען — איז ער דאָרט אַ גאַסט אויף אַ ווייל, כאָטש די שכנה בעט ג־ט, אַז ער זאָל דאָרט בלייבן לענגער, ווייל זי דאַרף זעהר נויטיק די פּאָר פונט דירה־געלט.

דאָס אייניקל איז צוריקגעקומען אַ פאַרסאַפּעטער פון גמילות־חסד. אויך דאָרט איז דער זיידע ניטאָ. די משפחה אַליין האָט שוין

אַנגעפּאַנגען צו ווערן באַזאָרגט וואָס ער איז ניט געקומען אַהיים עסן מיטאָג, ווי יעדן טאָג אין דער צייט, אָבער עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער האָט עפּעס אַ וויכטיקן ענין צו דערליידיקן.

איך האָב געלאָזט ביים איניקל אַן „אַסימון" (אַזאַ טעלעפאָן־מטבע, ווי אונזער „טאָוקן" פאַר דער סאָבוויי) און אים געבעטן, אַז ווען דער זיידע וועט קומען, זאָל ער מיך רופן אין האָטעל און לאָזן וויסן ווען איך קען צוקומען זען זיך מיט אים.

דער טעלעפאָן איז אָבער ניט געקומען און איך האָב, ליידער, ניט געזען ר' עמרם בלוי'ן פּערזענליך.

זיין וועלט און זיין אַרום האָב איך אָבער יאָ געזען. ס'איז אַ פאַר'עקשנ'טע וועלט פון תורה און יראת שמים, און זייער אידישקייט באַשטייט ניט בלויז פון קעגנערשאַפט צו דער מדינה. די קעיבלס קיין אויסלאַנד דערציילן נאָר פון די דעמאָנסטראַציעס און ניט ווי אַזוי אידן זיינען דאָרט מקיים די תורה און אירע מצוות אין דחקות און אָרימקייט.

קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי בעסער מאַטעריאַל ר' עמרם בלוי וואָלט געלעבט ווען ער זאָל, לאָמיר זאָגן, אָננעמען אַ שטעלע ביי דער מחלקת העליה פון דער אידישער אַגענטור?... אויב אַ איד ליידט צוליב אַ פּרינציפּ, וואָס איז ביי אים אַן עיקר פון אידישקייט, בעת ער וואָלט געקענט לעבן אין וואוילטאָג און זיין ברומו של עולם, אויך צוליב אַ פּרינציפּ, וואָס איז ביי אַנדערע ניט קיין קלענערער עיקר פון אידישקייט — פאַרדינט אַזאַ איד גרויס דרך ארץ און אַכטונג, צי איר זייט מסכים מיט אים אָדער ניט.

מאה שערים פון דער נאָענט איז אַ סך אַנדערש ווי אידן שטעלן זיך פאָר פונדערווייטנס. עס איז נאָר אַ גרויסער שאָד פאַר'ן פרומען ישוב און פאַר מאה שערים אַליין, וואָס אַזעלכע אידן ווי ר' עמרם בלוי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט פון אינעווייניק און לעבן אונטערן פאַלשן איינדרוק, אַז אַחוץ זיי זיינען ניטאָ קיין אידן אויף דער וועלט.

אין רעליגיעזע מוסטער-קיבוצים

מיט'ן וויצע־מיניסטער הרב דר. קלמן כהנא — ביים גרעניץ מיט ירדן אין קיבוץ שלעבים — לעבעדיקע בילדער פון חומש אין קיבוץ חפץ חיים.

דער קיבוץ אין ישראל האָט אין זיך אַ גרויסע מוסר'דיקע, אָדער עטישע, אידייע וואָס פאָדערט פון אירע נאָכ־פאָלגער, פריער פאַר אַלץ, דאָס אַוועקלייגן אָן אַ זייט, אויב ניט פאַרוואַרפן אינגאַנצן, דעם נאַטירלעכן דראַנג פון און צו פערזענ־לעכע רצונות און אויסדרוקן.

דער קיבוץ פאָדערט ביטול הרצון, אויפגעבן דעם „איך" מיט אַלע זיינע יצרים פון גאוה און תאות הממון און אויסלעבן זיך ווי אַ טייל פון אַ כלל וואָס לעבט צוזאַמען און שטרעבט צוזאַמען.

דער גאַנצער יאַריד פון „כולה שלי" עקזיסטירט ניט פאַרן חבר אָדער חברה אין קיבוץ. ס'איז אַ געזעלשאַפט פון כולה שלנו, אַ געזעלשאַפט וואו איינער דינט דעם צווייטן און טראַכט נאָר אין טערמינען פון צבור'דיקן וואוילזיין.

צו די צוויי סוגים פון בין אָדם למקום און בין אָדם לחבירו איז פאַראַן נאָך אַ סוג וואָס הייסט בין אָדם לעצמו. די באַציאונג פון מענטשן צו זיך אַליין, צו זיין געוויסן, צו זיינע מעשים, צו זיין עצם מהות. ניטאָ נאָך, גלויב איך, נאָך אַן אָרט אויף דער וועלט וואָס איז אַזוי מסוגל צו משלים זיין זיך אין בין אָדם לעצמו ווי אין קיבוץ וואו דער מענטש איז ניט משוחד פון זייטיקע פניות און קען קוקן אויף זיך מיט ערלעכע און אַפילו אָביעקטיווע אויגן.

אַדאַנק הרב דר. קלמן כהנא, דער סגן שר החנוך און פּרעזידענט פון פּועלי אגודת ישראל, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק, טאַקע ניט מער ווי אַ בליק, אויף אַ רעליגיעזן קיבוץ, און דער איינדרוק איז ווי פון אַ געבענטשטן ווינקעלע אויף ג־ט׳ס ערד.

אין שלעבים, חפץ חיים און אין יסודות האָב איך געזען אידיש לעבן אויפן באָדן פון ארץ הקודש, אַט ווי איר שטעלט זיך פאָר ווי אידן האָבן געלעבט גאָר אַמאָל. איר זעט ווי אַ אידישער פאַסטוך, דער אַלטער רועה צאן פון חומש, ברענגט די שעפּסן פאַר אַ טרונק וואַסער; ווי אידן אַקערן און זייען, פלאַנצן און שניידן; ווי אידן פירן די בהמות אין שטאַל אַריין און די עופות אין זייערע שטייגן.

און די אידן זיינען אויך אידן פון חומש, אידן פון אַמאָל, אידן וואָס נוצן אויס דעם גרויסן זכות פון לעבן אויף דער אדמת הקודש אויף צו מקיים זיין די מצות פון דער אדמת הקודש.

די מענער ביי דער אַרבעט אין דרויסן און די פרויען אין דער גרויסער אַלגעמיינער קיך — אַלע באַאיינדרוקן אייך מיט דער פריידן פון איינעם וואָס האָט אַלץ, פון איינעם וואָס איז אַ שמח בחלקו ניט נאָר ווייל אַזוי שטייט אין פרק, נאָר ווייל ער פילט אַז זיין חלק, וויפל ער האָט, איז גענוג.

דער קיבוץ שלעבים געפינט זיך אויף דער אַלטער וועג וואָס האָט אַמאָל געפירט קיין ירושלים דורך לאַטרון. אויב איר ווילט היינט פאָרן פון שלעבים קיין ירושלים, מוזט איר פאָרן צוריק אין דער ריכטונג פון תל אביב און דאָרט נעמען דעם נייעם וועג, דעם כביש הגבורה. שלעבים איז ממש, בוכשטעבלעך ממש ביים גרעניץ, און דאָ האָבן זיך באַזעצט פרומע און תורה׳דיקע חלוצים און זיי בויען דאָ אַ ישוב און אַ מקום תורה.

שטייענדיק אויפן באַרג וואו עס בויט זיך די נייע שול, אַ

ישיבה, אַ מקוה, זעט איר אַ פּלאַכן טאָל באַדן וואָס באַלאַנגט שוין צום אַנדער זייט גרעניץ.

— דאָס איז דער עמק אַילון וואו יהושע האָט אָפּגעשטעלט די לבנה, שמש בגבעון דום וירח בעמק אַילון — דערקלערט מיר דער יונגער רב פון שלעבים, הרב מאיר שלעזינגער, אַ זון פון אַ גרויסן דאָקטאָר פון ירושלים און אַליין אַ קיבוץ׳ניק.

— איר האָט געזען דעם נייעם וועג אונזערן?... האָט מיר דער רב אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, איך האָב זוכה געווען צו פאָרן אויף אים — האָב איך אים געענטפערט.

— און איך האָב זוכה געווען צו פאָרן אין בלאָטע נאָך איידער די נייע וועג איז געבוירן געוואָרן — האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן.

דער וועג וואָס פירט פון כביש קיין שלעבים איז היינט אַספאַלטירט און דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך איבער אים ווי אויף אַן אַמעריקאַנער „טוירנפּאַיק”. פאָרענדיק צום קיבוץ האָט זיך הרב כהנא׳ס אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט און ער האָט דורכן פענסטער געגעבן מזל טוב צו אַ פרוי וואָס איז געגאַנגען פון קיבוץ צום כביש וואו עס שטעלט זיך אָפּ אַ באָס. זי האָט אַ טאָכטער אין קיבוץ און די טאָכטער האָט געהאַט אַ קינד אין אַ מזל׳דיקער שעה, איז די באָבע געווען אויף אַ באַזוך ביי דער טאָכטער און דעם נייעם אייניקל.

און וויפל פרייד ליגט אין די ווערטער פון דעם רב פון „יסודות”, הרב קליין, ווען ער זאָגט „מאַכט אַ ברכה אויף די טרויבן פון אונזערע אייגענע פרדסים”!... אויך דאָ בויט זיך אַ נייע שול, און אידן אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין פעלד און קומען פאַרנאַכט אָנקוקן ווי די נייע שול וואַקסט.

אַ איד אין די מיטעלע יאָרן קומט צו צו הרב כהנא׳ן און באַקלאָגט זיך אַז די בעדואינער זיינען צוגעקומען צו־נאָענט צום בית עולם. דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט די רעגירונג געגעבן די בעדואינער אַביסל מער פרייהייט אַרומצואוואַנדערן מיט זייערע סטאַדעס און זיי האָבן אַנגעשפּאַרט אומעטום. דער איד פון „יסודות״, ר׳ הלל ראָטה, האָט אָבער געהאַלטן אַז זיי האָבן שוין אַביסל צופיל אַנגעשפּאַרט און ער האָט געפרעגט ביי הרב כהנא׳ן וואָס צו טאָן.

אויפן וועג פון יסודות צו „חפץ חיים״ האָבן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אין צוויי פלעצער, כפר אליהו און דער ניי־אויפגייענדער „יד בנימין״ אויפן נאָמען פון ר׳ בנימין מינץ ז״ל. כפר אליהו איז אַ דאָרף וואו עס האָדעווען זיך און ווערן דערצויגן מיידלעך פון דער עלית הנוער. זינט מיין באַזוך אין „יד בנימין״ איז שוין דאָרט געפּראַוועט געוואָרן אַ חנוכת הבית, אָבער מיר איז אויסגעקומען צו זען ווי אַלץ האָט דאָרט געקלאַפּט צום ריטם פון אויפבויען אַ חנוך־צענטער פאַרן גאַנצן פועלי אגודה באַזעצטן דיסטריקט וואָס הייסט „נחל שורק״ און פון וועלכן דער קיבוץ׳ניק פון חפץ חיים ר׳ יצחק גראָס איז דער גאָווערנאָר.

ס׳איז געווען אומפאַרמיידלעך ניט אַ טראַכט צו טאָן פון דער געשטאַלט פון ר׳ בנימין מינץ ז״ל ווי איך האָב אים געזען דעם לעצטן מאָל לעבן אַ קליינעם שרייב־טיש, אין אָפיס פון פועלי אַגודת ישראל אין ניו יאָרק. אַזוי ווי ער איז געווען אַ מיניסטער איז אויפן קליינעם טיש געשטאַנען אַ קליינע ישראל־פאָן. ער האָט געצויגן אַ דיקן ציגאַר, און צווישן איין צי און אַ צווייטן האָט ער געהאַלטן אין איין שפּינען נייע חלומות פון אַרבעט און בויען.

זיינע חלומות זיינען ווייזט אויס ניט געגאַנגען לאיבוד, נאָר עס האָט שטאַרק וויי געטאָן וואָס ער אַליין קען ניט אָנקוקן די נייע געביידעס וואָס האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער אין „יד בנימין״.

נאָך שלעבים, יסודות, כפר אליהו און יד בנימין, איז קיבוץ „חפץ חיים״ אַ גרויסע שטאָט.

אין גרויסן עס־זאַל פון קיבוץ האָט מען זיך געגרייט צו מיטאָג פאַר די אייגענע חברים, ווי אויך פאַר די געסט וואָס קומען אויף וואַקאַציע אין דער געסט־אָפּטיילונג וואָס דער קיבוץ האָט אויפגעבויט מיט אַלע בורזשואַזע באַקוועמלעכקייטן פון וועלכע די קיבוצ׳ניקעס אַליין געניסן ניט. אַוודאי טוט עס דער קיבוץ חפץ חיים, אַזוי ווי דאָס טוען אויך אַ ריי אַנדערע קיבוצים, צוליב פרנסה, צוליב אַריינקריגן נאָך אַביסל הכנסה פאַר דער קאַסע פון קיבוץ, אָבער עס איז בלי ספק אַ דיסאַנאַנץ צום גייסט פון קיבוץ און קען אַרויסרופן מחשבות זרות ביי די איינגערע חברים וועלכע זיינען נאָך ניט צו שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער קיבוץ אידייע.

די נאָכפראַגע אויפן בית מרגוע פון קיבוץ חפץ חיים איז אַזוי גרויס, אַז זומער צייט, אין חודש אָב, איז שוין ניט געווען קיין ליידיק אָרט פאַרן קומענדען פסח.

ר׳ יצחק גראָס, דער גאָווערנאָר פון פועלי אגודה דיסטריקט, איז שוין דרייסיק יאָר אַ קיבוצ׳ניק, און טאַקע פון די ערשטע אין „חפץ חיים״. ער האָט דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרעם און היינט שניידט ער דעם נחת מיט געזאַנג.

צוזאַמען מיטן רב פון קיבוץ, וואָס זיין געהאַלט אַלס חבר הכנסת גייט אַריין אין דער אַלגעמיינער קאַסע פון קיבוץ, און מיט חבר יצחק גראָס האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו זען ווי אַ איד מיט אַ חתימת זקן שטייט אויף דער וואַך אין אַן עופות־פאַרם וואו יעדע 21 טעג ווערן דאָרט געבוירן 36 טויזנט נייע עופות. דורך די אָפענע פענסטערלעך פון אינקיובייטאָר האָבן זיך אַרויסגעזען די קליינינקע קעפּעלעך פון הינדעלעך וואָס זיינען נאָך צוגעדעקט פון איי־שאָלעכץ. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר קוקענדיק אויף דער דאָזיקער בילד האָט זיך פאַר מיר אָפּגע־

שפּיגלט די לאַגע פון גאַנצן רעליגיעזן ישוב אין הייליקן לאַנד וועלכער שטעקט אַמאָל אַרויס די קאָפּ אינדרויסן, אָבער זיין פולע געשטאַלט איז איינגעהילט אין אַ שאָלעכץ פון מחלוקת וואָס ווי וויכטיק די סיבות פון דער מחלוקת זאָלן ניט אויסקוקן, זיינען זיי באַין ערוך אומפאַרגלייכבאַר מיט דער לעבנס־נויטווענדיקייט אויסצוקומען צווישן זיך לטובת דער גרויסער געמיינזאַמער אידייע.

„חפץ חיים״ איז געווען דער ערשטער קיבוץ אין ישראל איינצופירן דאָס אויטאָמאַטישע מעלקן פון די בהמות אום שבת. אַז מען הערט וועגן דעם אין אַמעריקע קלינגט עס זייער שיין, אָבער אַז מען זעט די שטאַל מיט די בהמות און די מאַשינען און די קיבוצ׳ניקעס וואָס אַרבעטן אַרום זיי, ערשט דאַן זעט איר אַז דאָס איז אַרבעט, שווערע אַרבעט און פאָדערט טרייהייט און אמונה.

און דאָס זעלבע, און נאָך מער, פילט איר ביים אָנקוקן די רייען פון ציצים שאינם נקובים וועלכע ווערן גענוצט אין אַ שמיטה־יאָר אין קיבוץ חפץ חיים. לכתחילה איז געווען אַ פּלאַן איינצופירן אַ סיסטעם פון „הידראָפּאָניקס״, פון פלאַנצן אויף וואַסער, אָבער די מעטאָדע פון ציץ שאינו נקוב מיט דער הילף פון מעכאַנישע שטאָפן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּראַקטישער.

איר זעט אַ שטאָט מיט אידן וואָס היטן שמיטה, וואָס צוליב איר פאַרנאַכלעסיקונג האָט די תורה געוואָרנט מיט גלות, און פאַרשטייט זיך, אַז איר אָפּהיטונג דאַרף ממילא דערנענטערן די גאולה.

די שול פון קיבוץ מיט דער גרויסער גלעזערנער מזרח־וואַנט וואָס קוקט אַרויס צו ירושלים, פאַרכאַפּט אייער בליק, און כאָטש די שול איז יעצט ליידיק אינמיטן טאָג, דוכט זיך אייך ווי איר הערט די תפילות פון אידן וואָס דאַנקען דעם באַשעפער פאַר דעם וואָס זיי לעבן ווי אידן, אַרבעטן ווי אידן און בויען ווי אידן.

הרב כהנא און יצחק גראָס זיינען געבליבן אין קיבוץ, און דער גאַסט פון אַמעריקע איז אָפּגעפירט געוואָרן צוריק קיין תל אביב דורך אַ שאָפער וואָס קען גוט די וועג צו און פון „חפץ חיים״.

די „טרעפיק״ פון אויטאָמאָבילן אויף די גאַסן פון תל אביב און די שטופעניש פון מענטשן וואָס יאָגן זיך באַלד ווי אין ניו יאָרק מיטן געשריי פון „כולה שלי״, וועקן אייך אויף פון דעם זיסן חלום וואָס איר האָט ערשט געהאַט.

בני ברק — די הויפּט־שטאָט פון תורה אין ישראל

די אַמאָליקע בני ברק און איר רב, רבי עקיבא — די היינטיקע בני ברק מיט אירע ישיבות און כוללים — אַן אומפאַרגעסלעכער שבת אין בני ברק.

די אַלטע בני ברק פון אַמאָל, די שטאָט, וועלכע איזביים ערשטן אידישן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל אין די צייטן פון יהושע׳ן געפאַלן אין גורל פון שבט דן, האָט הינטער זיך אַ גלאָררייכע טראַדיציע, וועלכע גיסט זיך צונויף זעהר האַרמאָניש מיט דער היינטיקער בני ברק, וועלכע קען באַצייכנט ווערן אַלס די הויפּט־שטאָט פון דער ארץ־ישראל׳דיקער תורה־וועלט.

נומעריש זיינען אפשר פאַראַן מער ישיבות אין ירושלים ווי אין בני ברק, אָבער אין ירושלים זיינען אויך פאַראַן אַנדערע זאַכן אויסער ישיבות, בעת בני ברק שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויסע ישיבה־שטאָט. ניט אַלע אידן פון בני ברק זיינען ישיבה־בחורים און ניט אַלע געביידעס זיינען ישיבות, אָבער די אידן פון בני ברק, אַפילו די שווערע אַרבעטער און דערפאַלגרייכע געשעפטסלייט זיינען קיינמאָל נישט אַוועק פון דער ישיבה און פון דער גמרא. בני ברק איז איין גרויסע פעסטונג פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, און הלוואי וואָלטן זיך מיט פערציק יאָר צוריק געפונען נאָך אַזעלכע אידן ווי ר׳ יצחק גערשטענקאָרן ז״ל, דער גרינדער פון בני ברק, און די אידישע מדינה וואָלט היינט געווען מער באַפעסטיקט מיט אידישקייט און אַ סך פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע דער רעליגיעזער ישוב ראַנגלט זיך היינט וואָלטן לגמרי נישט עקזיסטירט.

אין בני ברק האָט געוואוינט דער חזון איש זצ״ל, און זיין כולל ווערט נאָך אויך היינט באַטראַכט אַלס אַ צענטער פאַר לומדישע בני עליה, וועלכע לערנען דאָרט תורה אונטער דער השפעה פון חזון איש׳ס שוואָגער; אין בני ברק איז איבערגעפלאַנצט די אַלטע סלאָ־באָדקער ישיבה פון ליטע; די פּאָניעוועזשער ישיבה און אירע פילע אַנדערע אינסטיטוציעס זיינען אַ שטאָט אין אַ שטאָט, און נעמען פון אַמעריקאַנער אידן באַקרוינען אַלע ווענט פון די נייע געביידעס, וועלכע ציען זיך לענג אויס רחוב הרב מעלצער ביז צום באַרג, וואו עס שטייט די הויפּט־געביידע מיט דעם גרויסן בית מדרש; און אויף אַ גרויסן אָפּענעם שטח לאַנד זעט זיך אַ געביידע מיט אַ שילד „מגן הילד״, מיטן נאָמען פון דער אַמעריקאַנער „יאָנג איזראַעל״ באַוועגונג, וועלכע האַלט אויס די דאָזיקע קינדער־היים.

בני ברק האָט געהאַט אַמאָל אַ גאָר גרויסן רב, נישט קיין אַנדערער ווי דער תנא רבי עקיבא (אחר רבי עקיבא לבני ברק, סנהדרין ל״ב), וועלכער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר לערנען תורה. אפשר איז עס טאַקע אין זכות פון איר אַמאָליקן מרא דאתרא וואָס בני ברק האָט היינט זוכה געווען צו זיין די עיר הבירה פון דער תורה־וועלט אין ארץ ישראל.

אוודאי איז אין שבת נישט גענוג צו קענען אויפכאַפּן אַלץ וואָס בני ברק פאַרמאָגט. בלויז צו זען אירע ישיבות און כוללים פאָדערט זיך מער ווי אַ טאָג צייט, שווין אָפּגערעדט פון אירע שיכונים און פיל אַנדערע צאָלרייכע אינסטיטוציעס, אָבער דעם אָטעם פון בני ברק פילט איר גראָד אין איר שטילשווייגן, איר איר אָפּשטעלן אַלע רעדער ווען עס קומט אָן דער שבת קודש; אין דער איילעניש פון דעם מאַראָקאַנער אידן, וועלכער זיצט אויף אַ קליין וועגעלע און בעט זיין נאָך קלענער אייזעלע צו נעמען אים וואָס שנעלער אַהיים אויף שבת; אין דעם געיעג פון יונגע באַלעבעסלעך וואָס איילן זיך אַהיים מיט בלומען אין די הענט; און אין דעם אָפּשטעלן דאָס געבראַזג ביים בויען דאָס נייע הויז וואָס גייט אויף פונקט אַנטקעגן האָטעל, גאַנצע דריי שעה פאַר ליכט־צינדן.

אין בני ברק זיינען די ווענט ניט פאַרפּאַטשקעט, ווי אין אַנדערע שטעט, מיט בשורות וועגן דעם אַנקום פון אַ פילם, וואָס איז אין פּאַריז געווען פאַרבאָטן. די אַפּישן אויף די ווענט לאָזן וויסן וועגן שיעורים אין די און יענע שוהלן, וועגן אַ סימפּאָזיום וועגן דער „צוקונפט פון אגודת ישראל״, אין איר אייגענעם לאָקאַל אויף רחוב בני עקיבא און וועגן אַ רבי׳ן, וואָס איז געקומען צו־גאַסט קיין בני ברק און וועט פּראָוון טישן.

צוויי הויפּט־גאַסן זיינען דאָ אין בני ברק. הויפּט־גאַס נומער איינס איז רחוב רבי עקיבא, וועלכע פּאַנט זיך אַן גלייך ביים אַריינ־קער קיין בני ברק פון כביש תל אביב־פתח תקוה, אָדער ווי אַנדערע רופן דעם דאָזיקן שאָסיי „כביש השחור״, דער שוואַרצער כביש. פאַרוואָס מען רופט אים כביש השחור האָב איך געהערט צוויי ווערסיעס, אָדער ווייל דאָרט קומען פאָר אַ סך אויטאָ־עקסידענטן, אָדער ווייל דער דאָזיקער כביש רוט קיינמאָל ניט, ניט ביי טאָג און ניט ביינאַכט, ניט שבת און ניט וואָך. אָט דאָ ביים אָנפאַנג פון רחוב בני עקיבא זעצט מען זיך איבער פונ׳ם תל אביב׳ער באָס (דוכט מיר נומער 54) אין דעם באָס וואָס פירט איך איבער די געדרייטע געסלעך פון בני ברק גופא.

די צווייטע הויפּט־גאַס פון בני ברק, רחוב חזון איש, ווערט שבת פאַרוואַנדלט אין הויפּט־גאַס נומער איינס. שבת נאָכמיטאָג, נאָכן שבת׳דיקן דרעמל, איז רחוב חזון איש איבערפולט מיט שפּאַצירער, וועלכע גייען זיך געמיטליך אינמיטן גאַס. ביים אָנפאַנג פון רחוב חזון איש איז פאַרלייגט אַ באַריערע, וואָס לאָזט נישט אַריין קיין אויטאָמאָבילן, און יונג און אַלט שפּאַצירט אינמיטן גאַס.

אין בני ברק קענט איר זען ווי אַ מאַמע מיט אַ זון טראָגן דעם טשאָלענט פון דער בעקעריי און זייערע טריט הילכן אָפּ אין דער שבת׳דיקער שטילקייט מיט דעם שטאָלץ פון אַ קאָלאָנע זיגרייכע זעלנער.

די אַנדערע גאַסן פון בני ברק טראָגן אַזעלכע נעמען ווי רחוב

רבינא, רחוב אביי ורבא, רחוב ר׳ סעדיה, רחוב האדמו״ר מצאַנז, רחוב האדמו״ר מגור און ענליכע נעמען וואָס דערציילן אַזוי פיל אידישן עבר פון פאַרשידענע צייטן.

און וואו נאָך קענט איר אַזוי פילן די מנוחת הנפש׳דיקע אייגנאַרטיקייט פון אַ שבת אין בני ברק ווי אין דעם פיינעם גאָרטן ביי ר׳ משה פראַגער׳ן אויף רחוב „אור החיים״, קאָרנער רחוב „חזון איש״, ... דער טיף־פילענדער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער וועמענ׳ס פען שפריצט מיט ניצוצות פון אידישער גבורה און קדושה און וועלכער איז אַ יוצא ונכנס אין חדרי מלכים ושרים אין ישראל, גייט שבת אָנגעטאָן אין זיידנס, ווי אַלע געטרייע גערער חסידים, און אָנשטאָט פאָליטישע בליצן איז ער אייך מכבד מיט אַ וואָרט פון „שפת אמת״ וועגן דער קדושה פון ארץ ישראל. אַ גאַנצע וואָך שוועבט ער צווישן בני ברק, ירושלים און תל אביב, אַלס מיט־רעדאַקטאָר פון „בית יעקב״ זשורנאַל, אָפטער מיט־אַרבעטער אין „דבר״ און אַלס מחבר פון אַ היבשער צאָל ביכער פאַר יונגע און דערוואַקסענע. אַז עס קומט אָן דער שבת קודש ווערט ר׳ משה אַוועקגעטראָגן קיין גער וואָס אין איר איבערפלאַנצונג אין הייליקן לאַנד האָט ער אַ ניט קליינעם חלק.

יעדעס מאָל ווען ר׳ משה פראַגער קומט קיין אַמעריקע האַלט ער אין איין איינ׳טענה׳ען, אַז נאָר אין ארץ ישראל איז גוט און וואויל צו לעבן ווי אַ איד. ווען איך האָב אים געזען אַזוי שבת׳דיק שבת נאָכמיטאָג אין זיין גערטענדל, אַרומגערינגלט פון בלומען און גרינס וואָס ער און זיין גאַסטפריינטליכע פרוי היטן אַזוי שטאַרק אָפּ; ווען איך האָב געזען מיט וואָס פאַראַ פליגלען פון פרייד ער טראָגט זיך אויף די געסלעך פון בני ברק, האָב איך אָנגעפאַנגען צו פאַרשטיין זיין פאַרליבטקייט אין ארץ ישראל בכלל און אין בני ברק בפרט.

בני ברק ציילט היינט לערך 60 טויזנט נפשות און זי האַלט זיך ערשט אינמיטן בויען. עס קומען צו שיכונים און עס קומען צו פריוואַטע וואוינונגען. אין בני ברק וואוינען אויך אַ היבשע צאָל

אַמעריקאַנער אידן, סיי עלטערע און סיי אינגערע. מען האָט מיר דערציילט פון אַ יונגן פּראָפעסאָר פון „עם־אַי־טי" (מאַסאַטשוסעטס אינסטיטוט אָף טעקנאָלאָדזשי), וועלכער איז געקומען אויף עטליכע יאָר אין בני ברק און זיך געזעצט לערנען. איך האָב אַליין געטראָפן אַן אַמעריקאַנער פאַמיליע, אַ יונג פּאָרל מיט זעקס קליינע קינדער, וועלכע האָבן פאַרקויפט זייער היים אין מאנסי, לעבן ספּרינג וואַלי, און זיך אויפגעבויט אַ הויז אין בני ברק.

דער הויפּט פון דער משפחה, אַ יונגערמאַן אין די פערציקער, איז געווען אַ דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן אין ניו יאָרק. היינט איז ער אַ דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן אין בני ברק. דערווײַלע רעדט מען נאָך מיט די קינדער ענגליש, און די יונגע טאַטע־מאַמע צווישן זיך ריידן אויך ענגליש, אָבער זיי פילן זיך היימישער אין בני ברק ווי אין מאנסי.

— מיט וואָס איז בני ברק אַנדערש פון, לאָמיר זאָגן, ניי־סקווער, לעבן ספּרינג וואַלי ?... — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים אַמערי־קאַנער יונגערמאַן, וועלכער איז אַ מוסמך פון דער מתיבתא רבנו חיים ברלין און אַ תלמיד פון איר גרויסן ראש הישיבה הרב ר׳ יצחק הוטנער.

— וואָס רעדט איר ?... דאָרט איז מען געסט... דאָ איז מען ביי זיך !... — איז געווען זיין ענטפער, באַגלייט מיט אַרגומענטן, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיך נישט איינרעדן, אַז ניו יאָרק איז ווייט פון פראָנט. אויב עס זאָלן, חס ושלום, פליען באָמבעס, איז תל אָביב זיכערער ווי ניו יאָרק, האָט ער אַרגומענטירט.

בני ברק איז נישט בלויז אַ שטאָט מיט פרומע אידן. עס איז אַ פרומע שטאָט. דער מעיאָר פון בני ברק איז ר׳ ראובן אַראָנאָוויץ פון די „פּועלי אגודת ישראל", און דער וויצע מעיאָר איז ר׳ שמעון סיראקא פון צעירי אגודת ישראל. בעת מיין זיין אין בני ברק איז דער מעיאָר נישט געווען אין שטאָט, נאָר ווי אַ סך אַנדערע מעיאָרס פון ישראל שטעט געווען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער מעיאָרס קאָנפערענץ אין דער שווייץ. אין ישראל איז, אגב, אַרומ־

געגאַנגען אַ פּאָפּולערער וויץ אין נאָמען פון באַקאַנטן זשורנאַליסט שמואל אבידור, רעדאַקציע־הויפּט פון „פּנים אל פּנים", אַז דער איינציקער מעיאָר וואָס איז נישט געפּאָרן קיין זשענעווע איז געווען ר' מאיר בעל הנס...

בני ברק האָט איר אייגענעם ווינקל ביים ברעג ים פון תל־אָביב, אין תל ברוך, וואו מ'באָדט זיך נישט בתערובות. זומער־צייט אין די היצן איז אויפן באַס קיין תל ברוך אַן אויסערגעוויינלעכע ענגשאַפט, נישט קלענער ווי אויפן שמאָלן פּאַס זאַמד, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן די פרומע אידן פון בני ברק אָפּצוקילן זיך אַביסל.

אַ פעליעטאָניסט אין אָרטאָדאָקסישן „המודיע" האָט סאַרקאַס־טיש באַמערקט, אַז תל אביב טענה'ט, אַז זי איז נישט שולדיק אין דער ענגשאַפט אויף די באַסעס קיין תל ברוך, נאָר שולדיק זיינען די לאַנגע בערד און פּאות פון די בני ברק'ער אידן, וועלכע פאַרנעמען צופיל אָרט... דער פעליעטאָניסט (ד. איינר) האָט באַין ברירה צוגעגעבן, אַז די תל אביב'ער עיריה איז גערעכט, ווייל אין בני ברק איז קיין עין הרע אַ גרויסע גערעטעניש אויף בערד און פּאות...

אין בני ברק האָט איר פרומע אידן פון אַלע חדרים און אַלע נוסחאות, פאַרביסענע מתנגדים און שאַרפע חסידים און אויך סתם פרומע אידן, נישט פאַרביסן און נישט שאַרף.

ערב שבת אינדערפרי, ביי דעם ערשטן שחרית אין בני ברק, איז אין דער „פועלי אגודת ישראל" שוהל אויף רחוב הרב דעסלער, אַריינגעקומען אַ יונגער בחור אין אַ חסידישן הילוך און גענומען קלינגען מיט די מטבעות אין האַנט, בעטענדיק ביי יעדן איינעם ביי־צושטייערן פאַר אַ דבר שבצדקה.

מיר פערזענליך האָט דאָס אַרומגיין קלייבן געלט דורך יונגע ישיבה־בחורים, גראָד געמאַכט פילן אַביסל היימיש, ווייל אין דער געגענט וואו איך וואוין אין ברוקלין גייען דורך אַ מאָנטאָג און דאָנערשטיק אינדערפרי אַ היבשע פאָר צענדליק סאַטמאַרער ישיבה־

בחורים, וועלכע קלינגען אָן אויפהער מיט די הויפנס קליינגעלט, קלייבנדיק פּאָר אַ ספּעציעלן חתונה־פאָנד, וואָס העלפט אַרויס נויטבאַדערפטיקע ישיבה בחורים, ווען זיי ווערן חתנים. זיי קלינגען אַביסל צופיל און זיי קימערט ניט צי איינער האַלט אינמיטן קריאת שמע אָדער שמונה עשרה, אָבער ס'איז ווערט דער דאָלאַר צי מער וואָס ווערט אויסגעטיילט בלויז צו זען, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אין אַמעריקע ישיבה בחורים וואָס גייען אָנגעטאָן אַזוי ווי זייערע זיידעס און טאַטעס אַמאָל אין אונגאַרן.

געוועזן אָבער אין דער שוהל אין בני ברק נאָך אַ איד אַ טוריסט, וואָס אים איז נישט געוועזן צום האַרצן דאָס קלינגען פון ישיבה־בחור מיטן פולן הויפן קליין־געלט אינמיטן דאַווענען און ער האָט אים ברוגז'לעך אַ פרעג געטאָן פון וועלכער ישיבה ער איז. ווען דער בחור'ל האָט אים געענטפערט, אַז ער איז אַ סאַטמאַרער, האָט דער איד געגעבן אַ בורטשע: „איר זייט דאָ אויך פאַראַן"...

נו, פרעגט שוין נישט וואָס דער דאָזיקער טוריסט האָט אַריינגע־כאַפּט פון אַן עלטערן אידן מיט אַ געשווירן בערדל, וועלכער האָט דערציילט, אַז ער איז שוין פערציק יאָר אין לאַנד. זינט ווען דאַרף מען עס פרעגן ביי אַ אידן וואָס בעט פּאָר אַ דבר שבצדקה אויף אַ פּאַספּאָרט?... האָט זיך דער איד צעבייזערט. אַז עס זיינען דאָ ניין אידן אין שוהל און עס קומט אָן אַ צענטער און איז משלים דעם מנין, פרעגט איר אים פונוואַנען ער קומט, פון קאָוונע אָדער פון סאַטמאַר?... „דאָס איז איינע פון די קללות וואָס היטלער, ימח שמו, האָט אונז איבערגעלאָזט, איינצוטיילן אידן אין קלאַסן: אונגאַ־רישע, ליטווישע, גאַליציאַנער און אַזוי ווייטער... מיר זיינען אידן און שוין!... און די מדינה, מיינט איר, האָבן די אינגלעך פון נאָך דער מלחמה געמאַכט?... מיר האָבן זי געמאַכט מיט פערציק יאָר צוריק!...

דער בני ברק'ער איד האָט גענומען אָנטאָן דעם טלית און תפילין און נאָך אַ בחור'ל אין זעלבן הילוך ווי דער ערשטער איז אַריינגעקומען און אָנגעפאַנגען קלינגען מיט די קליין־געלט. דער

טוריסט האָט שוין דאָס מאָל ניט געפרעגט קיין שאלות און גלייך צוגעטראָגן דעם בחור׳ל אַ מטבע.

בני ברק האָט שיכונים פון מזרחי, אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל, און איז אויך די היים פון שיכון וויזשניץ וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון רבי׳ן ר׳ חיים מאיר׳ל האַגער, וועלכער איז יענעם שבת נישט געווען אין דער היים. די גאַס אויף וועלכער דער רבי וואוינט הייסט „אהבת שלום״, און נישט ווייט פון רבי׳נס הויז שטייט אַ ווילאַ איינגעטונקט אין גרינסן. דאָס איז די היים פון אַ רייכן וויזשניצער חסיד, אַ דימענטן־סוחר, ר׳ מאיר ראָזענבערג, וועמענס נאָמען לייענט זיך אַרונטער פון אַ ריי געביידעס אין שיכון וויזשניץ. אויך ר׳ מאיר ראָזענבערג איז ווי אַ סך אַנדערע רייכע אידן פון ישראל געווען אויף וואַקאַציע אין דער שווייץ.

די טיפן, וואָס איר זעט אין שיכון וויזשניץ, זעט איר ניט אפילו אין וויליאַמסבורג. די שוהל איז געווען געפּאַקט צו מנחה שבת פאַרנאַכט, אַזוי ווי אַן אַמעריקאַנער שול צו כל נדרי, און אין דרויסן האָט קיין עין הרע געזשומעט פון קליינוואַרג ווי אין אַ בינשטאָק.

אונטן, אַראָפּ־באַרג פון שיכון וויזשניץ, געפינט זיך דער שיכון אגודת ישראל און ווידער איז די נייע שוהל געפּאַקט מיט אידן וועלכע גרייטן זיך צום שלש סעודות טיש.

וועגן דעם גרויסן רב פון בני ברק, רבי עקיבא און זיינע חברים, ווערט דערציילט אין דער הגדה, אַז זיי זיינען געזעסן אַ גאַנצע סדר־נאַכט אין בני ברק און דערציילט די נסים פון יציאת מצרים, ביז זייערע תלמידים האָבן זיי דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין געוואָרן טאָג.

אויך היינט קומט פון בני ברק אַן אָנזאָג, אַז עס פאַנגט אָן צו טאָגן אין ישראל, אַז עס גייט אויף אַ נייער פרימאָרגן מיט אַ נייעם דור בני תורה, וועלכע זענען אַנטשלאָסן, אַז דאָס אידישע היימלאַנד זאָל אויך זיין דאָס היימלאַנד פון דער תורה.

אין צפת, די שטאָט פון בית יוסף און אר״י

די צוויי אר״י שולן — אַן אַלטער תושב פון צפת גרייט זיך פאַר דער שבת מלכתא — אונטן אויף די שמאָלע געסלעך און אויבן אויף רחוב ירושלים.

פון אַלע פיר פאַרהייליקטע שטעט אין ארץ ישראל איז צפת, די הויפט שטאָט פון גליל העליון, די אינגסטע אין יאָרן און געשיכטע.

וועגן ירושלים איז דאָך אָפּגערעדט. ירושלים איז דאָך אַ טייל פון דער תורה, דאָס אָרט, וואָס כביכול אַליין האָט אויסגעקליבן צו מאַכן דאָרט רוען זיין נאָמען.

חברון, די צווייטע הייליקע שטאָט אין הייליקן לאַנד, איז דאָך געווען פאַר אַ צייט דאָס וואוין־אָרט פון אברהם אָבינו און איז אויך דער רו־פּלאַץ פון די אָבות און די אמהות אין דער מערת המכפלה.

די דריטע שטאָט טבריה ווערט שוין דערמאָנט אין דער משנה און גמרא און רבי יוחנן האָט דאָרט מסדר געווען דעם תלמוד ירושלמי. צפת ווערט ניט דערמאָנט ניט אין תנ״ך און ניט אין דער משנה (די צפת, וואָס ווערט יאָ דערמאָנט, איז געווען אין יהודה). איר געשיכטע פאַנגט זיך ערשט אָן נאָך גירוש שפּאַניע, ווען עס זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל פילע פון די ריזן פון יענער גאָלדענער עפּאָכע אין 16־טן יאָרהונדערט און האָבן מיט זייער קדושה און תורה אַריינגעפירט צפת אין דעם באַרימטן פירלינג פון ירושלים, חברון, טבריה, און צפת.

אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל צפת איז די אינגסטע, איז זי עפּעס אַמנאַענסטן צו אַ אידן פון אונזערע טעג. אין צפת פילט איר זיך ווי אין אַ שטאָט, וואָס איז אָט ערשט געווען די היים פון „בית יוסף" און פון אר"י. נאָך קיין פיר הונדערט יאָר ניט זינט זיי זיינען אַוועק און איבערגעלאָזט יסודות און בנינים אין תורה און יהדות, וועלכע וועלן דויערן און שטיין לעד ולעולמי עולמים, אַזוי אייביק ווי דאָס אידישע פאָלק.

— ווי געפעלט אייך אונזער צפת ?... דער אר"י איז געווען אונזער רבי, דער „בית יוסף" איז געווען אונזער רב, דער אַלשיך איז געווען אונזער מגיד און ר' שלמה אלקבץ, דער מחבר פון „לכה דודי", איז געווען אונזער משורר ?...

מיט אָט די ווערטער גרויסט זיך דער וויצע־מעיאָר פון דער היינטיקער צפת, ר' ישׂראל חיים בערקאָוויץ, אַ ספּינקער חסיד, וואָס איז געקומען קיין ארץ ישׂראל נאָכ'ן לעצטן חורבן.

דאָס געסל, אויף וועלכן די אר"י שוהל געפינט זיך, איז אויפן אונטערשטן טייל פונם באַרג, אויף וועלכן די שטאָט איז געבויט, מיט דער „מצודה" ווי דער העכסטער פונקט פונ'ם באַרג. די לעצטע אויסגראָבונגען אויף דער „מצודה" האָבן דאָרט אַנטדעקט אַמאָליקע פעסטונגען און הייזער. אין דער באַפרייאונג־מלחמה האָבן די אַראַבער פון דאָרט און פון אַנדערע העכערע טיילן פון צפת באַשאָסן און באַהאָגלט די אידישע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך מערסטנס קאָנצענטרירט אין די נידעריקע טיילן פון שטאָט, אין די אַמאָליקע שמאָלע געסלעך מיט די קלייטן אין די ווענט. היינט איז דער מצודה־באַרג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיינעם פּאַרק און אויפן סאַמע שפּיץ שטייט אַ מאָנומענט „לזכר הגבורים שבדמם קדשו את שחרורה של צפת" (צום אָנדענק פון די העלדן, וואָס מיט זייער בלוט האָבן זיי געהייליקט די באַפרייאונג פון צפת).

אייגנטליך, שטייען אין צפת צוויי אר"י שוהלן, איינע לעבן דער אַנדערער, און פון הויף קען מען אַרויפגיין מיט די טרעפּ אַזש

אַרויף־צו צו רחוב ירושלים, וואָס איז היינט די הויפּט־גאַס פון צפת. אויף איינער פון זיי איז אויסגעקריצט איבערן טויער דאָס יאָר של"ה (1575), דאָס הייסט דריי יאָר נאָך דער פטירה פון אר"י, פינף טעג אין חודש אב, של"ב. אויף דער צווייטער שוהל, דאָרט וואו עס דאַוונען, לויט מיין אייליקן איינדרוק, די חשובים און אויך דער רב פון שטאָט, וועלכער האָט דאָרט גע'דרש'נט שבת פאַרנאַכט בין מנחה למעריב, אויף דער דאָזיקער שוהל איז איבערן טויער אויסגעקריצט דער נאָמען „חקל תפוחין קדישין", אַ קבלה־טערמין אויף דער פרייטאָג־צו־נאַכטיקער מדרגה פון שבת. אין דער דאָזיקער שוהל זיינען פרייטאָג פאַרנאַכט צו קבלת שבת געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט אַ סך געסט פון ירושלים און תל אביב, צווישן זיי אויך די ברידער ר' איטשע מאיר און ר' פּיניע לעווין אין זייערע שטריימלעך און קליינע סידורימ'לעך, וואָס זיי האָבן נאָך מיטגעבראַכט פון וואַרשע.

אויף דער אַנדערער זייט מזרח־וואַנט איז צווישן די מתפללים געשטאַנען אַ יונג בחור'ל מיט אַ שטריימל און ווייסע זאָקן, און צווישן איין קוק און אַ צווייטן אין סידור האָט ער אַזוי געגעבן אַ בחפזונ'דיקן קוק אויפן עולם, ווי ער וואָלט צווישן זיי געזוכט אַ באַקאַנט פּנים. הינטער אים ביי אַ באַנק איז געשטאַנען אַ יונגער־מאַן, אויך אין אַ שטריימל, אָבער אין שוואַרצע זאָקן, און ניט אַרונ־טערגענומען די אויגן פון דעם יונגן בחור'ל, פון זיין יעדן קער און ווענד. נאָך מעריב זיינען אַ סך אידן צוגעגאַנגען צו דעם יונגן בחור'ל מיט אַ גוט־שבת און ער האָט יעדן איינעם געגעבן אַ שמייכל און אַ שלום עליכם פון עטליכע פינגער, וואָס האָבן בלויז אָנגערירט אייער האַנט.

דאָס בחור'ל איז געווען דער יונגער בערעלע, די איינציקע שארית הפליטה פון בעלזער הויף, אויף וועמען בעלזער חסידים קוקן אַרויס ווי די איינציקע האָפענונג, אַז זייער רבי'שע דינאַסטיע זאָל ווייטער פאַרגעזעצט ווערן. בערעלע'ס פאָטער, דער בילגרייער רב, איז געווען אַ ברודער פון פריערדיקן בעלזער רבי'ן, ר' אהרן

רוקח זצ״ל, װעמענס משפחה איז אומגעקומען אין לעצטן חורבן. היינט איז בערעלע אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, אָבער זיין יונג פּנים טראָגט שוין אויף זיך סימנים פון דעם שווערן יאָך, וואָס וואַרט אויף אים. דער יונגערמאַן הינטער אים איז געווען זיין רבי און דערציער, וועלכער גרייט אים צו צו ווערן דער יורש פון בעלז.

צפת און איר געשיכטע זיינען אַ סך עלטער ווי בעלז. אַ וואָסער שעה פאַר קבלת שבת, ווען אין שול איז נאָך קיינער ניט געווען, איז ביי אַ טיש געזעסן אַ איד אַ זקן איבער אַן אָפן ספר און געלערנט. איך האָב געמיינט, אַז מסתמא לערנט ער אין אַ קבלה־ספר פון ר׳ חיים וויטאַל, דעם אר״י׳ס גרויסער תלמיד. אָבער דאָס אָפענע ספר איז גאָר געווען אַ משניות, מסכת דמאי, וואו עס רעדט זיך וועגן תרומה און מעשר.

— אויב מען זוכט געגוג, קען מען אין מסכת דמאי אויך געפינען גענוג קבלה — האָט ער מיר פאַרכאַפּט דעם וועג, דערקענענדיק אין מיינע אויגן, אַז איך וואונדער זיך מסתמא, וואָס ער לערנט גאָר משניות פרייטאָג אין דער אר״י שוהל.

ער הייסט ר׳ שמשון וואַרוויק, אַ צפת׳ער. ער האָט זיך דאָ אויפגעהאָדעוועט און פלאַנט קיינמאָל ניט צו פאַרלאָזן צפת. ער פאַסט־אויף אויף דער שוהל, און ביים לייענען די תורה קלייבט ער אויס וועמען אויפצורופן.

ר׳ שמשון דערציילט, אַז דאָ וואו עס שטייען היינט די אר״י שוהלן האָט גאָר אייגנטליך דער אר״י ניט געדאַוונט. דאָ וואו די שוהלן שטייען היינט איז אין יענע צייטן געווען באַרג און פעלז. נאָר פרייטיק פאַר קבלת שבת פלעגט דער אר״י און זיינע „יונגע לייבן״ אַרויסקומען אַהערצו אין פעלד צו באַגעגענען די מלכה שבת נאָך איידער זי קומט אַריין אין צפת. צווישן דער חבריא איז דאַמאָלסט אויך געווען ר׳ שלמה אלקבץ, דער מחבר פון „לכה דודי״, וועלכער האָט טאַקע מעגליך דאָ אויפן אָרט אויסגעפלאַכטן זיינע חרוזים וואָס אידן זאָגן שוין הונדערטער יאָרן צו קבלת שבת.

בעת דער גרויסער ערד ציטערניש אין צפת אין תקצ״ז (1837) איז די שוהל חרוב געוואָרן און איז שפּעטער צוריקגעבויט געוואָרן.

— און ווי גייט עס אַנ׳אַלטן אידן אין צפת אין אַ אידישער מדינה ?... האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד וועגן דער ערד־ציטערניש.

— איך זאָג זיי, די אונגאַרישע אידן, אַז אויב מיר וואָלטן ווערט געווען וואָלט אַלץ געווען בעסער... אידן אין צפת איז נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען ווי היינט — האָט ר׳ שמשון אָנגעפאַנגען אַ לענגערן שמועס.

ביי ר׳ שמשונ׳ען גייען דער היינט און דער נעכטן צוזאַמען און עס בינדן זיך ביי אים די געשעענישן אין צפת היינט מיט מעשות און סיפּורים פון אַמאָל.

...איר הערט ?... דער אר״י האָט אַמאָל צונויפגערופן די תלמידים אַ פרייטאָג בייטאָג און זיי געזאָגט „לאָמיר גיין קיין ירושלים״... די תלמידים האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך שטאַרק געקווענקלט... פון צפת קיין ירושלים אויף אַנ׳אייזל דאַרף נעמען אַ היבשע פּאָר טעג אויב ניט וואָכן, איז ווי קען מען זיך עס לאָזן אין וועג אַריין פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג ?... שפּעטער האָט דער אר״י געהאַט דערפון גרויס צער און געזאָגט צו די תלמידים זיינע „איר האָט פאַרשפּעטיקט״ !...

ר׳ שמשון גייט ניט אַריין אין אויפקלערן דעם נמשל, אָבער ס׳איז קלאָר וואָס ער מיינט. אפשר האָבן מיר אויך פאַרשפּעטיקט ?... און אפשר פאַרשפּעטיקן מיר נאָך אויך איצט מיט אונזערע קווענקלע־נישן ?...

אין דער זעלבער אר״י שוהל האָב איך געזען ר׳ שמשונ׳ען אויף מאָרגען ביי שלש סעודות, ווי ער איז געזעסן מיט אַ מנין אידן אין אַ קליין זייטיק חדר׳ל אַן פענסטער און געזונגען דעם אר״י׳ס „בני היכלא״ מיט אַזאַ דביקות און התלהבות, וואָס נאָר דעם אר״י׳ס

אַ זמר אין דעם אר״י׳ס שוהל קען אַרויסרופֿן. אין דער גרויסער שוהל האָט מען שוין געענדיקט דאַווענען מעריב, נאָר דאָ אין ענגן טונקעלען חדר׳ל האָט מען נאָך געהאַלטן ביי „בחדותא דזעיר אַנפּין״.

אין דער צווייטער אר״י שוהל, אַנטקעגנאיבער, איז געשטאַנען דער רב פון צפת ר׳ שמחה קאַפּלאַן, אַ געוועזענער מירער תלמיד, און געהאַלטן זיין שבת נחמו דרשה אַריינגעפּאַסט אין דער פּרשה פון דער וואָך, פּרשת ואתחנן. מיר האָבן היינט אַנ׳אייגענע מדינה מיט אַנ׳אייגענער משטרה, האָט ער געזאָגט, און מיר מיינען, אַז מיר האָבן שוין מלכות. אָבער ארץ ישראל מיינט מער ווי אַנ׳אייגענע משטרה, האָט ער אויפגעהויבן זיין שטימע, ארץ ישראל מיינט אַ קדושה׳דיקע השראה...

און די דאָזיקע קדושה׳דיקע השראה זעט זיך זעהר ווייניק אָן אין דער הויך אויף רחוב ירושלים וואו די ווענט זיינען פאַרשמירט מיט פּלאַקאַטן וועגן אַ פילם „יחסים מסוכנים״ (געפערליכע באַציאונגען) וואָס אפילו פּאַריז האָט פאַרבאָטן, אָבער אין צפת — גרויסט זיך דער פּלאַקאַט — קען מען עס זען.

און אפילו אונטן אין די אַלטע געסלעך וואו ס׳געפינט זיך די באַהעמישע „קרית האמנים״ לאָזט מען אייך ניט אַריינגיין שבת סיידן איר באַצאָלט פריער פאַר אַ בילעט.

אויף דער וועראַנדע פון נייעם לוקסוריעזן האָטעל „מצפור״ שפּילט אַן אָרקעסטער אַמעריקאַנער מוזיק, און די טענץ זיינען זעהר וויט פון די אַמאָליקע ריקודים אין צפת.

צפת איז געוואָרן און ווערט אַלץ מער און מער אַ רעזאָרט־שטאָט וואוהין מענשן קומען זיך אָפּקילן פון די תל אביב׳ער חאַמסינס און אַריינאָטעמען אין זיך אַביסל קלאָרע גליל׳דיקע לופט.

אָבער צו דער זעלבער צייט ברענגען זיי מיט מיט זיך שטיקער דיזענגאָף־סקווער, וועלכע רייסן לעבעדיקע שטיקער פון דער אַלטער צפת.

אַ גאַנצן שבת׳דיקן מעת־לעת, וואו איך בין נאָר געגאַנגען, האָב איך באַמערקט אַן עלטערן אידן מיט אַ ווייסן גאַרטל אויף אַ שוואַרצער קאַפּאָטע און די שטריימל אין האַנט. פריער אין שול, שפּעטער אויף רחוב ירושלים און אפילו אין דעם נייעם גאַרטן וואָס קוקט אַריבער צום אַנטקעגנדיקן הר כנען. ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, נאָר געהאַלטן אין גיין און גיין און מיט קיינעם אויך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

וואו ס׳איז געשטאַנען אַ רעדל מענשן איז ער צוגעגאַנגען, צוגעלייגט אַן אויער פאַר אַ פּאָר סעקונדן און אַוועק.

כ׳בין געווען נייגעריק צו וויסן וואָס דער איד זוכט, אָבער ווי קען אַ גאַסט פון דער פרעמד גיין פרעגן אַ זקן פון צפת וואָס ער זוכט אין זיין אייגענער שטאָט.

און אַביסל האָב איך זיך אויך געשראָקן פאַר דעם ענטפער וואָס ער וואָלט מיר געגעבן:

— איך זוך מיין צפת, די צפת פון נעכטן...

אויפן אַלטן בית עולם אין צפת

קברים פון צדיקים און גאונים פון אַמאָל, און פון גבורים און קדושים פון היינט — דער איד וואָס האַלט אָפן די „בית יוסף" שול — דער נס וואָס האָט פּאַסירט מיט צפת.

גראד אין צפת, די שטאָט וואָס איז אויסגעוויקט אין דער קדושה פון אירע מקובלים און די תורה פון אירע גאונים פון אַמאָל, דווקא דאָ שטויסט איר זיך אָן מער ווי אומעטום אין דער גבורה פון היינט, וואָס אידישע קינדער האָבן אַרויסגעוויזן אין פאַרטיידיקן די אידישע צפת אין די קריטישע טעג פון דער באַפרייאונגס־מלחמה.

אין צפת מער ווי אומעטום איז כמעט אויף יעדער גרעסערער געביידע דאָ אַ טאָוול מיט אַ נאָמען פון אַ יונגן אידישן בחור וואָס איז דאָ אויפן אָרט געפאַלן.

צפת׳ער אידן גייען שוין פאַרביי די דאָזיקע הייזער אָן אַ פינטל מיט אַן אויג זאָגאַר. אָבער פאַר אַ גאַסט פון אַמעריקע איז יעדער טאָוול אַן אָפּשטעל־פּונקט, וואָס רופט אַרויס נישט בלויז באַוואונדערונג און פאַרערונג, נאָר טאַקע אויך אַ געפיל פון פאַרוואורף אויף דער אייגענער קליינליכקייט אַנטקעגן דעם פּרייז וואָס אָט די קדושים האָבן באַצאָלט, כדי אַ איד זאָל קענען היינט גיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אין צפת.

ווי נאַריש און נישטיק איז אונזער אַמעריקאַנער באַגריף פון מסירת נפש ווען איר שטייט לעבן אָט די טאָוולען מיט נעמען פון 18־יאָריקע און 19־יאָריקע אידישע קינדער, וואָס זיינען געפאַלן אָט דאָ לעבן די געביידעס אַרום וועלכע עס טומלט איצט אַ ברויזענדע

און וואָקסענדע אידישע צפת מיט נייע שיכונים און נייע גאַסן און נייע איינוואוינער.

יהושע אוחנא, עמישלום מיליקובסקי, אברהם שחרור, יצחק הוכמן, זאב כהן — דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר פון די נעמען וואָס איך האָב פאַרנאָטירט פון די טאָוולען. איינער איז געפאַלן ביים צוברענגען עסן און געווער צו די קעמפער וואָס זיינען געווען באַלאַגערט אינעווייניק פון דער געביידע; אַ צווייטער איז געפאַלן ביים אויפהויבן די אידישע פאָן צום ערשטן מאָל אויף דער געביידע פון דער ענגלישער פּאָליציי, וואו ס'איז היינט די ביוראָ פון לאָקאַלן משרד האוצר, און אַזוי אַ דריטער, אַ פערטער און אַ פינפ־טער. די וואַנט פון דער דאָזיקער געביידע איז נאָך היינט דורכגעלע־כערט ווי אַ רעשעטע פון די קוילן וואָס זיינען אַהין אַריינגעשאָסן געוואָרן.

אויף איינער פון די שענערע געביידעס אויף רחוב ירושלים איז אויפגעקלאַפּט אַ טאָוול מיטן נאָמען פון אַ יונגן בחור, וואָס איז דאָ געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דאָס הויז, און גלייך דערביי הענגט אַ שילד, אַז קיינער אויסער די געסט פון פענסיאָן וואָס געפינען זיך דאָ היינט, טאָרן זיך נישט באַשיצן פון דער זון אונטער די שאָטנדיקע ביימער אויפן הויף.

אַ באַזוכער אין צפת טאָר נישט פאַרפעלן צו באַזוכן דעם אַלטן בית עולם וואו עס רוען די אַמאָליקע גאוני וקדושי צפת, אָבער גלייך ביים שטעלן די ערשטע טריט אויפן אַלטן בית עולם באַגעגנט איר ווידער פנים אל פנים אידישע גבורה פון היינט.

אָט איז אַ גאַנצע ריי מיט מצבות וואָס האָבן אויף זיך די זעלבע נעמען וואָס די טאָוולען אויף די געביידעס אין שטאָט. ביים זייט לעבן די מצבות שטייט אַ פלאַכע מצבה מיטן נאָמען פון אַ פרוי. זי איז געווען אַ מאַמע פון זעקס יונגע קינדער, און ווען צפת'ער אידישע בחורים זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט איז זי אַרומגעלאָפן מיט באַנדאַזשן און געהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט, ביז זי

איז אַליין געפאַלן אין אַ טײַך בלוט. ווען די געפאַלענע זײַנען אויפגעקליבן און געבראַכט געוואָרן צו קבורה, איז איר אָרט באַשטימט געוואָרן צווישן די גיבורים און קדושים פון צפת.

אַ פּאַרל, ער מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, קומט צו און פרעגט בײַ אונזער באַגלייטער וואו עס געפינט זיך דאָ דער קבר פון נתן וועקסלער. ער איז אומגעקומען אין דער אַרמיי פון אַן אומגליקס־פאַל בעת מאַנעוורעס, בלויז עטליכע טריט פון אים. דער געוועזענער חבר איז געקומען אָפּשטאַטן אַ באַזוך אויף זײַן פרישן קבר און פאַרגיסן אַ טרער אויף אַ יונג פאַרשניטן לעבן.

אויפן וועג צום קבר פון אר״י בלײַבט איר מיטאַמאָל שטיין בײַ אַ נאָמען וואס לייענט זיך אַרונטער פון אַ שטיין, אַ נאָמען, וואָס מאַכט אײַך אײַנגאַנצן אויפציטערן און לאָזט אַדורך אַן עלעקטרישן שטראָם דורך אײַער גאַנץ וועזן.

דוב גרונר... כ״ז ניסן תש״ז.

די ענגלענדער האָבן אים געפירט צו דער תליה און ער האָט ניט געבעטן בײַ זיי קיין רחמנות.

...אשר עלה לגרדום בשירת החירות.

ער איז געגאַנגען צו דער תליה מיט דעם געזאַנג פון פרײַהייט.

אַרום אים שטייען מצבות פון חברים זײַנע, אליעזר קשאני, יחיאל דוב ברזנר, מרדכי אלקחי, אבשלום חביב, מאיר נקר, יעקב וויס.

אַ פרוי מיט אַ טיכל וואָס האָט זיך געכוואַליעט פון ווינט און מיט עטליכע יאָרצייט־גלעזער אין האַנט איז צוגעקומען און זיך נאָכגעפרעגט וואו דער קבר פון אר״י איז.

זי האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז דאָ ליגן זיבן קדושים וואָס האָבן אויף זייער שטייגער, און מיט זייערע לעבנס, אויסגעדריקט

די בענקשאַפט נאָך ציון וואָס דער אר״י האָט דאָ פאַרוואָרצלט אין דער צפת׳ער ערד און אין דער צפת׳ער לופט.

טאַקע האַרט לעבן אר״י ליגט דאָך ר׳ שלמה אלקבץ, דער גרויסער משורר, וואָס האָט אין זיין „לכה דודי״ אויסגערופן „קומי צאי מתוך ההפכה, רב לך שבת בעמק הבכא״. ווער נאָך אַזוי ווי אָט די יונגעלייט האָט דערהערט דעם רוף פון „קומי צאי מתוך ההפכה״?... אוודאי וואָלט אַ סך בעסער געווען ווען עס ווערט מקוים ר׳ שלמה אלקבצ׳ס „על יד בן ישי בית הלחמי קרבה אל נפשי גאלה״, אָבער ווער קען האָבן טענות צו אידישע קינדער וואָס האָבן נאָך אַזאַ גרויסן חורבן און נאָך אַזאַ לאַנגן וואַרטן, אַליין גענומען אָפטרייסלען פון זיך די שטויב פון גלות און זיך גענומען גרייטן צו אַן אייגענער מלוכה?...

ס׳איז אפשר ניט אין דער היינטיקער מאָדע פון קנאות צו ריידן אַזעלכע רייד, אָבער ווען איר שטייט לעבן קברים פון יונגע אידישע זין, וועלכע האָבן פריווויליקערהייט אויסגעקליבן דעם וועג צו דער תליה, פאַרלירט די קנאות פון רייד איר גאַנצן ווערט.

און ס׳איז זיכער דאָ אַ פאַדים וואָס פאַרבינדט די רייען מיט קברים פון די אַמאָליקע צפת׳ער מיט די פרישע קברים פון די היינטיקע צפת׳ער אונטער זייערע נייע מצבות, וואָס האָבן אויף זיך דאַטומס, יאָרצייטן פון אונזערע אייגענע טעג. ס׳איז איין אומשעצ־באַרע קייט פון אַ פאָלק׳ס אויסגיין אין בענקשאַפט נאָך זיין צוגעזאָגט לאַנד.

די פרוי וואָס האָט געזוכט דעם אר״י׳ס קבר האָט ענדליך דערגרייכט דעם באַרג־אַראָפּ וואו דער קבר געפינט זיך און זי האָט געקעמפט אומאויפהערליך קעגן דעם ווינט, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין אויסלעשן אירע יאָרצייט־גלעזער וואָס זי האָט מיטגעבראַכט. דער קבר פון אר״י האָט נישט אויף זיך קיין שום אויפשריפט, אַחוץ די חתימות פון מענטשן וואָס שרייבן אויף זייערע אייגענע נעמען אויפן ווייסן קאַלך וואָס באַדעקט דעם שטיין איבערן קבר.

דער צפת׳ער בית עולם איז אַזוי איבערפולט מיט קברים, אַז ס׳איז כמעט אוממעגליך צו שטעלן אַ טראָט און זײַן זיכער, אַז איר טרעט נישט אויף אַ קבר אָדער גאָר אויף עצמות. פאַראַן מצבות, וואָס זײַנען שוין אַזוי טיף אײַנגעזונקען, אַז פון אויבן קוקט עס אויס ווי גלאַטיק באָדן, אָבער עס האָט שוין געטראָפן פילע מאָל, אַז ביים גראָבן אַ נײַעם קבר האָט מען אויפן זעלבן אָרט געפונען אַ פריערדיקן קבר. די רבנות הראשית איז דעריבער באַשטאַנען, אַז דער אַלטער בית עולם זאָל מער נישט געטשעפּעט ווערן און נײַע קברים זאָלן געגראָבן ווערן גאָר אונטן, אויף אַ נײַ שטח לאַנד, וואו ס׳איז קיינמאָל קיין בית הקברות נישט געווען. אין צפת גופא איז אַרום דעם אַנגעגאַנגען אַ גאַנץ העפטיקער קאַמף, ווייל די חברה קדישא האָט זיך שטאַרק געקוואָפּעט אויף די קבורה־געלט וואָס אידן גיבן פאַר אַן אָרט אויפן אַלטן בית עולם, אָבער לעצטנס איז שוין די תקנה פון דער רבנות הראשית אָנגענומען געוואָרן און דער אַלטער בית־עולם ווערט מער נישט גענוצט פאַר נײַע קברים.

די גבורה פון צפת איז אָבער צו געפינען נישט בלויז אויפן בית עולם און אויף די טאָוולען מיט די נעמען פון די געפאַלענע.

איך האָב אויך געטראָפן די זעלבע סאָרט גבורה אין דער אַלטער בית יוסף שוהל, וועלכע געפינט זיך בלויז עטליכע טריט פון דער אר״י שוהל.

אין קעגנזאַץ צו די אר״י שולן איז די בית יוסף שול געווען כמעט ווי ליידיקלעך שבת אינדערפרי צום דאַווענען. אָט דאָ אין שול האָט געדאַוונט און געלערנט דער גרויסער ר׳ יוסף קאַרו פון וועמענס „שולחן ערוך״ מיר לעבן נאָך עד היום. אונטן איז געווען זײַן וואוינונג, און דאָ איז יעדן פרייטאָג צו־נאַכט געקומען אַ מגיד פון הימל און אים אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע סודות. אָט דאָ אויף דעם קליינינקן שטיקעלע באָדן וואו ס׳שטייט די „בית יוסף״ שול האָט זיך דאָך געפונען אַמאָל די גאַנצע אידישע וועלט מיט אירע ד׳ חלקי שולחן ערוך, וועלכע נעמען אַרום דעם גאַנצן לעבן פון אַ אידן, פון

אָנפאַנג ביז צום סוף. היינט איז פון דער אַמאָליקער גלאָררייכער ספרד׳ישער צפת געבליבן אַ קליין הייפעלע עקשנים, וועלכע ווילן נישט אָוועקגיין, כאָטש ס׳איז ליידער נישטאָ צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זאָלן פאַרשטיין אַ קשיא פון בית יוסף אויפן טור אָדער אַ תירוץ פון כסף משנה אויף דעם רמב״ם, צוויי פון די קרוין־ווערק פון ר׳ יוסף קאַרו.

די העכער צענדליק מתפללים, וואָס זיינען געזעסן אויף די ניי־דעריקע בענק אַרום די ווענט, זיינען געווען אירראָפעאיש געקליידעט. בלויז איינער, אַ זקן, וואָס איז געזעסן ביי דער מערב וואַנט, האָט געטראָגן אויף זיך דעם אַלטן ספרד׳ישן טראַכט, אַ מין לאַנג קלייד און טורבאַן. די פּאָליצעס אויף וועלכע עס ליגן ספרים יקרי המציאות האָבן אויסגעקוקט פאַרשטויבט און אומבאַרירט פאַר אַ לאַנגער צייט. די ספרים זיינען פון דרוקן פון אַראַבישע לענדער און פון מחברים וואָס זייערע נעמען זיינען אומבאַקאַנט אין די היינטיקע לומד׳ישע קרייזן.

ווען איך בין אויף מאָרגן, זונטאָג, געקומען נאָכאַמאָל אין דער „בית יוסף״ שול צו באַצאָלן אַ „שנדר״ פאַר דער שבת׳דיקער עליה, איז אין דרויסן געזעסן, מיט די פיס אונטער זיך, אַן אַלטער איד מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ און געהאַלטן אַ זוהר צוגערוקט נאָענט צו זיינע צוויי קלייניקע אויגן־לעכלעך און געהאַלטן אין איין זאָגן און זאָגן. ס׳איז אים געווען שווערליך די עברי פון זוהר און פונם טייטש פון די ווערטער האָט ער קיין אַהנונג ניט געהאַט.

ווער ווייס צי די שול פון בית יוסף וואָלט אינגאַנצן היינט עקזיסטירט ווען ניט ר׳ משה בן שמעון, וועלכער האָט זיך צוריק־געקערט קיין צפת פון קאָלאָמביע, ווייל אַזוי האָט זיין טאַטע אים אָנגעזאָגט אין דער צוואה. אַ טאַבעלע אויף דער דרום־וואַנט דערציילט, אַז די שול האָט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ צו משה בן שמעון, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע צוליב דער שול.

זיין טאַטע, וועלכער איז געווען דער רב פון די ספרדים אין צפת, האָט אים פאַרן טויט געשריבן קיין קאָלאָמביע, אַז ער מוז צוריקקומען אַהיים און אויפהאַלטן די שול. ער האָט זיך שוין דאָרט פיין איינגעאָרדנט און געהאַט אַ פיינע פּרנסה, אָבער אַז די שול פון בית יוסף רופט, האָט ער איבערגעלאָזט די גליקן אין קאָלאָמביע און איז צוריקגעקומען קיין צפת. ער איז אַ טאַטע פון 12 קינדער, קיין עין הרע, אַלע טעכטער זיינען פאַרהייראַט צו אשכנזים, איין זון איז אַ פליער אין דער ישראל אַרמיי, און אַ זון און צוויי טעכטער געפינען זיך אין אַמעריקע. אין זכות פון זיין אויפהאַלטן די שול פון בית יוסף, זאָגט ער, האָט אים דער רבונו של עולם געבענטשט מיט נחת פון די קינדער.

ס'איז שווערליך מיט פּרנסה, אַ סך שווערער ווי אין קאָלאָמביע, אָבער משה בן שמעון באַקלאָגט זיך ניט. אַבי דעם בית יוסף'ס שול איז נאָך אָפן.

אָבער וואָס וועט זיין מיט דער שול אין אַ צוויי צענדליק יאָר פון היינט, ווען די עקשנות פון אַזאַ אידן ווי משה בן שמעון וועט שוין באַלאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהייט?... און וואָס וועט זיין בכלל מיט די אַלטע ליימענע כאַלופּקעלעך אויף די שמאָלע געסלעך פון צפת, וועלכע זיינען שוין האַלב־ליידיקע?

דער וויצע־מעיאָר, ר' ישראל חיים בערקאָוויץ זאָגט, אַז די עיריה האָט אַ פּלאַן אויסצובויען דאָרט נייע הייזער, מער מאָדערנע און באַקוועמערע, אָבער אין סטיל פון די אַלטע, וועלכע זיינען פון אַן אויסגעוויינליך היסטאָרישער וויכטיקייט.

די פראַגע איז אָבער, צי דער סטיל פון דער אַלטער צפת וועט קענען פּרעזערווירט ווערן בלויז דורכן געבוי פון די הייזער, אָן דער נשמה פון דער אַלטער צפת.

די פּוילישע אידן, וואָס האָבן זיך, קיין עין הרע, פיין אַרויפגעאַרבעט אין ישראל און קומען מיט זייערע אייגענע אויטאָמאָבילן צו פאַרברענגען אַ לוסטיקן וויק־ענד אין לוקסוריעזן האָטעל „רקפת",

עטליכע טריט פון די אר״י און בית יוסף שולן, זיי ליגט ניט די אַלטע צפת אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. זיי הוליען און פאַר־ברענגען, ווי זיי וואָלטן וועלן אָניאָגן די פאַרלוירענע יאָרן אין די נאַצי־לאַגערן און אין די פאַרטיזאַנען וועלדער, און זיי האַלטן אין איין קנאַקן אויף פּויליש ווי זיי וואָלטן געווען פּילסודסקי׳ס יורשים, ניט די יורשים פון די ריזן פון אידישן גייסט, וואָס האָבן דאָ געטראָטן אויפן זעלבן באָדן, אויף די הערלעכע בערג און טאָלן, וואָס זיי באַוואונדערן פון די טעראַסן מיט די זעלבע וואָכעדיקע אויגן, ווי זיי באַוואונדערן די אַלפּן־בערג ווען זיי פאָרן קיין שווייצאַריע.

אָבער מערקווירדיק, אַלע מיט וועמען נאָר איר רעדט, מיט פרייע אַזוי גוט ווי פרומע, דערציילן אייך, אַז מיט צפת איז געשען אַ גרויסער נס בעת דער מלחמה.

די אַראַבער האָבן פון דער הויך געהאַט די אויבערהאַנט און עס האָט אויסגעקוקט ווי זיי וועלן איבערוועלטיקן די קליינע הייפעלע אידישע קעמפער, וועלכע האָבן שוין באַלד ניט געהאַט מיט וואָס צו קעמפן.

מיטאַמאָל האָט אָנגעפאַנגען דונערן, און אַזעלכע דונערן, וואָס צפת האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט. די אַראַבישע פראַים, די אייניקלעך פון יענעם גרויסן פרא אדם, האָבן זיך דערשראָקן פאַר די „אַטאָם באָמבעס״, וואָס די אידן עקספּלאָדירן און זיי האָבן געשטעלט פיס.

די דאָזיקע מעשה הערט איר פון דעם אַלטן ר׳ שמשון אין דער אר״י שול און פון דעם יונגן נהג צבי, וועלכער איז אַליין געווען איינער פון יענע קעמפער אין אונטערשטן טייל פון צפת.

די אַמאָליקע גרויסע צדיקים און גאונים פון צפת האָבן זיך, ווייזט אויס, איינגעשטעלט פאַר זייער עיר הבירה פון גליל העליון.

אַמעריקאַנער ישיבה־בחורים אין ישראל

מייגונגען פון ראשי ישיבה וועגן זייערע אַמעריקאַנער תלמידים — די גרעסטע ספרדישע ישיבה אין דער וועלט — דער עתיד פון תורה אין ישראל און אַמעריקע.

פון מיין איילעגן שפּאַציר איבער אַ צאָל ישיבות אין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון הרב ר׳ אברהם שער, גענעראַל סעקרעטאַר פון ועד הישיבות, וואָלט איך געוואָלט אַרויסנעמען אַ פּאָר בילדער און עפּיזאָדן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די קאָלירפולקייט פון לימוד התורה אין הייליקן לאַנד, וואו די צאָל ישיבות באַטרעפט 181 און די צאָל תלמידים — 12,198 (לויט די לעצטע סטאַטיסטישע ציפערן פון משרד הדתות).

נאָר קודם כל דאַרף מען וויסן, אַז אין ישראל טראָגט נאָך דער נאָמען ישיבה דעם אייראָפּעאישן טייטש. אַ קינדערגאַרטן און אפילו אַ שולע, וואו מען לערנט התחלת גמרא מיט אינגלעך פון פּאָר אָדער באַלד נאָך דער בר מצוה, הייסן נאָך ניט קיין ישיבות אין ישראל. אַ ישיבה־בחור הייסט איינער, וואָס מאכט לכל הפחות אַ פיינעם „לייענען" אין גמרא מיט תוספות, פון פריען עלטער פון 14 אָדער 15 יאָר ביז אַ יונגערמאַן פון עטליכע און דרייסיק, וואָס לערנט נאָך אין אַ כולל. אונזערע אַמעריקאַנער ישיבות קטנות, מיט וועלכע מיר נעמען זיך אַזוי שטאַרק איבער, זיינען לויט דעם ישראל סטאַנדאַרד — חדרים, תלמוד תורה׳ס, אָדער רעליגיעזע שולן, אָבער ניט קיין ישיבות.

אונזער ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין אַ ספרדישער ישיבה, די גרעסטע פון איר סאָרט אין דער גאַנצער אידישער וועלט, מיטן

נאָמען „פּורת יוסף”. די ישיבה, וועלכע געפינט זיך אויף רחוב מלכי ישראל, האַרט בשכנות מיטן גערער הויף, האָט אַזאַ הערליך־גרויסן בית מדרש פאַר די בחורים צום לערנען, וואָס דאָ ביי אונז אין אַמעריקע זעט מען עס גאַרניט, און מען האַלט נאָך אין מיטן בויען. עס פעלט פּלאַץ.

אין אַ ספרדישער ישיבה איז דאָס לערנען אויף העברעאיש ניט קיין חידוש, בפרט נאָך אין אַ מדינה, וואו די שפּראַך פון לאַנד איז העברעאיש. דער חידוש, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן, איז דאָס אַריינדרינגען פון אשכנזישן שטייגער לערנען צווישן די ספרדישע תלמידים. מען אַמפּערט זיך און מען פּלפּול'ט זיך ביי די שטענדערס; און אויף די טישן ליגן ספרים פון מחברים פון פוילן און ליטע.

דאָס אייגנאַרטיק ספרדישע איז די פּאַטריאַרכאַלע פיגור פון אַלטן ראש ישיבה ר' עזרא עטיה, וועלכער באַוועגט זיך קוים גייענדיק אין גאַס, מיט אַ שירעם איבערן קאָפּ צו באַשיצן אים פון דער זון, און מיט די געלאַסענע טריט פון אַ זקן, וואָס איז מיט 63 יאָר צוריק געקומען קיין ירושלים פון ארם צובא און האָט שוין דאָ דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרימס.

— די תורה איז איינס... ניטאָ קיין חילוק ווער דער מחבר פון אַ ספר איז, אַבי נאָר עס איז פון קוואַל פון אונזער תורת חיים — רעדט זיך אַזוי געלאַסן דער אַלטער ספרדישער ראש ישיבה, אויפמישנדיק אַ גמרא מיטן מהרש"א און מיטן מהר"ם שיף, זייט ביי זייט מיטן רי"ף און מיטן רא"ש.

לעבן אַלטן ראש ישיבה אין זיין אָריגינעלן טראַכט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון ארם צובא מיט איבער זעקס צענדליק יאָר צוריק, זיצט דער מנהל פון דער ישיבה, אויך אַ ספרדישער רב, מיטן נאָמען ר' יהודה צדקה (טאָמער פאַרגעסט איר זיין נאָמען, גיט ער אייך אַ סימן דעם פּסוק „ויאמר יהודה צדקה ממני”). ער דער־ציילט מיר, אַז אין דער ישיבה לערנען בחורים פון אַרגענטינע און בראַזיל און פון אַנדערע לענדער, וואו עס געפינען זיך אידן,

וואָס שטאַמען פון אַראַבישע לענדער. פון אַמעריקע זײַנען ניטאָ אין „פורת יוסף" קיין תלמידים, כאָטש עס זײַנען אין אַמעריקע פאַראַן אַ היפּשע צאָל ספרדישע אידן און שולן.

שמועסנדיק מיט דעם עולם אין דער ספרדישער ישיבה, איז גע־קומען צו רייד וועגן דעם ראשי תיבות „ס"ט", וואָס ספרדים גיבן־צו נאָכ'ן נאָמען. געוויינלעך איז אָנגענומען אַז דער ס"ט מיינט „ספרדי טהור", אַ מין באַשטעטיקונג אויפן ריינעם יחוס פון דעם אונטערגע־שריבענעם, אָדער „סופו טוב", אַ ברכה אין סטיל פון אונזער שליט"א אָדער שיחיה. ר' יהודה צדקה, דער מנהל פון „פורת יוסף", האָט אָבער אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז ערגעץ־וואו איז דאָ אַ תרגום, וואָס טײַטשט אָפּ „ואנכי עפר ואפר" מיט „סינא וטינא", און ס"ט איז אַן עניוות'דיקע באַמערקונג אויף דער אייגענער קליינליכקייט, עפר ואפר, וואָס אַ ספרדי גיט־צו באַלד נאָך זײַן נאָמען.

אָבער וואָס דער ראשי תיבות פון ס"ט זאָל ניט זײַן, די באַגע־געניש אין „פורת יוסף" מאַכט אײַך פילן, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט ספרדים, וועלכע טראָגן הויך די פאָן פון זייער יחוס, גרייטן זיך צו גרויסע אונטערנעמונגען אין דער צוקונפט און דערבײַ זײַנען זיי אויך עניוות'דיקע און פריינטליכע מענטשן, ווי אַלע טײַטשן פון ס"ט קענען מיינען.

ניט ווייט פון דער ספרדישער ישיבה שטייט אַ הויז, וואָס איר הויפּט האָט מיט זיך פערזאָניפיצירט ליטווישע לומדות און גדלות אין זייער פולן פאַרנעם, און וואָס זײַנע קינדער נאָך אים גייען אין די זעלבע וועגן.

דאָס הויז פון הרב ר' יוסף בער סאָלאָווייטשיק, דער עלסטער זון פון ר' וועלוועלע בריסקער זצ"ל, אויף רחוב מנחם 2, איז אַ באַשיידענע דירה מיט מעבל, וואָס איז שטאַרק הינטערשטעליק לגבי דער לעצטער מאָדע, אָבער דאָ, אין דער ענגער דירה, קומען זיך צונויף יעדן טאָג אַ היפּשע צאָל בני עליה צו הערן אַ שיעור, וואָס ציט זײַנע פעדים פון דער עמקות און מחשבה פון בריסק — פון ר' יאָשע בער'ן און ר' חיים'ען.

די יונגע בחורים און יונגעלייט, וואָס לערנען ביי ר׳ בערל׳ען, ווי ר׳ וועלוועלע׳ס בכור ווערט אָנגערופן אין דער ירושלימ׳ער ישיבה־וועלט, זיצן און לערנען בקביעות אין דער שכונת אחוה שול, און צום שיעור קומען זיי אין הויז פון ראש ישיבה.

און טאַקע דאָ, אין דער עילוי׳אישער חבורה, וואָס לערנט ביי הרב סאָלאָווייטשיק — אַ קוזין פון אונזער אַמעריקאַנער הרב ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק פון באָסטאָן און ניו יאָרק — האָב איך געטראָפן אַ בחור׳ל פון די בראָנקס, אויף וועמען ירושלימ׳ער לומדים האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז צווישן די בעסטע, אויב ניט דער סאַמע בעסטער תלמיד, אין דער בריסקער חבורה. דאָס בחור׳ל הייסט חיים עוזר גאָרעליק, אַ נאָמען נאָכן גרויסן רב פון ווילנע און אַ זון פון הרב ר׳ ירוחם גאָרעליק פון די בראָנקס, אַ ראש ישיבה אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן און אַליין איינער פון די בני עליה אין דער וועלט פון לומדות און אויך פון מעשים פאַר תורה אין אַמעריקע.

— איר שרייבט זיך דורך מיט אייער באַרימטן קוזין אין אַמעריקע? — האָב איך געוואַגטערהייט אַ פרעג געטאָן ביי הרב סאָלאָווייטשיק פון ירושלים.

— אין בריסק שרייבט מען ניט קיין בריוולעך — איז געקומען אַ גיכער ענטפער מיט אַ צוגאָב, אַז ער האָט זיך יאָ באַגעגנט מיט זיין קוזינ׳ס איידים, הרב דר. אהרן ליכטענשטיין, ווען דער יונגער ראש ישיבה און געלערנטער איז געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל. מיר האָבן גערעדט אין לערנען און ער איז אַ גרויסער למדן, האָט דער ירושלימ׳ער סאָלאָווייטשיק באַמערקט וועגן זיין קוזינ׳ס איידים, וועלכער איז אַ געהילף ראש ישיבה צו זיין שווער אין ישיבת ר׳ יצחק אלחנן און אַ פּראָפעסאָר אין סטוירן קאָלעדזש.

— הייסט עס, אַז עס איז דאָ אָרט פאַר בידן, פאַר תורה און וועלטלעך וויסן?... — האָב איך פּרובירט פרעגן ביי ר׳ בערלען, וויסנדיק ווי שטאַרק אויסגעשפּראָכן דאָס הויז פון בריסק אין ירושלים איז קעגן לערנען עפּעס אַנדערש אַ חוץ תורה.

— אַמאָל געלינגט עס... אַן אויסנאָם... און פון אַן אויס־נאָם ברענגט מען ניט קיין ראיה — האָט ער מיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיין ענטפער.

אַז אין אַמעריקע קענען אויסוואַקסן לומדים, וואָס אַפילו בריסק אין ירושלים זאָל זיי מקרב זיין, איז צו זען ניט בלויז פון דעם עילוי׳אישן תלמיד, חיים עוזר גאָרעליק פון די בראָנקס, נאָר אויך פון דעם אינגסטן איידעם ר׳ וועלוועלע׳ס, וועלכער איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענער ישיבה בחור, וועמען זיין רבי, ר׳ אהרן קאָטלער זצ״ל, האָט פאַר׳שדכ׳נט פאַר ר׳ וועלוועלע׳ס מיזינקע. ר׳ יעקב שיף, דער איידעם, וועגן וועלכן דאָ רעדט זיך, שמ׳ט אין גאַנץ ירושלים מיט זיין תורה און יראת שמים, און זיינע עלטערן אין קראָון הייטס געגענט פון ברוקלין מעגן האָבן אַ סך נחת פון זייער זון.

אויך ר׳ וועלוועלע׳ס עלטערער איידעם, ר׳ מיכל פיינשטיין, איז אַ האַלבער אַמעריקאַנער, האָבנדיק געלעבט אַ היפש ביסל יאָרן אין ניו יאָרק, ביז זיין שווער האָט אים געשריבן ער זאָל קומען צוריק אַהיים קיין ארץ ישראל. היינט פירט אַן ר׳ מיכל מיט אַ כולל אין תל אביב און זיין נאָמען אַלס מרביץ תורה ווערט שטאַרק געלויבט אין דער לומדישער וועלט.

דעם בעסטן אַטעסטאַט אויפן פראָגרעס פון תורה אין אַמעריקע איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון ראש ישיבה פון דער חברונ׳ער ישיבה, הרב ר׳ יחזקאל סרנא, אַן איידעם פון גרויסן גאון ר׳ משה מרדכי עפשטיין פון סלאָבאָדקע.

— ווי קומען אייערע היינטיקע אַמעריקאַנער בחורים צו די אַמאָליקע, וואָס פלעגן קומען לערנען אין אייראָפּעאישע ישיבות?...

— נעמט הרב סרנא פאַנאַנדער די הענט, ווי אונטערצושטרייכן דעם דיסטאַנץ צווישן אַמאָל און היינט. — אַמאָל אַז ס׳איז געקומען אַ בחור פון אַמעריקע אין אַן אייראָפּעאישער ישיבה, האָט ער,

אַפילו דער בעסטער צווישן זיי, געמוזט דינגען אַ פּריוואַטן רבי'ן, וואָס זאָל אים אונטערשטופּן, איבער'חזר'ן מיט אים דעם שיעור און העלפן דורכקריכן דאָס לייענען. היינט קומען צו אונז קיין ארץ ישראל אייערע בחורים און מיר דערקענען אויף זיי ניט, אַז זיי זיינען פון יענער אַמעריקע פון אַמאָל... היינט פאַרשטייען זיי גוט לערנען... זיי זיינען פיינע לומדים...

— מען זאָגט דאָך, אַז אין אַמעריקע איז אַלץ אַ בלאָף... זאָג איך אייך, אַז דער בלאָף אַליין איז אויך אַ בלאָף!... — גיט זיך הרב סרנא אַ זאָג מיט דער פרייד פון אַ ראש ישיבה, ווען ער אַנטפּלעקט אַ נייע סברא. — ניט אַלץ אין אַמעריקע איז בלאָף. אַלנפאַלס, די ישיבה־בחורים, וואָס קומען לערנען פון אַמעריקע, קענען לערנען אויף אַן אמת!...

די צאָל אַמעריקאַנער ישיבה־בחורים אין ישראל גרייכט, לויט אָפיציעלע ציפערן, צווישן פיר און פינף הונדערט, כאָטש פון אַנדערע, אומאָפיציעלע קוואַלן האָב איך געהערט, אַז די צאָל איז אַ סך גרעסער.

אין דער פראַנקפורטער ישיבה „קול תורה", אין בית וגן געגנט פון ירושלים, האָבן מיר דריי אַמעריקאַנער בחורים'לעך געבעטן איבערצוגעבן אַ גרוס אין אַמעריקע.

אַ שפּאַציר איבער די ישיבות אין ירושלים גיט אייך ניט בלויז אַן אַ שיעור דערמוטיקונג וועגן דעם עתיד פון תורה אין הייליקן לאַנד, נאָר איר דערוויסט זיך גאָר דאָרט, אַז אויך אַמע־ריקע פאַרנעמט אַ גאָר חשוב אָרט אויף דער תורה־מאַפּע.

איר זעט אַמעריקאַנער יונגעלייט, מיט וועמען ראשי ישיבות רעכענען זיך. און איר הערט רייד פון ראשי ישיבות, וועלכע מאַכן אייך פילן שטאָלץ מיט דער אַמעריקע, אויף וועלכער מ'האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז איר באָדן איז ניט מוכשר אַרויסצו־געבן קיין בני תורה.

מיט פרעזידענט שזר אין כפר חב״ד

תשעה באב צו קינות אין ליובאַוויטשער דאָרף — די געגנזייטיקע פריינטשאַפט צווישן דעם פרעזידענט מיט די חב״ד׳ער חסידים — זעקס אותיות, אַרויסגעוואַקסענע פון אונטער דער ערד.

ווען דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג׳ס פרעסע ביוראָ אין תל אביב האָט מיר מאָנטיק, ערב תשעה באב, געלאָזט וויסן, אַז פרעזידענט שזר וועט מיך אויפנעמען דעם זעלבן אָוונט נאָך קינות אין כפר חב״ד, האָב איך געפילט אַ דאָפּלטע דאַנקבאַרקייט.

ערשטנס, פון דער געלעגנהייט צו שמועסן אויג אויף אויג מיטן פרעזידענט פון דער מדינה.

און צווייטנס, וואָס דער שמועס וועט זיין אין כפר חב״ד, די קרוין־שטאָט פון חב״ד, וואָס רופט אַרויס אַ ציטערדיק געפיל ביי יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר אַמאָל אָנגערירט אַ חב״ד׳ער קלאַמקע, על אַחת כמה וכמה ביי איינעם, וואָס האָט געהאַט די זכיה פאַר־וויגט צו ווערן נאָך אַלס קינד מיט חב״ד׳ער ניגונים, אָט די זעלבע ניגונים, וואָס היינט וועקן זיי און לאָזן אַ וועלט ניט שלאָפן.

און וואָס מיך האָט הויפּטזעכלעך אינטערעסירט אין שזר׳ן, איז דאָך געווען טאַקע צו דערטאַפּן דעם חב״ד׳ניק אין אים, צו דערגיין, ווי וויט מעגלעך, ווי אַזוי אַ איד, וואָס איז דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן געווען אַוועק פון דעם שליאַך, אויף וועלכן זיין עלטער־זיידע, ר׳ זלמן רובאַשאָוו, איז געגאַנגען צופוס קיין ליובאַוויטש, ווי אַזוי ער האָט זיך אויף דער עלטער צוריק אַ קער געטאָן אין יענער פאַרלאָזטער ריכטונג און איז היינט איינער פון אירע לאָיאַלסטע מענטשן.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס קוקן קרום אויף שזר'ס חסידישע לאָיאַ־ליטעט, און מער ווי אין בן־תורה וועט איך, גלייך ביים דערמאָנען שזר'ס נאָמען, פאַרוואַרפן מיט סגי נהור'דיקע פראַגן, צי ער לייגט תפילין, אָדער צי ער טראָגט ציצית. אַנדערע פרעגן עס טאַקע אויפריכטיקערהייט און אַנדערע פרעגן, ווייל זיי זיינען אפשר מקנא ליובאַוויטש מיט אַזאַ מקורב אין די הויכע פענסטער. דער אמת איז, אַז עס איז צום קרעדיט פון חסידישן חינוך און הדרכה, וואָס אַ קינד האָט אַמאָל געקראָגן פון אַ טאַטן און אַ זיידן, וואָס נאָך אַזויפיל לאַנגע נע־ונד יאָרן פאַנגען זיך אָן פאַר אים אויס־שיילן בילדער פון דער יוגנט און ער הויבט אָן דערנענטערן זיך צוריק צום מקור, פון וועלכן ער האָט אַלס קינד געצויגן זיין יניקה. צווישן די היינטיקע פירער פון אַלע פרייע פאַרטייען אין ישראל זיינען זיכער דאָ געוועזענע ישיבה־בחורים, וואָס זיינען אויף־געוועזן אָן אַ שיעור משמור־נעכט און געהאָרעוועט צו פאַרשטיין אַ שווערן קצות, אָבער דווקא די, וואָס אין זיי קלאַפּט אַ חסידישער אָדער, האָבן דעם ווילן און דעם מוט אַ קער צו טאָן זיך מיטן פנים צוריק, וזער מער און ווער ווייניקער.

דער מעיאַר פון כפר חב"ד, דער באַן־אינזשעניר ר' שלמה מאַדאַנטשיק, זאָגט אויף שזר'ן, אַז ער איז ניט קיין סימפּאַטיקער פון חב"ד, נאָר אַ חב"ד'ניק. דעם פּרעזידענט'ס טיר איז אַלעמאָל אָפן פאַר אים. ער דאַרף נאָר לאָזן וויסן דעם סעקרעטאַר ווען ער קלייבט זיך צו באַזוכן דעם בית הנשיא.

שזר איז אין כפר חב"ד אַן אייגענער, ער איז דאָרט ניט קיין גאַסט, ווייל ער קומט ניט צו קיין פרעמדע. ווען זיין אויטאָ־מאָביל איז צוגעקומען נאָענט צו דער שול, איז ער אַרויס מיט שנעלע טריט, ווייל עס איז שוין געווען שפּעטלעך און דער עולם האָט אויף אים געוואַרט מיט מעריב.

ביי מעריב און שפּעטער ביים זאָגן קינות, איז שזר געווען איינער פון עולם, ניט ווי אַ פּרעזידענט, וואָס איז געקומען דאַוונען.

ער האָט געדאַוונט ווי אַ איד, וואָס איז אַ רגיל אין דאַוונען און האָט נאָכגעזאָגט שטילערהייט די פּסוקים פון איכה, מיט האַרץ און געפיל.

דער פּרעזידענט איז געזעסן אויף דער ערד, נעבן דעם אָרון קודש מיטן אַרונטערגענומענעם פּרוכת און מיט אַ ליכטל אין האַנט, און האָט נאָכגעפאָלגט וואָרט־אין־וואָרט דאָס לייענען די מגילה פון חורבן.

איינער פון זיינע געהילפן האָט אים, פאַר מעריב, צוגעטראָגן אַ פּאָר שטעק־שיך, וואָס ער האָט אָנגעטאָן, נאָכן אויסטאָן די שיך.

נאָך איכה האָט דער פּרעזידענט געזאָגט צום רב פון כפר חב״ד, דער אַלטער הרב ר׳ שניאור זלמן גאָרעליק, אַז זיין זיידע פלעגט תשעה באב, נאָך קינות, פאַרוואַרפן די קינה, ווי אַ סימבאָל פון האָפענונג אויף דער גאולה, ווען מ׳וועט שוין ניט דאַרפן זאָגן מער קיין קינות.

דער רב פון כפר חב״ד — וועלכער טראָגט דעם זעלבן נאָמען וואָס דער נשיא — האָט אויף דעם באַמערקט, אַז אין זכות פון דעם, וואָס דער נשיא פון דער מדינה קומט אין שול קלאָגן אויפן חורבן, זאָל טאַקע קומען משיח און ברענגען די גאולה שלימה.

דאָס גאַנצע דאָרף מיט חסידים — מענער, פרויען און קינדער — זיינען געווען פאַרזאַמלט אין און אַרום דער גרויסער שול. ביים טיר זיינען געזעסן די צווייי מאָטאָרציקל־פּאָליסלייט, וואָס זיינען געפאָרן פאַראויס פון דעם פּרעזידענט׳ס אויטאָ. אויך זיי זיינען געזעסן אויף דער ערד געהערט דאָס לייענען פון מגילת איכה. דעם פּרעזידענט׳ס באַגלייטער, סגן אַלוף אריה רייז, אַ לאַנדסמאַן פון סטאַניסלאַוו, גאַליציע, איז געזעסן נעבן פּרעזידענט.

די עלעקטרישע באַלייכטונג פון שול איז געווען אינגאַנצן אויסגעלאָשן, און די ליכטלעך אין די הענט פון די מתפּללים האָבן געפינקלט מיט זייערע קליינע פייערלעך. דער רב און דער פּרעזידענט

זײַנען געזעסן אויבן־אָן און געהערט, ווי ר׳ אבא לעווין, אַ איד פון כפר חב״ד, לייענט הויך אויפן קול, מיטן טרויעריקן ניגון פון תשעה באב, די מגילה פון חורבן בית המקדש.

אינדרויסן איז דער הימל געווען זילבער־בלוי און אויסגע־שטערנט, און דורך די פענסטער פון די הײַזער אין דאָרף האָבן זיך געזען ליכטיקע אידישע הימען, וועלכע האָבן הינטער זיך אַן איגענע פאַרגאַנגענהייט פון חורבן און קאַמף.

כפר חב״ד איז פאַר שזר׳ן, און פאַר אַלע פריינט פון חב״ד, די צונויפגיסונג פון דעם שענסטן אין דער רייכער חב״ד׳ער ירושה, מיט דער הייליקער ערד פון ארץ ישראל, אַ צונויפגיסונג וואָס איז אָנגעפאַנגען געוואָרן נאָך אין די צייטן פון אַלטן רבי׳ן און איז פאַרגעזעצט געוואָרן דורך אַלע וויטערדיקע חב״ד׳ער רביים. דער פינפטער רבי פון חב״ד, ר׳ שלום בער (דער פאָטער פון רבי׳ן ר׳ יוסף יצחק), איז געווען איינער פון די שאַרפסטע באַ־קעמפער פון מאָדערנעם ציוניזם, און גראָד ער איז געווען דער גרינדער פון אַ ליובאַוויטשער ישיבה, תורת אמת, אין חברון, שיקנדיק אַהין אין תרע״ד (1914) אַ גרופּע פון די בעסטע בחורים פון דער ליובאַוויטשער ישיבה אין רוסלאַנד.

פון אַלע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אין כפר חב״ד, אַרומשפּאַצירנדיק איבערן דאָרף מיטן מנהל פון די דאָרטיקע מוסדות, הרב ר׳ אפרים וואָלף, איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין מוח און אין האַרץ דאָס בילד פון דעם נאָמען פונעם דאָרף, אויסגעמאָלן אין לעבעדיקע, וואַקסנדע, גרינע ביימעלעך.

די שילד פון כפר חב״ד,ביים אַריינפאָרן פון כביש תל אביב־ירושלים, איז ניט געמאַכט פון קיין שטאָל אָדער אַפילו פון האָלץ, נאָר פון ביימעלעך, וואָס וואַקסן אַרויס פון אונטער דער ערד און זײַנען אַזוי פאַרפלאַנצט געוואָרן, אַז זיי לייענען זיך „כפר חב״ד".

אויך די אידן פון כפר חב״ד זײַנען אַרויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד און זייער געשיכטע פון העראָאיזם קען זיך פאַרגלײַכן מיט די העלדישסטע גבורות פון די מאָדערנע חלוצים אין ישראל.

האָט מען אין רוסלאַנד צוגעמאַכט אַ חדר אין איין שטאָט, איז עס צומאָרגנס אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדער שטאָט. האָט מען איין מלמד אַוועקגעשיקט קיין סיביר, איז צומאָרגנס געקומען אַן אַנדערער, וועלכער איז אויך געווען גרייט פאַר סיביר און אַפילו פאַר נאָך ערגערס.

אין 1949 זײַנען די דאָזיקע אידן אויסגעוואַקסן אין הייליקן לאַנד, און טאַקע מיט דער הילף פון היינטיקן פּרעזידענט שזר זײַנען זיי פאַרפלאַנצט געוואָרן אין אַ געוועזן אַראַביש דאָרף, וואָס פאַרנעמט אַן ערך דריי טויזנט דונאַם לאַנד, צווישן דער אײַזנבאַן־ליניע פון ירושלים־תל אביב פון איין זייט און דעם כביש ירושלים־תל אביב פון דער אַנדערער זייט.

ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט ווי נאָענט די באַן־ליניע איז צו דער אַראַבישער גרענעץ, איז צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט זיך אין יאָר 1956 אַרײַנבאַקומען אין דאָרף אַ באַנדע אַראַבישע פעדאַאינען און דאָרט דערמאָרדעט פינף קינדער און אַ לערער, אינמיטן דאַווענען מנחה. די ביימעלעך פון כפר חב״ד האָבן זיך דעמאָלט אַ בויג געטאָן אויף אַ ווײַלע, אָבער דאָס געשטאַלט פון זייער פאַרפלאַנצער, דער רבי ר׳ יוסף יצחק, און די מוטיק־טרייסטנדע האַנט פון היינטיקן רבי׳ן פון דער ווייטנס אין ברוקלין, האָבן זיי געהאָלפן דורכטראָגן יענע שווערע שעה. די צווייגעלעך האָבן ניט נאָר צוריקגעקראָגן זייער פריערדיקע גלײַכגעוויכט, נאָר זיי האָבן זיך ערשט אָנגעפאַנגען צו פאַנאַנדער־וואַקסן מיט מער אימפעט און שוואונג און זייער אַראָמאַט האָט זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטן איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד.

איך בין געשטאַנען לעבן יענעם פאַרזיגלטן צימער, וואו עס זײַנען געפאַלן די זעקס קרבנות דורך די אַראַבישע קוילן, און פאַר

די אויגן איז מיר אַנטקעגנגעקומען יענער טרויעריקער פרימאָרגן אין 770 איסטערן פּאַרקוויי, באַלד ווי די ידיעה האָט אַהין געגרייכט. ניט צו רירן זיך פון די ערטער — איז געקומען דער באַפעל פון רבי'ן, און די אידן זיינען געבליבן אין דאָרף און אויפגעבויט נייע הייזער פאַר זיך און נייע ישיבות און מוסדות, וואָס ניט נאָר אַ דאָרף, נאָר אַ מדינה אַ גאַנצע מעג מיט זיי שטאָלצירן.

געקומען זיינען לכתחילה קיין כפר חב"ד אַרום זעכציק משפחות, וועמען דער רבי ר' יוסף יצחק האָט געהייסן פאָרן קיין ארץ ישראל און גרינדען דעם ערשטן חב"ד'ער ישוב, וואָס באַ־שטייט אינגאַנצן פון חב"ד'ער חסידים. היינט זיינען אין דאָרף פאַראַן, ווי דער מעיאָר גיט איבער, אַרום צוויי הונדערט משפחות, צווישן זיי אויך צוואַנציק געקומענע פון מאַראָקאָ, וואו חב"ד איז אויך אויף דער וואַך. די מאַראָקאַנער האָבן זיך זייער אייגענעם מנין אין דאָרף, ווייל כאָטש זיי דאַוונען שוין נוסח אר"י, קענען זיי זיך נאָך ניט צוגעוואוינען צו דער אשכנזי'ישער הברה, וואָס ווערט גענוצט ביים דאַוונען אין דער גרויסער שול.

פון די צוויי הונדערט משפחות, וואָס וואוינען היינט אין דאָרף, פאַרנעמען זיך פיר און זיבעציק פון זיי מיט חקלאות (פאַרמעריי). יעדער האָט זיך זיין שטיקל באָדן אוןווירטשאַפט, און אַרבעט אין פעלד און ציט דערפון חיונה. פון די איבעריקע פאַרנעמען זיך די מערסטע מיט לערעריי אין און אויסערן דאָרף, באַזונדערס אין די סקולס פון דער חב"ד'ער „רשת אהלי יוסף יצחק".

דער מעיאָר פון כפר חב"ד, ר' שלמה מאַדאַנטשיק, מאַכט אַ לעבן פירנדיק אַ באַן צווישן תל אביב און ירושלים. מען דערציילט, אַז אַמאָל האָט זיך ר' שלמה דערוואוסט אַז אויף זיין באַן פאָרט אַ איד, וואָס וואוינט בשכנות מיטן ליובאַוויטשער רבי'ן אין ברוקלין, האָט ער אָפּגעשטעלט די באַן אויף אַ ווילע, אויפגעזוכט דעם איד און אים געבעטן איבערצוגעבן אַ גרוס דעם רבי'ן.

דער פּרעזידענט פון ישראל, זלמן שזר (דריטער פון רעכטס) זאָגט קינות תשעה באב בײַנאַכט אין שול פון כפר חב״ד. אויפן בילד זעט מען פון רעכטס צו לינקס: הרב נחום טרעבניק, ראש ישיבה פון דער ליובאַוויטשער ישיבה אין כפר חב״ד; ר׳ יונה אײַדלקאָפּ, באַקאַנט אין ישראל אַלס „ר׳ יונה עושה אידישקייט״; דער נשיא זלמן שזר; הרב ר׳ שניאור זלמן גאַרעליק, דער רב פון כפר חב״ד; סגן אַלוף אריה רייז, דעם פּרעזידענטס אַדיוטאַנט; און ניסן גאָרדאָן וועלכער איז יענעם אָוונט אויפגענומען געוואָרן פון פּרעזידענט. (פאָטאָגראַפירט פון לוי יצחק פריידין)

מיר זיינען געקומען אין דאָרף אַריין, זאָגט ער, מיט אַ השגחה פּרטית׳דיקער שליחות און מיר ווען אַלע אונזערע כוחות אָפּגעבן דורכצופירן די דאָזיקע שליחות. כפר חב״ד איז געוואָרן אַן אָרט, וואו אידן קומען זיך אָנוואָרעמען, און אַפילו ווייטע אידן פון גאָר ווייטע קיבוצים. שליחים פון דאָרף פאָרן אַרויס אויף אָוונטן און שבתים צו פאַרברענגען מיט יוגנטלעכע אין נגב און אין גליל, צו ווייזן זיי וואָס לעבעדיקע אידישקייט איז, ווי אַ שבת דאַרף אויסקוקן, ווי אַ איד מאַכט קידוש פרייטיק צו נאַכט און ווי מען מאַכט הבדלה מוצאי שבת. יאָ, עס זיינען דאָ אין ישראל טויזנטער אַזעלכע יוגנטלעכע, וואָס מיט זייער גאַנצן העברעאיש ווייסן זיי ניט דעם אַלף־בית פון אידישקייט, אַפילו ניט דאָס, וואָס אַ סאַנדעי־סקול אינגל אין אַמעריקע ווייסט.

עס פעלט היינט אין כפר חב״ד די חסידישע פיגור פון ר׳ פנחס אַלטהויז ע״ה, דער, וואָס האָט מיט זיין וואַרעמער פּערזענ־לעכקייט אויפגעזוכט אַ סך פאַרלוירענע חסידישע ניצוצות און אויפגעטליעט אין זיי אַ חסידישן פלאַם. מיט אַ וואָרט און אַ ניגון האָט ער איינגעבראַכן פעסטונגען, און מיט אַ טרער און אַ קרעכץ האָט ער גאַנץ געמאַכט צעבראָכענע נשמות. גלייך נאָך זיין פּלוצים־דיקן טויט דעם יאָר, האָט זיך אַ גרופּע פריינט און פאַרערער זיינע, די מערסטע פון זיי טאַקע זיינע דערוואַרעמטע און אויפ־געטליעטע פונקן, פאַרמאָסטן אויף אַ פּלאַן אויפצובויען אין כפר חב״ד אַ „בית פנחס״, וואָס זאָל זיין אַ מרכז פאַר „קירוב לבבות״, אַ צענטער פאַר דערנענטערן אידן איינעם צום צווייטן און דורך דעם דערנענטערן זיי צו תורה און צו חסידות. כפר חב״ד האָט געענוג קאָנקרעטע באַווייזן, אַז זי קען אויפשטעלן געביידעס און אָנפילן זיי מיט תורה, עבודה און גמילות חסדים, ווי עס זאָגן עדות די ישיבות, סעמינאַרן און פאַך־שולן אין דאָרף. די אויפ־שטעלונג פון אַזאַ איינציקאַרטיקן צענטער פאַר קירוב לבבות איז דעריבער מער ווי אַ וויזיע, און כפר חב״ד וועט אינגיכן האָבן אַ שיינע געביידע, וואו אידן פון גאַנצן לאַנד וועלן זיך צונויפקומען

ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן, ניט אַלס מיטגלידער פֿון דער אָדער יענער פּאַרטיי, נאָר אַלס ברידער (אגב, כאָטש כפר חב״ד איז אומפּאַרטייאיש, ווערן אָבער די מערסטע פֿון אירע שטימען אָפּ־געגעבן פֿאַר דער אגודת ישׂראל, ווען עס קומט צו נאַציאָנאַלע וואַלן).

ניט קיין וואונדער, וואָס שוין האָט זיך אַליין צוריקגעפֿונען דורך און אין כפר חב״ד, וואוהין ער קומט אין אַ מאָמענט, ווען עס ווילט זיך אויסדריקן די אחדות׳דיקייט פֿון כלל ישׂראל, ווי צום ביישפּיל, די נאַכט, ווען אידן זעצן זיך אויף דער ערד און צוזאַמען מיטן געוויין פֿון „איכה ישבה בדד״ ווערט באַנייט די האָפֿענונג אויף „חדש ימינו כקדם״.

— גיט איבער אַ גרוס דעם רבי׳ן אין ברוקלין — האָט ער מיר געזאָגט ביים געזעגענען זיך לעבן דעם פּרעזידענטסקן אויטאָ־מאָביל מיט די צוויי מאָטאָרציקל־פּאָליסלייט, וועלכע זיינען גע־שטאַנען גרייט צו באַגלייטן דעם פּרעזידענט צוריק אין זיין וואַקאַציע־האָטעל אין תל אביב.

אין דאָרף איז געווען תשעה־באב׳דיק טונקל און די ליכטער פֿון דעם פּרעזידענטס אויטאָמאָביל האָבן געוואָרפֿן זייער שיין אויף זעקס גרינע אותיות, אַרויסגעוואַקסענע פֿון אונטער דער ערד: כ פ ר ח ב ״ ד.

בילדער און באַגעגענישן

❀

אין דער מחיצה פון הרב ר׳ שלמה יוסף זעווין

אכט אַזייגער אינדערפרי איז שוין הרב זעווין געזעסן ביי זיין אַרבעטס־טיש, אַרומגערינגלט פון ווענט מיט ספרים און מיט מאַנוסקריפּטן וואָס זיינען שוין אָדער דורכגעגאַנגען זיין רעדאַקציאָנעלע פּען אָדער וואַרטן נאָך אויף זייער ריי.

הרב ר׳ שלמה יוסף זעווין איז היינט דער פּראָדוקטיווסטער מחבר אין ארץ ישראל, סיי אין כמות און סיי אין איכות. די שפע פון זיין תורה־פּען האָט אויף אַ האָר ניט באַווירקט איר רייכן תוכן און איר גלאַטקייט פון שפּראַך, און די שטרענגע איבערקלייבערישקייט זיינע האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם שטראָם פון די אוצרות וואָס פליסן פון זיין מוח און פּען.

ווען איך בין אַריין צו אים אין זיין וואוינונג אויף רחוב יונה 5, אין ירושלים, אין באַגלייטונג פון הרב ר׳ אברהם שער

פון ועד הישיבות, איז הרב זעווין שוין געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, און קיין אַרבעט פעלט אים ניט ברוך השם. אין אַלע מקצועות פון דער תורה, אין גאַנצן פרד״ס, איז ער אַ בן־בית, און אומעטום באַמיט ער זיך צו מאַכן דאָס שווערסטע אַזוי פאַרשטענדלעך ווי דאָס לייכטסטע, און אין דאָס לייכטסטע גראָבט ער אַזוי טיף ביז ער אַנדעקט דאָס וואָס איז שוין ניט אַזוי לייכט און פשוט.

אויב איר ווילט אָנפאַנגען אַ שמועס מיט הרב זעווינ׳ען דורך לאָזן אים וויסן אַז איר האָט און ווייסט זיינע ספרים, דאַרפט איר זיין גרייט אויסצורעכענען זיי אַלע בנשימה אַחת ביים נאָמען.

המועדים בהלכה, לאור ההלכה, אישים ושיטות, סיפורי חסידים, סופרים וספרים, לתורה ולמועדים און די אנציקלופדיה תלמודית וועלכע האַלט שוין ביי צען בענדער.

זיין הויכער שטערן און די לאַנגע ווייסע רבנ׳ישע באָרד גיבן אים דעם אויסזען פון אַ אידן וואָס זיצט באהלה של תורה און גייט ניט אַרויס פון די ד׳ אַמות של הלכה.

אָבער איר קענט פאַרציען מיט אים אַ געשפּרעך אויף וואָס פאַראַ טעמע איר ווילט און ער וועט אייך ניט בלייבן שולדיק קיין ענטפער. הרב זעווין איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ איד פון ביידע ירושלים׳ס, פון ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה. ער איז דער גרויסער גאון וואָס מיט זיין פען און הסברה מאַכט ער די ירושלים של מעלה מער פאַרשטענדלעך און הויבט אויף דעם מעיין אין זיינע ספרים צו העכערע וועלטן פון לומדות און קדושה. ער איז צו דער זעלבער צייט אויך אַ פּאַטריאָט פון ירושלים של מטה און ער זעט אין דער אידישער מדינה די ערשטע טריט פון דער גאולה שלמה וואָס איז עתיד לבוא דורך משיח׳ן. הרב זעווין איז היינט די קרוין פון דער שיטה וואָס איז היינט באַקאַנט אַלס רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ציוניזם און צייטנווייז וואונדערט איר זיך פאַרוואָס דער מזרחי נוצט ניט דעם דאָזיקן

גרויסן אוצר פון תורה און יראת שמים ווי אַן אָנשפּאַר אין זיין פּאָלעמיק מיט די תורה־קרייזן פון רעכטס. אויב הרב זעווין אַליין איז דער וואָס וויל ניט אַריינגעצויגן ווערן אין אָפענער פּאַרטיי־פּאָלעמיק, איז עס ווידער אַ זייער אינטערעסאַנטער שטריך פון זיין פאַרבנרייכער פערזענלעכקייט.

הרב זעווין איז אַ חב״ד־חסיד און ער אידענטיפיצירט זיך מיט שטאָלץ מיט זיין חב״ד׳ער אָנגעהעריקייט. ער איז אַ תלמיד פון לעצטן רבי׳ן פון קאָפּוסט־חב״ד, הרב ר׳ שמריה נח זצ״ל פון באָברויסק, וועלכער איז געווען דער אינגסטער זון פון מהרי״ל, ר׳ יהודה לייב, דער צווייטער זון פון צמח צדק וועלכער איז נאָך דער פּטירה פון פאָטער אַוועק און געעפנט אַ רבי׳שן הויף אין קאָפּוסט. אידער הרב זעווין איז געקומען קיין באָברויסק האָט ער געלערנט אַנדערהאַלבן יאָר אין מיר. קיין ארץ ישראל איז ער געקומען פון רוסלאַנד אין 1934.

זינט חב״ד איז פאַר די לעצטע זעכציק יאָר רעפּרעזענטירט בלויז פון ליובאַוויטש, איז הרב זעווין אַ מקושר צו ליובאַוויטש, איינגעשלאָסן דעם היינטיקן ליובאַוויטשער רבי׳ן שליט״א מיט וועמען ער איז אין שטענדיקער קאָרעספּאָדענץ. בעת מיין באַזוך האָט מיר הרב זעווין דערציילט אַז ער האָט געשיקט צום רבי׳ן קיין ברוקלין אַ פאָטאָסטאַט פון אַ כתב־יד וואָס ער איז עס מייחס צום אַלטן רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן מליאַדי און ער האָט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף אַן ענטפער פון רבי׳ן אין אַמעריקע.

איך האָב מיר אָנגענומען מיט מוט און אים אַ פרעג געטאָן צי זיין סימפּאַטיע צום מאָדערנעם שיבת ציון האָט אַ שייכות מיט זיין האָבן געווען אַ תלמיד אין באָברויסק. בעת מעשה האָב איך געטראַכט פון נאָך אַ גרויסן תלמיד פון באָברויסק, איינער פון די גרויסע בעלי הוראה אין אַמעריקע, הרב ר׳ ניסן טעלושקין, וועלכער איז אַ מנהיג פון מזרחי.

נייַן, האָט מיר הרב זעווין געענטפערט, ניט אין באָברויסק האָט ער געגומען זיין פּאָזיטיוון קוק אויפן מאָדערנעם ציוניזם. אדרבא, האָט ער מיר דערציילט, ווען ער איז אַלס 17־יאָריקער בחור'ל אין יאָר 1902 געגאַנגען צו הרב באָרישאַנסקי'ס הספד נאָך דר. הערצל'ען, האָט אים זיין רבי ר' שמריה נח גע'קנס'נט און זייער שטאַרק אויסגערעדט.

אַ גאַנצע וואָך דאַווענט ער אין אַ שול אין דער שכונה וואו ער וואוינט, אָבער שבת גייט ער דאַוונען אין דער חב"ד'ער שול אין מאה שערים. ער איז פון די ראשי המדברים אויף יעדן חסידישן יומא דפגרא, באַזונדערס י"ט כסלו אין כפר חב"ד וואו עס קומען זיך צונויף טויזנטער אידן פון גאַנצן לאַנד.

טראַכט ער אַמאָל וועגן קומען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע?... די פראַגע איז מיר געלעגן אויפן שפּיץ צונג, אָבער אָנקוקענדיק דעם באַרג מיט אַרבעט וואָס ליגט אויף זיין טיש האָב איך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צו שטעלן אים די פראַגע און בין אים געווען זייער דאַנקבאַר פאַר דער האַלבער שעה אין זיין מחיצה.

אַ שמועס מיט׳ן רב הראשי ר׳ יצחק ניסים

בעת איך בין געווען ביי הרב ר׳ יצחק ניסים, דער ספרד׳ישער רב הראשי וועלכער איז ביז צו די קומענדע וואַלן — אויב זיי וועלן ווען פאַרקומען — דער איינציקער רב הראשי, האָט זיך דאַן געטומלט אין די ישראל־צייטונגען וועגן ריכטער חיים כהנ׳ס אַ דערקלערונג מיט אַ פאַרגלייך צווישן די דינים פון דער תורה מיט — רחמנא לצלן — די נאַצישע ראַסן־געזעצן.

אַריינקומענדיק צום רב הראשי אין זיין וואוינונג אויף רחוב באַלפור 7, האָב איך געוואָלט אָנפאַנגען שמועסן וועגן דער רבנות הראשית, וועגן די אָנגעוואַקסענע בערג מיט פּאָליטיק אַרום די וואַלן און וועגן זיין אייגענע ראָליע אין דעם דאָזיקן גאַנצן פּלאָנטער וואָס נאָר איין ג־ט אין הימל ווייסט ווען און ווי אַזוי מ׳וועט פון אים אַרויסקריכן.

הרב ניסים זעט אויס פּערזענלעך ניט ווייניקער פּאַטריאַרכאַליש ווי אויף די בילדער פון אים אין זיין ספרד׳יש־רבנ׳ישן טראַכט מיט דער הויכער מיץ. ווען ער רעדט איז ווי ער וואָלט געציילט די ווערטער. קען זיין אַז דאָס איז געווען כדי דער גאַסט פון ניו יאָרק זאָל אים לייכטער פאַרשטיין. אַלנפאַלס, יעדעס וואָרט איז אַרויסגעקומען שאַרף און קלאָר און ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין צווייפל וואָס ער מיינט.

נאָר אָנשטאָט ענטפערן דאָס וואָס איך האָב געוואָלט וויסן וועגן דער רבנות הראשית, האָט ער גאָר אָנגעפאַנגען דונערן קעגן דעם ריכטער חיים כהן, און זיינער אַ זון, דער אינגערער, האָט מיר געגעבן אַ מימיאָגראַפישע דערקלערונג פונעם פאָטער וועגן

דעם ריכטער און אויך געוויזן עטלעכע אויסצוגן פון דער פּרעסע וועגן דעם זעלבן ענין.

וועגן דער רבנות הראשית האָט ער זיך לכתחילה ניט גע־טרויט צו לאָזן פאַלן אַ וואָרט. ער וויל איך זאָל אים זאָגן קלאָר וואָס איך וויל וויסן. דערנאָך האָט ער געוואָלט איך זאָל עס פאַר אים אין די אויגן אויפשרייבן און איבערלייענען.

די דאָזיקע פּאַרזיכטיקייט גופא איז שוין אייגענטלעך געווען אַ שטיק ענטפער. די רבנות הראשית איז אַ זייער ציטערדיקע טעמע, איבערהויפּט פאַר איינעם וואָס איז מיט אַכט און אַ האַלב יאָר צוריק אויסגעקליבן געוואָרן אַלס רב הראשי אויף איין טערמין און איז דורך דער צייט געוואָרן אַ שטאַרק קאָנטראָווערסיעלע פיגור.

אויפן וואַנט איז געהאַנגען איינגעראַמט דער כתב רבנות וואָס די מדינה האָט אים געגעבן:

בשני בשבת כ״ט לחודש שבט ה׳תשט״ו... פאַנגט זיך אָן דער טעקסט אונטער וועלכן ס׳זיינען אונטערגעשריבן יצחק בן צבי, משה שרת, יהודה לייב מיימון, יו״ר הבוחרים, חזקי׳ שבתי יהושע, רב ואב״ד בירושלים, און משה שפירא, שר הדתות.

און ביי דער הכתרה וואָס איז פאָרגעקומען ו׳ ניסן פון זעלבן יאָר, ווערט צוגעגעבן „ההכתרה היתה... במעמד הרב הרצוג״.

אינעווייניק לייענט זיך דער טעקסט צוו. אַנד. „אחרי דברו לא ישנו וכל היוצא מפיו יעשו״.

און דאָ זיצט דער רב צו וועמען די מדינה האָט צוגעזאָגט איר געהאָרכזאַמקייט און שטורעמט מיט צאָרן קעגן אַ ריכטער וואָס האָט גערעדט מיט חוצפה קעגן דער תורה, וויסנדיק בעת מעשה אַז ער וועט בלייבן מיטן צאָרן און דער ריכטער וועט נאָך ווערן מער חוצפה׳דיק.

און דער זעלבער רב היט זיך צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דער רבנות הראשית, ווייל זיין צוקונפט אין דער רבנות הראשית איז פאַרנעפּלט צוליב אַ סך פּאַרטיי־מענטשן וואָס קענען ניט פאַרליידן זיין זעלבסטשטענדיקייט.

ביסלעכווייז זיינען מיר אָבער פאַרט אַרויפגעקומען אויף דער טעמע רבנות הראשית, און כאָטש וועגן זיך האָט ער איין וואָרט ניט דערמאָנט, האָט ער אָבער יאָ דערמאָנט די נעמען וואָס קאַנדידירן אויפן אַמט פון אשכנזישן רב הראשי. ער האָט דערמאָנט הרב אונטערמאַן, הרב שאול ישראלי, הרב שלמה גורן, און אַפילו אויך עטלעכע נעמען פון אַמעריקאַנער רבנים.

זינט מיין באַזוך ביי הרב ניסים׳ען האָט זי די לאַגע שטאַרק געענדערט צוגונסטן זיין אייגענע ווידערדערוויילונג אַלס רב הראשי פון די ספרדים. זיין האַלטן זיך שטאַרק בעת דעם באַזוך פון פּויפּסט און זיין ניט לאָזן זיך אַרומפירן ווי אַ דעקאָראַציע צו מקבל פנים זיין דעם גאַסט פון רוים, האָט פאַר הרב ניסים׳ען געוואונען גרויס אַכטונג און אַנערקענונג אַלס אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט אָפּגעהיט דעם כבוד פון אונזער אמונה און ניט נאָר פאַרמידן אַ חלול השם, נאָר האָט טאַקע מקדש געווען שם שמים ברבים. אַפילו צווישן די וואָס האָבן אים פריער שטאַרק געדריקט ער זאָל יאָ מיטגיין מיטן פּאַראַד, זיינען היינט דאָ גאָר אַ סך וואָס גיבן צו אָפן אַז ער איז געווען גערעכט.

וואָס זאָגט דער רב הראשי וועגן דער מדינה בכלל? . . .

— עוד לא עמדו בנסיון המדינה עד עכשיו.

אידן זיינען נאָך ביז היינט ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון פון אַן אייגענער מדינה.

— פאַרוואָס? . . .

געמיינט האָב איך אַז ער וועט אַריינגיין אין פּאָליטיק, פּאַרטייען, אינערלעכע קאַמפן, אָבער געזאָגט האָט ער עפּעס גאָר אַנדערש:

— כל זמן שהשבת לא משתמרת בכל בתי ישראל ובכל רחובותיה ובכל מושבותיה ובכל בתי החרושת שלה, הדבר מסוכן.

ער זעט אַ סכנה פאַרן קיום פון דער מדינה אין דעם וואָס דער שבת ווערט ניט אָפּגעהיט כהלכתו.

און אַרויסגייענדיק פון זיין הויז, ביים געזעגענען זיך, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגע׳חזר׳ט אַז דער נסיון פון אַ מדינה איז גרויס און אידן מוזן זיך דערהויבן און ביישטיין דעם נסיון כדי די מדינה זאָל האָבן אַ קיום.

— אַ גרוס אידן אין אַמעריקע — האָט ער געזאָגט לעבן דער אָפענער טיר וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין דער שטילקייט פון אַ ירושלים׳ער זומער־נאַכט.

אין דער חב״ד׳ער שול אין מאה שערים

די שילד׳ל „רחוב בעל התניא״ וואָס איז אויפגעקלאַפּט אויפן שוק מאה שערים קוקט אויס אַלט און פאַרזשאַווערט, ווי זי וואָלט אָנגעקלאַפּט געוואָרן גלייך דאַן ווען די ערשטע גרופּע אידן איז אַרויסגעגאַנגען מחוץ לחומה און געלייגט דעם יסוד פאַר דער היינטיקער נײַ־ירושלים.

אָבער פאַר אַן אָפּשטאַמיקן פון אַ חב״ד׳ער היים גיט די אַלטע פאַרזשאַווערטע שילד׳ל אַ לייכט־אויף ווי אַן עלעקטרישע נעאָן־שילד וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצע וואַנט אויף בראָדוויי.

אַ נאָמען פון אַ גאַס וואָס איז אַזוי נאָענט, ליב און טייער.

ס׳איז אַן ענגע, שמאָלע געסל וואָס איר ערשטע געביידע איז די חב״ד׳ער שול, די עלטסטע נוסח אר״י שול אין ירושלים.

אינעווייניק זיינען געזעסן אַ פּאָר עלטערע אידן, איבער־געבויגן איבער אַ ספר. אַ יונגערמאַן אין אַרבעטס־קליידער האָט זיך געפּאָרעט אַרום די עלעקטריק. ער איז אַ זון פון ר׳ הערש בלוי, פון דער גרויסער בלוי־משפחה, און ציט זיין חיונה פון עלעקטראָ־טעכניק.

— ווען דאַווענט מען דאָ אינדערפרי?... האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי איינעם פון די עלטערע אידן.

דער ערשטער מנין דאַווענט האַלב נאָך זעקס אינדערפרי, וותיקין, אַזוי ווי עס פירן זיך די יקירי ירושלים וועלכע זיינען מהדר צו לייענען קריאת שמע גלייך מיטן נץ החמה.

אויף מאָרגן, מאָנטיק ראש חודש מנחם אָב (יולי דעם 22־טן) בין איך געווען אין שול אין צייט צום מנין. מען האָט געדאַוונט אַ היימישן דאַווענען, מיטן צוגאָב פון ברכת כהנים צו חזרת הש״ץ און אויך אַ ברכו ביים סוף פון דאַווענען.

ווען ס׳איז געקומען צו קריאת התורה האָט דער שמש דער־שמעקט אַז ס׳איז דאָ אין שול אַן אורח מיט אַן אַמעריקאַנער נאָז און האָט אים מכבד געווען מיט אַן עליה.

— יעמוד ?... האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף מיר, אַז איך זאָל אים זאָגן ווי מ׳רופט אַ אידן אויף.

— ניסן ב״ר יוחנן — האָב איך אים געענטפערט, זייענדיק שוין אויפן וועג צו דער בימה.

נאָך דער לעצטער ברכה האָט ער מיר מכבד געווען מיט אַ מי שברך און אַ שנדר פאַר דער שול.

— אפשר מאַכט איר אַ מי שברך דעם רבי׳ן ?... האָט דער שמש, אַ הויכער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ פרעג געטאָן.

— וועלכן רבי׳ן ?... האָב איך זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק.

— וואָס הייסט, דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, זאָל געזונט זיין, אין ברוקלין !...

ביים צווייטן מי שברך האָט איינער פון די גבאים וואָס איז געשטאַנען ביים בימה, אָנגענומען מיר ביים אַרבל און מיט אַ שאַרפן קוק מיר אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ פרעג געטאָן מיט אַ זיכערן טאָן :

— איר זייט ר׳ יוחנן׳ס אַ זון, האַ ?...

די גבאים דאָרט ווייסן אַז ר׳ יוחנן איז דער גבאי אין ליובאַוויטשער בית מדרש אויף 770 איסטערן פּאַרקוויי, ברוקלין. זיי ווייסן אויך אַז ווען אַן אורח פון ארץ ישראל וויל אַן עליה

אין ברוקלין מוז ער אָנקומען צום גבאי. ווער ווייסט, אפשר וועט ר׳ יוחנן זיי אויך מכבד זיין מיט עטלעכע מי שברכ׳ס ווען זיי וועלן קומען קיין ברוקלין?...

די שלום עליכם׳ס צווישן דעם גאַסט פון אַמעריקע מיט די ירושלים׳ער געבוירענע חב״ד׳ניקעס זיינען געווען ווי צווישן לייב־לעכע ברידער. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויפן רבי׳ן, אויף פריינט און באַקאַנטע און געבעטן אָפּצוגעבן גרוסן אין ברוקלין.

און צווישן די שלום עליכם׳ס איז געווען איינער פון אַן עלטערן אידן, אַן איינגעבויגענעם, וועלכער האָט מיר אָנגענומען מיטביידע הענט:

— אוי... אוי... דו ביסט יוחנג׳ס זון?... איך בין אַלטער טשוכמאַן פון דאָקשיץ... דערקענסט מיר אפשר?...

דעם אמת געזאָגט האָב איך אים ניט דערקענט, אָבער דער נאָמען אַלטער טשוכמאַן האָט אַ ווייע געטאָן מיט קינדערשע זכרונות פון דאָקשיץ, פון דער שטעטל וואו דער טאַטע איז געווען שוחט און וואו ר׳ אַלטער טשוכמאַן איז געווען אַ פיינער חסידישער באַלעבאָס וועלכער האָט געהאַט אַ גאָרטן וואו עס האָבן געוואַקסן פּאָמידאָרן און וועלכער האָט אונטערגעברומט אַ חב״ד׳ער תנועהביים דאַוונען אין דער סטאַראָסעליער שול.

אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן זיינען ר׳ אַלטער טשוכמאַנ׳ס קינדער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער חלוצ׳ישער באַוועגונג וועלכע האָט דאַן אָנגעשפּאַרט אין די קליינע שטעטלעך. זיי זיינען אַוועק קיין ארץ ישראל, און ניט לאַנג דערנאָך איז אויך ר׳ אַלטער אַליין אַוועק צו די קינדער.

ער איז שוין היינט אַ זקן, נאָענט צו די ניינציקער, אָבער מיט יעדן וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז פאַר מיר אויפגעשוואומען דער ר׳ אַלטער פון אַמאָל מיטן רימענעם פעלץ, ווי ער פלעגט קומען אין שול און זיך שטעלן אויף זיין אָרט, אויף אַ באַנק אַנטקעגן דעם אָרון קודש.

— איך האָב דרײַ בקשות צום רבונו של עולם, צו דערלעבן משיח'ן, צו זען זיך מיטן רבי'ן און מיט ר' יוחנן — האָט ער געהאַלטן מיין האַנט אין זײַנע בײדע הענט, ווי ער וואָלט זיך ניט וועלן צעשיידן מיטן זון פון זײַן אַמאָליקן ידיד, דער דאָקשיצער שוחט.

כ'האָב אים דערמאָנט אַז זײַן הויז אין דאָקשיץ האָט געהאַט אַ באַזונדערן יחוס. נאָך אַ טאָג אַרומגײן שמחת תורה פון איין קידוש צום צווייטן, פלעגט זיך דער עולם אָפּשטעלן בײַ אים, ווידער מאַכן אַ לחיים און זיך דאָן אויסניכטערן מיט אַ גלאָז טיי מיט וואַרעניע און מיט דאַווענען דעם מעריב פון מוצאי יום־טוב.

עס פעלט אים גאָרניט. די קינדער האַלטן מיר אויס בכבוד, זאָגט ער, און איך זיץ אַ גאַנצן טאָג אין שול און לערן.

כ'האָב געוואָלט ברענגען צוריק אַהיים קײן ברוקלין מער ווי אַ בעל פה'דיקן גרוס פון ר' אַלטער'ן און כ'האָב אים געבעטן אָנצושרײַבן אַ פּאָר שורות צום טאַטע'ן. ס'איז אים אָבער שווער צו שרײַבן, האָט דער גבאי ר' לייב סלאָנים אָנגעשריבן די פּאָר שורות און ר' אַלטער האָט זיך אונטערגעשריבן: נאום אַלטער מענדל שלום ב"ר יצחק מדאָקשיץ.

אַ שלום־וואָרט

אַ באַזוך אין ארץ ישראל גיט אַן ענטפער אויף אַ סך פראַגן וואָס פון דערווייטנס קוקן זיי אוים ווי שווערע קשיות.

דער תא חזי פון ירושלמי גיט אַן ענטפער אויף אַ סך תא שמע'ס פון בבלי.

אַ באַזוך אין ארץ ישראל שאַפט אָבער אויך נייע קשיות וואָס פון דערווייטנס דוכט זיך אַז זיי זיינען גאָר ניט אַזוי שטאַרק.

איינע פון די דאָזיקע שווערע קשיות וואָס מיין באַזוך אין ישראל האָט ביי מיר אַרויסגערופן איז:

ווי אַזוי קען אַ איד אַ מאמין איינזיצן אין חוץ לארץ בעת די טויערן פון ארץ ישראל זיינען אָפן?...

לאָמיר אַוועקלייגן אָן אַ זייט אַלע פּלפּולים צי ישוב ארץ ישראל איז דאורייתא אָדער דרבנן; און לאָמיר אַוועק־לייגן אָן אַ זייט אַלע פּאַרטייאישע און פּאָליטישע טענות צו דער אָדער יענער פּאַרטיי. דער פאַקט איז אַז דאָס הייליקע לאַנד איז ברייט פאַנאַנדערגעעפנט פאַר אידן אַריינ־צוקומען, און הלואי וואָלט מען נאָר פון אומעטום אַרוים־געלאָזט ווי מען לאָזט פון אומעטום אַריין.

איז וואָס איז געשען מיט אונזער אהבה, מיט דער איינגעוואָרצלטער אהבה און בענקשאַפט צו ציון?...

און די פון אונז וואָס זיצן אין חוץ לארץ ווייל זיי האָבן טענות צום רעזשים, צו דער רעגירונג, מיינען זיי עס

טאַקע מיט אַן אמת, אָדער נוצן זיי די טענות אַלס קאַמופּלאַזש פאַר זייער פאַרליבטקייט אין אַמעריקאַנער סיר הבשר?...

און אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז וואוינען אין ארץ ישראל איז היינט אַ חטא, ווערן דען פרומע אידן קיינמאָל ניט נכשל אין אַ סך האַרבערע חטאים?... פאַרוואָס ווערט עפּעס קיינער ניט נכשל אין דעם חטא פון אַוועקגיין קיין ארץ ישראל און באַזעצן זיך אין בני ברק, חפץ חיים, כפר חב"ד אָדער שדה חמד?...

זייענדיק אין ארץ ישראל און צוקוקענדיק זיך ווי עס לעבן זיך אידן אין זייערע פרומע שטעטלעך, מושבים און קיבוצים, ווערט די קשיא אויף אַמעריקאַנער פרומע אידן אַוועקגעשטעלט אין איר פולסטער שאַרפקייט. איך פרעג עס ניט נאָר אויף אַנדערע, איך פרעג עס ניט ווייניקער אויף זיך אַליין, ווי אַ יחיד פון היגן רעליגיעזן צבור.

אויב אויף טרינקען חלב ישראל אין אַמעריקע קערט מען איבער אַ וועלט — און עס קומט טאַקע אַ סך קרעדיט די יעניקע ערשטע פּיאָנערן וואָס האָבן איינגעפירט אַז אַ איד זאָל דאָ קענען טרינקען אַ גלאָז מילך, אָן קיינע פּקפּוקים — וואו איז אונזער הידור אויף לעבן און אָטעמען אין ארץ ישראל?...

דאָס רעליגיעזע אידנטום אין אַמעריקע אַלס כלל קען זיך אפשר האָבן זיינע לאָגישע אָדער איבערגעטריבענע תירוצים, פאַרוואָס אַלע פרומע אידן פליען ניט אַוועק אין איין פרימאָרגן קיין ארץ ישראל.

אָבער יעדער יחיד, יעדער רעליגיעזער איד פאַר זיך, ווי אַזוי פאַרענטפערט ער אמת און אויפריכטיק זיין ניט אַוועקלאָזן זיך קיין ארץ ישראל?...

דער חורבן פון אונזערע טעג האָט אַרויסגערופן ביי אַ סך קטני אמנה פראַגן פון פאַרוואָס און פאַרווען. דער איד דער

מאמין ווייסט און פילט אָבער אַז „צדיק ה׳ בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו״, אַז די וועגן פון דער השגחה זיינען פון אונז פאַרהוילן, אַז ג־ט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, אויב אַפילו מיר פאַרשטייען עס ניט.

אָבער דער פאַרוואָס און פאַרווען וואָס די תקומה פון ארץ ישראל רופט אַרוים, איז אויפן חשבון פון אידן מאמינים. פאַרוואָס אידן מאמינים אין קדושת התורה, וואָס דאָס מיינט אויך קדושת הארץ, פאַרוואָס זיצן מיר אין חוץ לארץ?...

דאָ איז די גרויסע קשיא אויף אונז, ניט אויף דער השגחה.

דאָ וואַרט די השגחה אויף אונזער ענטפער.

„אינוועסטמענטס״ פון אַן אַמעריקאַנער איד אין ישראל

א גוטער ביזנעסמאַן איז ניט נאָר דער וואָס לייגט אַריין געלט אין אַ גוט געשעפט, נאָר דער וואָס גיט אַכטונג אויף זיין אינוועסטמענט און איז פּאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען אַלעמאָל ווי דאָס געשעפט גייט.

אַ געוויסנהאַפטער עסקן און כלל־טוער איז ניט נאָר דער וואָס גיט אַ גרויסעביישטייערונג פאַר אַ דבר שבצדקה, נאָר דער וואָס נעמט אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דער דבר שבצדקה, וואָס עס ווערט געטאָן מיט זיין געלט און ווי אַזוי עס גייט צו די אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע אָדער אונטערנעמונג פאַר וועלכער ער האָט ביישטייערט.

אויף מיין רייזע אין ישראל האָב איך דורכגעפירט אַזאַ סאָרט מיסיע פאַר אַזאַ סאָרט געוויסנהאַפטן נדיב און עסקן, מר. משה מאָרגענשטערן און זיין פרוי, וועלכע האָבן מיר אָנפאַרטרויט אַ שליחות צו באַקענען זיך מיט זייערע „אינוועסטמענטס״ אין ישיבות און חנוך אין ישראל. זייער בקשה איז געווען איך זאָל באַזוכן און אַ קוק טאָן אויף דער אַרבעט פון די אינסטיטוציעס אין וועלכע זיי האָבן אַ חלק און ברענגען זיי אַ באַריכט.

און געזען האָב איך אַז מר. משה מאָרגענשטערן איז גערעכט מיט זיינס אַן אָפּטער באַמערקונג אַז אינוועסטמענטס אין תורה ברענגען די בעסטע דיווידענדס. ווי אַ ביזנעסמאַן האָט ער שוין דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרעם, פאַרדינט און פאַרלוירן. וואָל

סטריט — זאָגט ער — האָט שוין דורכגעמאַכט מער ווי איין קראַך, בעת אַרבעט און הילף פאַר תורה איז אומצושטערבאַר. ס'איז אַ קנין עדי עד, אַן אייביקע עשירות.

די „משה מאָרגענשטערן שול" פון דער ליובאַוויטשער ישיבה אין כפר חב"ד, האָט אָפּגעקלונגען מיטן קול פון תורה און תפילה פון הונדערטער תלמידים וועלכע דערמאָנען די נעמען פון מר. און מרס. מאָרגענשטערן מיט אַ ברכה אויף זייערע ליפּן.

אין רחובות האָבן די מאָרגענשטערנס זיך איינגעשאָפּט די הויפּט־געביידע פון דער ישיבת הדרום וועלכע ווערט סובסידירט פון דער הסתדרות הרבנים פון אַמעריקע. און ניט נאָר באַצירן זייערע נעמען דעם בנין אינדרויסן, נאָר אויך דער פּרוכת אינעווייניק זאָגט עדות אויף דער הילף וואָס די דאָזיקע ישיבה אויפן שוועל פון נגב געניסט פון זייער ברייטהאַרציקייט.

די שמאָלע געסעלעך ביים ברעג־ים אין יפו פירן צו אַ ריזיקער חנוך עצמאי סקול וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מר. און מרס. מאָרגענשטערן און וואו הונדערטער קינדער פון אָרעמע היימען לערנען תורה און ווערן דערצויגן אין גייסט פון תורה און אמונה.

און אַזוי אין נאָך און נאָך ישיבות און אַנדערע אינסטיטוציעס וואו די קערנדלעך וואָס זיי האָבן פאַרזייט מיט זייער צדקה, ברענגען היינט אַ ישועה פאַר טויזנטער וואָס געניסן פון זייער ברייטהאַרציקייט.

ווען איך בין צוריקקומענדיק פון ישראל געזעסן מיט מר. און מרס. מאָרגענשטערן אין ניו יאָרק און אָפּגעגעבן זיי אַ באַריכט פון זייער חלק אין ישראל, איז צו זייער פרייד ניט געווען קיין ברעג. דאָס בליען פון זייערע אינוועסטמענטס אין ישראל, און די הערלעכע פּרוכט פון זייער נדיבות הלב און אהבת התורה, איז פאַר זיי געווען אַ קוואַל פון אויפריכטיקער באַגייסטערונג.

און זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט בלויז אויסהערן אַ טרוקענעם באַריכט. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף פּרטים, ווי

די קינדער וואָס לערנען דאָרט זעען אויס, צי די געביידעס ווערן געהאַלטן ריין און ציכטיק און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן צו העלפן אין דעם ווייטערן וואוקס פון די אינסטיטוציעס.

צוזאַמען מיט מיין באַריכט האָב איך זיי אויך מיטגעבראַכט די ברכה פון ציון וואָס איז פאַר זיי געשיקט געוואָרן פון גרויסע ראשי ישיבה און פון תינוקות של בית רבן.

און אַ גרוס און אַ דאַנק האָב איך זיי אויך מיטגעבראַכט פון נשיא פון מדינת ישראל ועמען איך האָב פּרעזענטירט אין זייער נאָמען אַ באַדייטנדע סומע פאַרן „עמוס־פאָנד" (עידוד מלומדים וסופרים) וואָס דער נשיא פירט פּערזענלעך אָן, צו העלפן געלערנטע און שרייבער וואָס נויטיקן זיך אין הילף.

צו די אַלע גוטע ברכות וואָס איך האָב זיי געבראַכט פון הייליקן לאַנד, וויל איך בלויז צוגעבן מיין אייגענעם „אמן".

די „משה מאָרגענשטערן שול" אין כפר חב"ד.

ניסן גאָרדאָן (רעכטס) ציִיגט מיטן פינגער אויף דער שילד מיטן נאָמען פון משה מאָרגענשטערן ביים אַריינגאַנג פון דער שול. לינקס איז הרב אפרים וואולף, דער פאָרשטייער פון כפר חב"ד.

ed with their charity bring today hope and salvation to the thousands who benefit by their generosity.

Upon my return from Israel, when I sat with the Morgensterns in New York and gave them a report of their massive share in the Holy Land, their joy knew no bounds. The splendid fruit of their kind hearts and love of Torah was for them a source of sincere inspiration. Nor were they satisfied with a general report, they wanted as many details as I was able to furnish. They wanted to know the number of children in each of the institutions, how is their health, how well the buildings are equipped and what can be done to enhance the continued growth of these institutions.

With my report, I brought them also the blessings of Zion sent by outstanding Roshe Yeshiva and the children studying the Torah.

I was privileged also to bring them both the gratitude and the greetings of the President of the State of Israel to whom I presented, in their behalf, a substantial gift for the "AMOS" fund (to assist scholars and writers), which is a special presidential project to help talented writers and scholars in need.

To all these blessings and good wishes which I brought from the Holy Land, I wish only to add my heartfelt AMEN.

ments in Torah bring the best dividends. As a businessman he has gone through thick and thin, endured huge losses and chalked up fabulous gains. Wall Street, he says, had more than one crash, while the support of and work for Torah is indestructible. It is a permanent possession, an everlasting wealth.

The Morris Morgenstern Synagogue of the Lubavitcher Yeshiva in "KFAR CHABAD" resounded with the Torah and prayers of the hundreds of pupils who remember the names of Mr. & Mrs. Morgenstern with a blessing.

In Rehovoth, the Morgensterns "acquired" the main building of the Yeshivat Hadorom which is subsidized by the Rabbinical Council of America. Not only do the names of the Morgensterns adorn the exterior of the building, but also on the inside, on the POROCHES (THE TORAH ARK COVER) appears the testimony to the support which that great Yeshiva, at the gateway to the Negev, enjoys at the hands of their generosity.

The narrow, winding streets at the edge of the sea in Jaffa lead to a huge edifice — a CHINUCH ATZMAI school bearing the names of the Morgensterns, where hundreds of children of the poorest families learn Torah and are brought up in the spirit of faith in G-d.

The same holds true in the case of many other Yeshivos and institutions where the seeds they plant-

THE INVESTMENTS OF AN AMERICAN JEW IN ISRAEL

A GOOD INVESTOR IS not one who merely puts his money into a sound business venture, and lets it go at that, but rather one who is concerned at all times to find out how the business is progressing.

In the same vein it may be said that the **conscientious** communal worker and benefactor is not only he who gives a substantial charitable contribution to a worthwhile cause, but rather one who takes a deep, personal interest in the cause which he supports to find out how his money is being put to use and how the organization which he helps gets on with its program.

On my trip to Israel, I carried out just such a mission in behalf of a dedicated philanthropist and communal leader, Mr. Morris Morgenstern and his wife, who entrusted me with the assignment to acquaint myself with their investment in Yeshivos and other institutions of religious education and to give them a report of what has been achieved through their contributions. What I saw convinced me how right Mr. Morgenstern is when he says that invest-

OLD AND NEW IN ISRAEL

(ALT UN NEI IN YISROEL)

by

NISSAN GORDON

Published by the
NISSAN GORDON PUBLICATION COMMITTEE
New York, 1964

RABBI PINCHOS M. TEITZ
Presidium-member of The Union of Orthodox Rabbis

RABBI ABRAHAM N. AvRUTICK
President of The Rabbinical Council of America

RABBI MEYER GREENBERG
President of The Rabbinical Alliance of America